STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01985

BIBLISHE GEZANGEN

Hayim Shoys

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים שויס

ביבלישע ליטעראַטור

ביבלישע געזאַנגען

די געזאַנגען פון „חומש" און „נביאים ראשונים"

מיט א פאררעדע
פון
דר. ח. זשיטלאָווסקי

ליטעראַרישער פערלאַג
256 איסט בראָדוויי, ניו־יארק

Copyright 1916 by the Yiddish Literary Publishing Co., Inc. New York

49

אינהאלט:

פאררעדע פון דר. ח. זשיטלאווסקי
אלגעמיינע איינפיהרונג — — — — — — — — — — — — — 5
די ביבעל אלס ליטעראטור — — — — — — — — — — — 39
ביבלישע פאעזיע — — — — — — — — — — — — — — 57
ביבלישע געזאנגען — — — — — — — — — — — — — — 73
טעקסט־בעמערקונגען — — — — — — — — — — — — 193
ביבליאגראפישע אנווייזונגען — — — — — — — — — — 221

פֿאָררעדע

פֿון

דר. ח. זשיטלאָווסקי.

די וויסענשאַפֿטליכע אונטערזוכונג פֿון אונזערע הייליגע שריפֿטען האָט געפֿיהרט צו דעם העכסט וויכטיגען רעזולטאַט, אַז די איינצעלנע ביכער זייערע, וואָס ווערן צוגעשריבען צו איין־איינציגען מחבר, זע־נען אין דער אמת'ן קינסטליכע צונויפֿשטעלונגען פֿון פֿריהערדיגע שריפֿטען אָדער מינדליכע טראַדיציעס, — א צונויפֿוועבונג פֿון עלע־מענטען, וואָס שטאַמען פֿון פֿערשיידענע מענשען, פֿון פֿערשיידענע געדאַנקען־קרייזען און פֿערשיידענע עפּאָכען.

די היסטאָריש־ליטעראַרישע קריטיק, וואָס געהט אַרויס פֿון אָט דעם רעזולטאַט, איז פֿערנומען מיט דעם פֿאַנאַנדערשיידען פֿון יענע איינצעלנע טיילען, וואָס זענען אַזוי קונציג צונויפֿגעפֿלאָכטען געוואָ־רען אין איין גאַנצעס. די אַרבייט איז נאָך ניט צו ענד, און מען קאָן באמת ניט פֿאָראויס־זעהען, ווען זי וועט קומען צו א פּאָזיטיווען אָב־שלוס.

אָבער איינצעלנע רעזולטאַטען זענען שוין געוואונען געוואָרען, וואָס האָבען א גרויסען גראַד פֿון וואָהרשיינליכקייט פֿאַר זיך, ווייל זיי בעפֿרידיגען די פֿאָדערונגען, וועלכע מען קאָן על פּי וויסענשאַפֿטליכען יושר שטעלען צו זיי.

אַזוי מוז מען, נאָך מיין מיינונג נאָך, עד היום אָננעהמען פֿאַר ווי־סענשאַפֿטליך יענע טעאָריע, וועלכע לעגט פֿאַנאַנדער דעם חומש אין פֿיער ביז פֿינף בעזונדערע „קוועלען“, וואָס זענען אין א משך פֿון צייטען צונויפֿגעאַרבייט געוואָרען אין איינעם. איך זאָג דאָס, ניט קוקענדיג אויף דעם פֿאַקט, וואָס גראָד אין דער לעצטער צייט האָט זיך אויפֿגעהויבען אַן ערנסטע קריטיק פֿון דער פֿיער־קוועלען־טעאָריע, — א קריטיק, וואָס וויל זי פֿערבייטען, ווי עס ווייזט אויס, מיט דער טע־

אריע, אז דער חומש איז דירעקט ארויסגעוואקסען פון א סך איינצעלנע צוואווארפענע פראגמענטען.

די נייעסטע אנשויאונגען וועגען דעם ענין, ווי אינטערעסאנט זיי זאלען ניט זיין און אין ווי פיעלע איינצעלנע פרטים זיי זאלען ניט האבען געטראפען דעם אמת, האבען אבער דערווייל פאָרט ניט די קראפט מבטל צו זיין די יסודות פון יענער טעאָריע, וואָס איז נאך ביז איצט די הערשענדע אויף דעם פעלד פון דער פרייער ביבעל־פאָר־שונג.

שטעהט מען אבער אויף דעם באָדען פון די אנגענומענע וויסענ־שאפטליכע טעאָריעס, וואקסט ארויס די זעהר שווערע אויפגאבע, ווי אזוי דורכצופיהרען א ריין וויסענשאפטליכע אויסגאבע פון די טעקס־טען און איבערזעצונגען.

דער פשוט'סטער וועג וואלט געווען אזא: פאָרזיכטיג פאנאנדער־פאלמעסען דעם טעקסט אין זיינע איינצעלנע טיילען און ארויסגעבען יעדען טייל בעזונדער. דער וועג איז נאך פון קיינעם ניט בעטראָטען געוואָרען; די שוועריקייטען פון אזא וועג זענען אויך צו גרויס, ווייל אין פערשיידענע שטעלען זענען די איינצעלנע חלקים אזוי צוגעפאסט גע־וואָרען איינער צו דעם אנדערן, אז ווען מען נעהמט זיי פאנאנדער פערלירען אלע טיילען יעדען פערנינפטיגען זין. אגב וואלט דער איצ־טיגער טעקסט, ביי אזא מעטאָדע, אין גאנצען פערלאָרען געוואָרען פון אויג און נאָר מיט גרויס מיה וואלט מען געקאנט ווידער געווינען די פאָרשטעלונג פון זיין געשיכטליכען אויפבוי.

אן אנדער וועג, וואָס איז נאָהענט צו דעם נאָר וואָס געשילדער־טען, וואָס בלייבט אבער אויך נעהענטער צו דעם איצטיגען טעקסט, בעשטעהט אין דעם, וואָס מען נעהמט אן איינצעלנעם אבשניט פון דער ביבעל (צ. ב. די מבול־זאגע, יציאת־מצרים, דוד'ס אויסבעהאלטען־זיך פון שאול'ן א. אז. וו., א. אז. וו.), מען לעגט דעם אבשניט פאָ־נאנדער אין זיינע איינצעלנע קוועלען, און מען דרוקט אב די קוועלען אין פאראלעלע קאלאָנען, איינע נעבען דער אנדערער. דאס גיט אויפ'ן שטעל די מעגליכקייט צו פ ע ר ג ל י י כ ע ן די טעקסטען און צו

זעהן, ווי די פערשיידענע מחברים האבען פערשיידען בעהאנדעלט דעם ענין.

אזא פערגלייכענדע, פאראלעלע ביבעל האט אין ענגליש ארויס־געגעבען טש. פ. קענט („סטודענט'ס אלד טעסטאמענט"). אבער אויך דער וועג האט זיינע חסרונות, וואס ניט דא איז דער פלאץ זיי אויס־צורעכענען.

דער אנגענומענסטער אופן, ווי אזוי צו רעדאגירען א וויסענ־שאפטליכע אויסגאבע פון דעם טעקסט אדער דער איבערזעצונג, איז דער, וועלכען די אזוי אנגערופענע „פארביגע אדער קאלארירטע בי־בעל" האט אנגעווענדט פאר'ן טעקסט און ק. ק ו י ט צ ש האט אנגעווענדט פאר דער דייטשער איבערזעצונג, וואס איז ארויס אונטער זיין רעדאקציע.

דער טעקסט אדער די איבערזעצונג ווערט געדרוקט „ווי זי שטעהט און געהט" אין דער טראדיציע. נאר צווישען די איינצעלנע קוועלען אין יעדען אבשניט ווערט געלאזען א קליינער שטח, און די פערשיידענע מחברים ווערן קענטיג געמאכט אדער דורך פערשיידענע קאלירען, אדער דורך בוכשטאבען ביי דער זייט פון דעם טעקסט, ווי אין קויטצש'עס איבערזעצונג (יעדער מחבר האט זיין בוכשטאב).

אויף אזא'ן אופן זעהט מען בחוש (אם קלארסטען אין דער פאר־ביגער ביבעל) פון וועלכע פערשיידענע טיילען עס איז צונויפגעשטעלט דער טעקסט און מיט וועלכע פעדים זיי זענען צונויפגענעהט.

א גאנץ נייער וועג, ווי צו רעדאגירען א וויסענשאפטליכע אויס־גאבע פון די הייליגע שריפטען, ווערט פארגעשלאגען אין דעם בוך, וואס איז איצטער אין די הענד פון דעם לעזער. הערר ח. שוים טיילט איין די גאנצע ביבלישע ליטעראטור ניט לויט די איינצעלנע קוועלען, פון וועלכע זי איז צונויפגעזעצט, ניט נאך דער כראנאלאגיע פון איהר ענטוויקלונג, נאר נאך די איינצעלנע ל י ט ע ר א ט ו ר־א ר ט ע ן, פון וועלכע זי בעשטעהט: געזאנגען, זאגען, מיטהען, לעגענדען, היסטארישע כראניקען, נבואות, אראקלען, ליריק, שפריכ־ווערטער, געזעץ־פארשריפטען א. ד. גל. און ערשט די איינצעלנע אר־

מען ווערן ווידער איינגעטיילט (אויף וויפיעל דאָס קאָן געמאכט ווערן) אין א כראָנאָלאָגישער אָרדנונג.

דערוויילע ליעגט דאָ פאר אונז דער ערשטער טייל פון דער ערשטער ליטעראַטור־אַרט, וועלכע דער מחבר האָט גענומען אין זיין בעארבייטונג: „ביבלישע געזאַנגען", ערשטער טייל: „די געזאַנגען פון חומש און נביאים ראשונים". און אויב איך מאַך ניט קיין טעות העננט זיין ווייטערע אַרבייט, ביז דעם פאָלקאָמען אויספיהר פון דעם גאַנצען פּלאַן, זעהר פיעל אָב פון דעם ערפאָלג, וועלכען דער ערשטער אָנהויב וועט געפינען ביי דעם אידישען לעזענדען פובליקום.

עס לאָזט זיך געווים זעהר פיעל דעבאַטירען וועגען דעם ווערטה פון אזא נייער איינטיילונג פאר דער ריין וויסענשאַפטליכער בעהערשונג פון דעם גאַנצען ביבלישען מאַטעריאַל. דאָ קאָנען מיר זיך גאַנץ זיכער ניט אריינלאָזען אין אַלע פּראָ'ס און קאָנטראַ'ס. עס מוז אָבער בעמערקט ווערן, אז ווי א צוגאָב צו די שוין פאראַנענע מעטאָדען, איז אויך אָט דער וועג בלי שום ספק א זעהר ווערטפולער, יוייל ער וועט אונז געבען אַן איבערבליק איבער די ליטעראַטור־פעלדער, וואָס דער זשעני פון דעם אַלט־אידישען פאָלק האָט בעארבייט, אויף די פּראָדוקטען, וואָס יענער זשעני האָט ארויסגעבראכט, און אויף דעם ספּעציפישען אינטערעס, וואָס די צונויפשטעלער פון דעם תנ"ך האָבען ארויסגעוויזען צו דעם אָדער יענעם פעלד.

דער ווערטה פון דער נייער אונטערנעהמונג וואַקסט אבער נאָך מעהר אין בעדייטונג, — און דערביי פערשווינדען אַלע „קאָנטראַ'ס" און עס בלייבען נאָר די „פּראָ'ס", — ווען מען בעטראַכט די שטעלונג, וועלכע אונזער מחבר האָט אָנגענומען בנוגע צו דער ביבלישער ליטעראַטור, און די ספּעציעלע ציעלען, וואָס ער האָט אין אויג מיט זיין א י ד י ש ע ר איבערזעצונג.

געוואַלטיג רייך איז דער גייסטיגער אוצר, וועלכען דאָס אַלט־אידישע פאָלק האָט אין דעם תנ"ך איבערגעלאָזען בירושה פאר דער גאַנצער מענשהייט: העכסט ווערטפולע דאָקומענטען פאר דער געשיכטליכער ענטוויקעלונג פון דער מענשליכער קולטור אין א בעשטימ־

טער צייט; קינסטלערישע בעשרייבונגען פון פערזאָנען, כאַראַקטערען, זעעלישע צושטענדען, — פרעכטיגע שילדערונגען פון דעם אייביגען און מענשליכען אין דעם מענשען׳ס ברוסט; גלענצענדע שפּראַך־שענ־קייט; מאָראַלישע פאָרשריפטען פון דער הומאַנסטער אַרט, דורכגע־זאַפּט מיט דער ברענענדסטער בייגקשאַפט נאָך סאָציאַלער גערעכטיג־קייט און צווישען־פעלקערליכען פרידען; א רעליגיעזע קאָנצעפּציע וועגען דער שייכות פון גאָט, וועלט און מענש, וואָס וועט אפשר בלייבען אזוי אייביג, ווי אייביג עס וועט וואקסען דער רעליגיעזער צווייג אויף דעם בוים פון דער אַל־מענשליכער קולטור; א לעבענס־בעטראַכטונג, וואָס רעגט אויף אַלע פאַזערן פון אונזער געמיטה פון די פינסטער־טראַגישעסטע ביז די העלסטע און פריידיגסטע; גראַנדיעזע צו־קונפטס־האָפענונגען, אין וועלכע די מענשהייט קומט צום ערשטען מאָל צו דעם בעוואוסטזיין פון איהר איינהייט, גאַנצקייט, איהר מענשליכען מהות און איהר מענשליכער מיסיע אויף דער ערד. עס איז ניט קיין חדוש, וואָס מען גלויבט, אז דאָס אייביגע בוך וועט אייביג געהערען צו דער חשוב׳סטער גייסטיגער שפּייז פון דער מענשהייט.

אזא בוך האָט געמוזט צוציהען צו זיך דעם אינטערעס פון די פערשיידענאַרטיגסטע פאָרשער. עס שטודירען איהם די סאָציאָלאָגען, ארכעאָלאָגען און געשיכטס־שרייבער; עס לערנט איהם דער גלויביגער איד און קריסט, כדי איינצוהאָרכען זיך אין גאָט׳ס וואָרט; עס פער־טיפט זיך אין איהם דער פרייזיניגער טעאָלאָג, כדי זיך קלאָר צו מאַכען די אנטפּלעקונג פון דער געטליכער מאַכט אין דער מענשליכער רעלי־גיעזער בעשאַפונג; עס אַנאַליזירט איהם דער פילאָלאָג; עס בעוואונ־דערט איהם דער ליטעראַטור־היסטאָריקער.

יע, דער ליטעראַטור־היסטאָריקער האָט ביז צו דער לעצטער צייט אונזער בוך מעהר בעוואונדערט, איידער געשטודירט. די ביבעל־ווי־סענשאַפט, ווי א צווייג פון דער מענשליכער דערקענטניס, איז בע־אַרבייט געוואָרען כמעט דורכאויס נאָר פון דעם טעאָלאָג, דעם פילאָ־לאָג, דעם געשיכטס־פאָרשער און דעם קולטור־היסטאָריקער.

דער ל י ט ע ר א ט ו ר־היסטאָריקער שטעהט דאָ כמעט ווי אַן אַ זייט. איהם זענען פרעמד די רעזולטאַטען פון דער ביבעל־קריטיק און דער ביבעל־פאָרשונג. לפּחות בויט ער ניט אויף זיי און ארבייט זיי ניט אריין אין זיינע אונטערזוכונגען אָדער ריכטיגער: זיינע בע־שרייבונגען, כאַראַקטעריסטיקען און התפּעלות'ען.

איז איהם דאס בוך צו הויך, ער זאָל זיך ערלויבען צוטרעטען צו איהם מיט דעם שארפען לאַנצעט פון דער וויסענשאַפטליכער קריטיק? איז איהם זיין אייגענער פאַך צו נידעריג, ער זאָל זיך דערוועגען אויך דעם תנ"ך צו בעהאנדלען, ווי אַ מאַטעריאל פאַר זיין וויסענ־שאַפטליכער פאָרשונג?

ווי די מעשה איז, גראַד די ל י ט ע ר א ט ו ר־וויסענשאַפטלי־כע בעהאנדלונג פון דער ביבעל איז בדרך כלל שטאַרק הינטערשטעליג אין דעם פּרט פון וויסענשאַפטליכקייט און ווערט וועניג בעפרוכטעט פון די רעזולטאטען, וועלכע דער פרייער טעאָלאָג, פילאָלאָג און גע־שיכטס־פאָרשער האָבען ארויסגעבראַכט אין זייערע פאַך־שטודיען.

הערר ח. שויס, ווייזט אויס, וויל בעהאנדלען די ביבעל ניט פון קיין אנדערן, ווי נאָר פון אַ ל י ט ע ר א ר י ש ע ן שטאַנדפּונקט און דערמיט גופא איז שוין געגעבען ניט נאָר די בערעכטיגונג, נאָר אויך די נויטווענדיגקייט פון יענער נייער מאַטריאל־גרופּירונג, וועלכע ער פיהרט דורך אין זיין איבערזעצונג פון דער ביבלישער ליטעראַ־טור. אבער זיין ליטעראַרישער שטאַנדפּונקט איז אין דערזעלביגער צייט אַ ליטעראַטור־ו ו י ס ע נ ש א פ ט ל י כ ע ר, וואס רעכענט זיך ערנסט מיט די ערָאָבערונגען, וועלכע די אלגעמיינע ביבעל־וויסענ־שאַפט האָט ביז אהער געמאַכט.

די אויסוואהל פון דעם ליטעראַטור־וויסענשאַפטליכען שטאַנד־פּונקט מוזען מיר בעטראַכטען פאַר זעהר צייט־געמעס, ווען מיר דער־מאָהנען זיך נאָך, אַז דעם מחבר'ס ציעל מיט זיין איבערזעצונג אין דער אידישער שפּראַך איז ניט נאָר די בערייכערונג פון אונזער דער־קענטניס אין אַ געוויסען צווייג פון דער מענשליכער פאָרשונג, נאָר קודם־כל און מעהר פאַר אַלץ — איינצופלאַנצען ליעבע און אַכטונג

אין די הערצער פון אונזער לעזענדען עולם צו די פּראָדוקטען פון אונ־זער אַלט־אידישער שאַפונג.

די ליטעראַטור איז אַ שאַפונגס־צווייג, וואָס איז אַלגעמיין פאַר'ן גאַנצען פאָלק און דער אינטערעס צו איהר קאָן דערוועקט ווערן ביי די גרויסע מאַסען אין ניט אַ קלענערן גראַד, איידער ביי דעם געלע־רענטען ספּעציאַליסט.

געוויס וועט דער בקי אין דער מאָדערנער ביבעל־וויסענשאַפט נאָך האָבען אַ ספּעציעלע בעפרידיגונג, לעזענדיג העררן שוים'ס אַר־בייט און אַבשאַצענדיג מיט וואָס פאַר אַ גענויקייט דער מחבר בעוועגט זיך אין דעם לאַבירינט פון איינצעלנע סברות, וועלכע די ביבעל־ווי־סענשאַפט האָט אַרויסגעבראַכט, און מיט וואָס פאַר אַ געזונדען טאַקט ער מיידעט אויס די ראַדיקאַלע עקסטרעמען, וואָס וועלען אפשר ווערן די הערשענדע אין דער צוקינפטיגער ביבעל־פאָרשונג, אָבער וואָס זע־נען דערווייל נאָך צו ווייניג איינגעפונדעוועט, מען זאָל אויף זיי בויען אַ ליטעראַטור־וויסענשאַפטליכען בנין. דער בקי וועט אויך קאָנען בעסער בעאורטיילען, וואָס פאַר אַ מאַסע אַרבייט עס שטעקט אין די פאַר הונדערט זייטלעך פון אָט דעם באַנד. אָבער די ריין עס־טעטישע הנאה פון דעם אינהאַלט, וואָס איז אַזוי רייך בעלויכטען גע־וואָרען מיט דעם ליכט פון דער טיפערער וויסענשאַפטליכער פאָר־שונג, — די הנאה, וועט קאָנען אַרויסטראָגען י ע ד ע ר לעזער, אויף וואָס פאַר אַ מדרגה פון ביבעל־קענטנים ער זאָל ניט שטעהן.

צום סוף נאָך אַ קליינע ברכה דעם ערשטען באַנד אויפ'ן וועג. ניט נאָר זאָל ער פערשאַפען דעם מחבר די מעגליכקייט אָנצור־געהן ווייטער מיט זיין אַרבייט; נאָר עס זאָל זיך איהם איינגעבען צו דערוועקען דעם וואונש אין אונזערע מאַסען נעהענטער און בעסער בעקאַנט צו ווערן מיט דעם וועלט־בוך, וואָס אונזערע עלטערן האָבען בעשאַפען.

דער וואונש וועט ארויסרופען פּרובען צו בעפרידיגען איהם, ביבעל־איבערזעצונגען און ביבעל־שטודיען וועלען זיך מעהרען און — ווער ווייס? אפשר וועט דאָס גרעסטע בוך פון דעם אידישען פאָלק ארויסרופען אינטערעס צו זיך אויך ביי דעם אידישען פאָלק ניט אין א קלענערער מאָס, איידער ביי אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער פון דער מענשהייט?

ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1916.

אַלגעמיינע איינפֿיהרונג

אינהאַלט :

1. די ביכער פון דער ביבעל
2. די הייליגקייט פון תנ"ך
3. די ענטשטעהונג פון תנ"ך
4. די שפראך, די שריפט און דער טעקסט פון תנ"ך
5. אידישע איבערזעצונגען פון תנ"ך

1.

די ביכער פון דער ביבעל.

די זאמלונג פון אונזערע הייליגע ביכער איז ביי אונז אידען בעקאנט פון מיטעלאלטער אן אונטער'ן נאמען תנ"ך, אן אבקירצונג פון זייערע דריי הויפטאבטיילונגען: **ת ו ר ה, נ ב י א י ם, כ ת ו ב י ם.** די ערשטע אבטיילונג, תורה, הייסט אויך חומש (פונ'ם העברעאישען ווארט חמש, פינף), אדער ווי מ'רופט עס אפט: די פינף חומשים פון דער תורה. די צווייטע אבטיילונג, נביאים, צופאלט אין צוויי אונטעראבטיילונגען: נביאים ראשונים, ערשטע נביאים, און נביאים אחרונים, לעצטע נביאים. די ערשטע ענטהאלט פיער היסטארישע ביכער (יהושע, שופטים, שמואל, מלכים), און די צווייטע ענטהאלט פיער ביכער מיט רעדעס פון נביאים; דערפון טראגען דריי די נעמען פון איינצעלנע נביאים (ישעיה, ירמיה, יחזקאל), און דער פיערטער איז א זאמלונג פון צוועלף קלענערע נביאים־ביכער (הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה. מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי), און הייסט דערום תרי עשר, צוועלף. די דריטע אבטיילונג, כתובים, שריפטען, ענטהאלט דריי פאעטישע ווערק (תהלים, משלי. איוב), די פינף מגלות (שיר השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר) און דריי ביכער מיט א היסטארישען אינהאלט (דניאל, עזרא — נחמיה, דברי הימים). אין סך־הכל ענטהאלט דער תנ"ך פיער און צוואנציג ביכער און ווערט דערום אפט בעצייכענט אלס עשרים וארבע, פיער און צוואנציג.

אחוץ אט די פיער און צוואנציג הייליגע ביכער, וואס זיינען געשריבען אין העברעאיש און אין א גאנץ קליינעם טייל אין אראמעאיש, האבען אידישע שריפטשטעלער אין דער צייט פון צווייטען בית המקדש געשריבען אין העברעאיש, אין אראמעאיש און אין גריכיש נאך א סך אנדערע ביכער, וואס די אידען אין ארץ ישראל האבען ניט אנערקענט אלס הייליג און דעריבער זיי בעצייכענט אלס „ספרים חיצונים“, עס הייסט ביכער וואס זיינען אויסגעשלאסען פון דער הייליג־

נער זאמלונג; דאגעגען די העלעניזירטע אידען פון אלעקסאנדריא, אין עגיפּטען, האָבען בעטראכט אָט די ביכער פאר הייליג און זיי יאָ אריינגענומען אין זייער זאמלונג הייליגע אידישע ביכער, וואָס זיי האָבען געהאט אין א גריכישער איבערזעצונג. זיך שטיצענדיג אויף אָט דער גריכישער ביבעל, האָבען די קריסטען אין זייער לאטיינישער ביבעל אויך אריינגענומען די „ספרים חיצונים“ און דורכ'ן גאנצען מיטעלאלטער זיי געהאלטען אויף דערזעלביגער מדרגה פון הייליגקייט ווי די ביכער פון תנ"ך. אין דער לאטיינישער ביבעל זיינען זיי געדרוקט צווישען די ביכער פון תנ"ך. ערשט לוטהער אין זיין דייטשער ביבעל האָט זיי געשטעלט בעזונדער אלס ביכער וואָס זיינען ניט הייליג אזוי ווי די ביכער פון תנ"ך, אבער זיינען דאָך ווערט געלעזען צו ווערן. די דאָזיגע ביכער ווערן אָנגערופען „אפּאָקריפהא“. ביי אונז אידען זיינען זיי בעקאנט אלס „כתובים אחרונים“. דאָס איז א זאמלונג פון די מעהרסטע פון זיי איבערזעצט פון גריכיש אין העברעאיש דורך יצחק זעקיל פרענקיל. (1830).

די אפאָקריפישע ביכער קענען אומגעפעהר איינגעטיילט ווערן אין דריי גרופּען:

1) ספרים מיט א היסטאָרישען אינהאלט (חשמונאים א, חשמונאים ב, חשמונאים ג, עזרא ג — נחמיה ווערט פּעררעכענט אלס אַן עזרא ב — יהודית, טוביה, הוספות צו אסתר.)

2) חכמה־ספרים (בן סירא, שלמה'ס חכמה, חשמונאים ד, מנשה'ס תפלה, עזריה'ס תפלה, דער געזאנג פון חנניה מישאל ועזריה אין קאלכאויוועז.)

3) נבואה־ספרים (דאָס בוך פון ברוך בן נריה, דער בריף פון ירמיה, הוספות צו דניאל.)

א חוץ אָט די אפּאָקריפישע ביכער זיינען דאָ נאָך א סך אידישע ספרים, וואָס זיינען אין דער אָפיציעלער גריכישער און לאטיינישער ביבעל אויך ניט אריין; זיי זיינען אָבער דערהאלטען געבליבען אין פערשידענע פּראָווינציעלע קריסטליכע קירכען. מ'רופט זיי: פּסעוודאָעפּיגראפישע שריפטען. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען:

ד ע ר ס פ ר ה י ו ב ל י ם אדער ב ר א ש י ת ז ו ט א (קליינער בראשית, דערהאלטען געבליבען אין עטהיאפיש און צום טייל אויך אין לאטייניש), ד ע ר ס פ ר ח נ ו ך (דערהאלטען געבליבען אין עטהיאפיש און צום טייל אויך אין גריכיש), ע ל י ת מ ש ה (דערהאלטען געבליבען צום טייל אין אלטלאטייניש), ח ז ו ן י ש ע י ה ו (דערהאלטען געבליבען אין עטהיאפיש), ד י נ ב ו א ה פ ו ן ב ר ו ך (דערהאלטען געבליבען אין סוריש, גריכיש און אלטסלאוויש), ע ז ר א ד (דערהאלטען געבליבען אין לאטייניש, אראביש, ארמעניש, סוריש און עטהיאפיש), ד י צ ו א ו ת פ ו ן ד י צ ו ו ע ל ף ש ב ט י ם (דערהאלטען געבליבען אין לאטייניש און ארמעניש), ד י ת ה ל י ם - ג ע ז א נ ג ע ן פ ו ן ש ל מ ה׳ ן (דערהאלטען געבליבען אין גריכיש), און נאך פיעל אנדערע ביכער.

די קריסטליכע וועלט בעצייכענט מיט׳ן ווארט ביבעל (א גריכיש ווארט, בעדייט בוך אדער ביכער) אלע ביכער פון תנ״ך, אלע אפאקריפישע שריפטען און אויך די קריסטליכע הייליגע ביכער פון נייעם טעסטאמענט. אין דער נייער אידישער ליטעראטור ווערט דער נאמען „ביבעל" געברויכט אלס גלייכבעדייטענד מיט תנ״ך. נאטירליך מוזען מיר אידען אויסשליסען פון דער ביבעל די קריסטליכע הייליגע ביכער פון נייעם טעסטאמענט. מיר האבען אבער קיין גרונד ניט אויסצושליסען איצטער פון א אידישער ביבעל די אפאקריפישע ביכער און אפילו אויך ניט די פסעוודאעפיגראפישע. די טעמים, פארוואס זיי זיינען ניט אריינגענומען געווארען אין תנ״ך אין דער תקופה פון צווייטען בית המקדש, וואס ווען שפעטער ארומגערעדט ווערן באריכות, זיינען היינט ניט מעהר גילטיג פאר אונז. א אידישע ביבעל אין א מאדערנעם זין איז דערפאר א ברייטערער בעגריף ווי א תנ״ך און מוז ארומנעהמען א פיעל גרעסערן קרייז פון ביכער.

2.

די הייליגקייט פון תנ״ך.

לויט דער אידישער טראַדיציע זיינען אַלע ביכער פון תנ"ך הייליג און ווערן דערפאַר אָנגערופען „כתבי קדש", הייליגע שריפטען. דאגעגען די ביכער וואָס זיינען ניט אריינגענומען געוואָרען אין תנ"ך ווערן אָנגערופען „כתבי הדיוט", עס הייסט פּראָפאַנע, אונהייליגע שריפטען. די הייליגקייט פון די ביכער פון תנ"ך דריקט זיך אויס אין דעם וואָס זיי זיינען מטמא די הענד, עס הייסט ווען מ'ריהרט זיי אָן מוז מען זיך נאָכהער די הענד וואַשען, אַזוי ווי מ'וואָלט אָנגעריהרט א הייליגע זאַך (ידים פרק ד). ריהרט מען אָבער אָן א בוך פון די "כתובים אחרונים", ווי, למשל, יהודית אָדער בן סירא, דאַרף מען זיך די הענד ניט וואַשען. מאַנכע פון די בעלי התלמוד זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען דערקלערט פאַר א גרויסע עבירה דאָס לעזען פון אַלע אַנדערע ביכער א חוץ דעם תנ"ך. צווישען די וואָס פערשפּילען זייער חלק אויף יענער וועלט רעכענט ר' עקיבא אריין אויך יענע וואָס לעזען די „ספרים חיצונים" (משנה סנהדרין פרק י).

פאַרוואָס זיינען הייליג דוקא די ביכער פון תנ"ך און ניט קיין אַנדערע?

לויט דער אידישער טראַדיציע זיינען די ביכער פון תנ"ך ניט אָנערקענט געוואָרען פאַר הייליג נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין געווען געשריבען, צוליב זייער אינהאַלט, נור זיינען הייליג פון געבורט אָן; מחמת זייערע פערפאַסערס זיינען געווען מענשען וואָס האָבען בעזעסען דעם „רוח הקדש", דעם הייליגען געטליכען גייסט, דערפאַר איז אַלץ וואָס זיי האָבען געשריבען הייליג. די ביכער פון תנ"ך זיינען, הייסט עס, ניט בעטראַכט געוואָרען פון דער אידישער טראַדיציע אַלס ליטעראַרישע שאַפונגען פון אידישע שריפטשטעלער אין די אַלטע צייטען, נור אַלס פּראָדוקטען פונ'ם געטליכען גייסט. דער געטליכער גייסט איז אָבער נסתלק געוואָרען, לויט דער תלמודישער

טראדיציע, נאך די לעצטע נביאים: חגי, זכריה, מלאכי. פון דעמאלט אן פלעגט מען זיך בלויז אמאל בענוצען מיט א בת־קול פון הימעל. אט אזוי זאל זיך האבען געהערט א בת־קול פון הימעל וועגען הלל און שמואל הקטן, אז זיי זיינען ווערט געווען, אז דער רוח הקדש זאל רוהען אויף זיי, מעהר ניט דער דור איז ניט געווען ראוי דערצו (סנהדרין י"א, עמוד ב; סוטה מ"ח, עמוד ב). ארויסגעהענדיג פון אט דעם שטאנדפונקט האט די תלמודישע טראדיציע געמוזט דערקלער־רען עזרא'ן אלס דעם לעצטען פון די פערפאסערס פון תנ"ך, מחמת נאך עזרא'ן איז שוין דאך מעהר קיין רוח הקדש ניט געווען, האבען שוין דערום קיין הייליגע ביכער מעהר ניט געקענט געשריבען ווערן.

אויף דער פראגע ווער עס האט געשריבען די ביכער פון תורה, נביאים וכתובים גיט די גמרא (אין בבא בתרא י"ד עמוד א און ט"ו עמוד ב) פאלגענדע ערקלערונג:

„משה האט געשריבען זיין ספר און די פרשה פון בלעם*) און איוב; יהושע האט געשריבען זיין ספר און די אכט פסוקים**) פון דער תורה; שמואל האט געשריבען זיין ספר און שופטים און רות; דוד האט געשריבען דעם תהלים לויט צעהן זקנים: אדם הראשון, מלכי צדק, אברהם, משה, הימן, ידותון, אסף און די דריי בני קרח; ירמיה האט געשריבען זיין ספר און דעם ספר מלכים און קינות***); חזקיה און זיין קאלעגיום האבען געשריבען ישעיה, משלי, שיר השירים און קהלת; די אנשי כנסת הגדולה האבען געשריבען יחזקאל און שנים

---

*) ווארום די גמרא רעכענט די פרשה פון בלעם בעזונדער, איז אונ־פערשטענדליך.

**) די לעצטע אכט פסוקים פון חומש, וועלכע דערצעהלען פון משה'ס טויט.

***) איכה.

עשר*), דניאל און מגלת אסתר; עזרא האט געשריבען זיין ספר און דעם יחוס אין דברי הימים ביז אויף איהם. און ווער האט עס גענ־דיגט? נחמיה בן חכליה".

לויט'ן תלמוד איז אלזא דער ערשטער שרייבער פון תנ"ך געוועזן משה און די לעצטע — עזרא און נחמיה, מיט וועמען (בערך אין מי־טען פינפטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) עס איז געשלאסען געווארען דער גאנצער תנ"ך, אלע פיער און צוואנ־ציג ביכער פון תורה, נביאים וכתובים.

גאנץ אן א זייט פון אט דער אפיציעלער טראדיציע פונ'ם תלמוד איז דערהאלטען געבליבען אינ'ם אפאקריפישען בוך עזרא ד (פערפאסט ארום ענדע פון ערשטען יאהרהונדערט נאך דער קריסט־ליכער צייטרעכנונג, אין דער צייט פון צעזאר דאמיטיאן) א פאלקס־טימליכע טראדיציע; לויט איהר טהוט עזרא תפלה צו גאט, ער זאל איהם געבען רוח הקדש אויפצושרייבען נאך אמאל די תורה, וועלכע איז פערברענט געווארען (מיט'ן בית המקדש נאטירליך). גאט הייסט איהם נעהמען צו זיך פינף העלפערס, און אין פערציג טעג און פער־ציג נעכט דיקטירט זיי עזרא פיער און ניינציג ביכער, פיער און צוואנציג צו פערעפענטליכען פאר אלעמען און זיבעציג צו האל־טען בסוד בלויז פאר די חכמים פון פאלק. די דאזיגע פאלקס־טרא־דיציע איז אין קיין אנדער אידישען ספר א חוץ אין פיערטען עזרא נים דערמאנט.

אויסער אט די צוויי טראדיציעס איז נאך דא א דריטע אזוי גע־רופענע געלעהרטע טראדיציע וועגען דער אבשליסונג פון תנ"ך. זי שטאמט פון דעם אידישען מדקדק אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט ר' אליהו לעוויטא*) (בעקאנט אונטער'ן נאמען ר' אליהו בחור, צו־ליב זיין ספר הבחור) אין דער דריטער הקדמה צו זיין בוך „מסורת

---

*) תרי עשר.

*) דער מחבר פון דער „בבא־מעשה" און פון א תהלים־איבערזעצ־צונג אין אידיש.

המסורת". לויט אט דער טעאָריע פון ר' אליהו הלוי האָבען אין עזרא'ס צייט שוין עקסיסטירט אלע ביכער פון תנ"ך, מעהר ניט זיי זיינען נאָך ניט געווען פעראייניגט און צוזאַמענגעשטעלט. די אנשי כנסת הגדולה — צווישען וועלכע עס זאָלען האָבען געווען חגי, זכריה, מלאכי, דניאל, חנניה, מישאל ועזריה, עזרא, נחמיה, מרדכי זרבבל — האָבען עס אבגעזונדערט די ביכער פון תנ"ך פון אנדערע אונהייליגע שריפטען און זיי צוזאַמענגעשטעלט אין דריי זאַמלונגען: תורה, נביאים און כתובים.

אָבער ווי פערשידען לפנים עס זיינען אָט די אלע טראַדיציעס, אין תוך גענומען זיינען זיי א פּראָדוקט פון דעמזעלבינגען גלויבען, אז אלץ וואָס שטעהט אין תנ"ך איז געשריבען געוואָרען מיט'ן רוח הקדש און האָט דערום שפּעטער ווי אין עזרא'ס צייט ניט געקאָנט געשריבען ווערן.

אין תנ"ך גופא זיינען אויך ניט אלע ביכער גלייך הייליג. לויט דער תלמודישער טראַדיציע פערנעהמט דער חומש א בעזונדערן פּלאַץ אין הייליגקייט און וויכטיגקייט קעגענאיבער די נביאים און די כתובים. די תורה איז דאָס הייליגסטע פון אלע הייליגע ספרים, ווייל זי איז געשריבען געוואָרען דורך משה'ן ניט נור מיט'ן געטליכען גייסט, מיט'ן רוח הנבואה, ווי די איבעריגע ביכער פון תנ"ך, נור דירעקט פון גאָט'ס מויל. אלץ אין דער וועלט שטעהט אין דער תורה. א ראיה אויף א דין קאָן מען ברייגנען נור פון דער תורה, אָבער ניט פון נביאים און כתובים*).

די טראַדיציע האָט, הייסט עס, דערקלערט וואָרום דער חומש איז אָבגעטיילט בעזונדער פון די איבעריגע ביכער פון תנ"ך. זי האָט אָבער קיין ערקלערונג ניט געגעבען וואָרום נביאים און כתובים זיינען פאַנאַנדערגעטיילט אין צוויי בעזונדערע זאַמלונגען. אויב אין עזרא'ס צייט האָבען שוין עקסיסטירט אלע פיער און צוואַנציג ביכער פון תנ"ך, טאָ פאַרוואָס האָט מען איין גרופּע ביכער א נאָמען

*) דברי תורה מדברי קבלה לא ילפינן (בבא קמא ב, עמוד ב)

נעגעבען נביאים און די אנדערע כתובים, בעת זיי זיינען אלע גע־שריבען געווארען מיט'ן זעלביגען הייליגען גייסט? אין מיטעלאלטער האבען דער רמב"ם און דער רד"ק געזוכט דאס צו פערענטפערען דערמיט וואס זיי האבען געמאכט א חלוק צווישען רוח הנבואה און רוח הקדש. די נביאים, הייסט עס, זיינען געשריבען געווארען מיט'ן רוח הנבואה און זיינען הייליגער פאר די כתובים, וועלכע זיי־נען געשריבען געווארען בלויז מיט'ן רוח הקדש. אין איינקלאנג מיט אט דער ערקלערונג שטעהט אויך די אידישע טראדיציע פון מיטעל־אלטער, וואס האט פערגליכען די הייליגקייט פון די דריי אבטיילונגען פון תנ"ך מיט דער הייליגקייט פון די דריי אבטיילונגען פון בית־המקדש: די תורה איז דער קדש הקדשים; די נביאים — דער קדש און כתובים — דער הצר. אבער אט די גאנצע ערקלערונג איז א נעמאטערטע און שטימט ניט מיט'ן תלמוד. לויט דער אויבען צי־טירטער שטעל פון דער גמרא אין בבא בתרא זיינען אויך די מחברים פון די כתובים געווען נביאים. משה, דער אדון הנביאים, איז לויט אט דער גמרא דער מחבר פון איוב, שמואל הנביא, דער מחבר פון רות און ירמיה פון איכה. אויך דוד און שלמה, וועמען די טראַ־דיציע שרייבט צו א סך ביכער פון די כתובים, ווערן אין תלמוד אנגערופען נביאים, (סוטה, מ"ה עמוד ב). דערצו זיינען נבואה און רוח הקדש, לויט'ן תלמוד, צוויי נעמען פאר איין און דיזעלביגע זאך*)

די אידישע טראדיציע האט אלזא געלאזען אונדערקלערט ווארום כתובים איז אבגעטיילט פון נביאים אין א בעזונדערער זאמלונג.

*) עשרה שמות נקרא רוח הקדש, ואלו הם: משל, מליצה, חידה, דבור, אמירה, קריאה, צווי, משא, נבואה, חזיון (אדר"נ פ' ל"ד).

3.

די ענטשטעהונג פון תנ״ך.

די וויסענשאפטליכע קריטיק פון דער ביבעל שטעהט אויף א גאנץ אנדערן שטאנדפונקט איידער די אידישע טראדיציע. לויט דער וויסענשאפטליכער קריטיק זיינען די ביכער פון תנ״ך די ליטעראטור פונ׳ם אידישען פאלק אין דער אוראלטער צייט, און זייער הייליג־קייט איז ניט קיין געבארענע, נור א געווארענע. פיעל שפעטער, נאכ־דעם ווי די ביכער זיינען געשריעבען געווארען, זיינען זיי דורך געוויסע היסטארישע אומשטענדען אנערקענט געווארען אלס הייליג. אט אזוי איז צו א געוויסער צייט אנערקענט געווארען אלס הייליג איין זאמ־לונג ביכער, די פינף חומשים פון דער תורה. שפעטער האט מען צונויפגעשטעלט און אנערקענט פאר הייליג א צווייטע זאמלונג בי־כער, „נביאים“. עס האבען זיך אבער געפונען נאך א סך ביכער וואס האבען א גרויסען ווערט געהאט פאר די אויפהאלטונג פונ׳ם אי־דישען פאלק און דער אידישער רעליגיאן, וואס זיינען צו יענער צייט געוועזן איין און דיזעלבינע זאך. מ׳האט אט די ביכער, וועלכע שטא־מען מעהרסטענס פון א שפעטערדיגער צייט איידער „נביאים“, גע־זאמעלט אונטער׳ן נאמען „כתובים“, שריפטען. צו א געוויסער צייט האט מען אט די זאמלונג אבגעשלאסען און קיין נייע ביכער מעהר ניט אריינגענומען.

תורה, נביאים וכתובים זיינען, הייסט עס, דריי זאמלונגען אי־דישע ליטעראטור, וואס זיינען צונויפגעשטעלט און אבגעשלאסען גע־ווארען אין דריי פערשידענע תקופות אין דער צייט פון צווייטען בית־המקדש. זיי וועלען דא דערפאר בעהאנדעלט ווערן אין דריי בעזונדערע קאפיטלען.

I

די ענטשטעהונג פון חומש.

דִי אִידִישֶׁע טְרַאדִיצְיֶע זָאגְט, אַז משֶׁה הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען דִי פִינְף

חומשים פון דער תורה פון גאָט'ס מויל. די וויסענשאַפטליכע קריטיק זאָגט, אז אזוי ווי דער חומש ענטהאלט לעגענדען וועגען משה'ן, האָט ער דערום געקאנט געשריבען ווערן נור אין א שפּעטערדיגער צייט, ווען די פּערזאָן פון משה'ן איז שוין געווען א לעגענדע ביי אידען, עס הייסט: הונדערטע יאהרען נאָך זיין טויט. אויך די געזעצען פון חומש האָט משה ניט געקאנט שרייבען, ווייל זיי זיינען אלע געמאכט פאר א פאָלק וואָס איז בעזעצט אויף זיין לאנד און לעבט פון ערד־ארבייט, ניט פאר נאָמאדען וואָס וואנדערען ארום פון אָרט צו אָרט, ווי אידען אין משה'ס צייט; און געזעצען מאַכט א גע־:עצגעבער פאר מענשען לויט ווי זיי לעבען אין זיין צייט, ניט לויט ווי זיי וועלען לעבען א מאָל, הונדערטע יאהרען נאָך איהם. דערצו דריקען ניט אוים די פערשידענע געזעצביכער פון חומש דעמזעלביגען גייסט און דיזעלביגע רעליגיעזע און מאראלישע לעהרען. דאָס קאן נור דערקלערט ווערן דערמיט, וואָס זיי זיינען געשאַפען געוואָרען אין פערשידענע תקופות פון דער ביבלישער היסטאָריע.

די טראדיציע, אז משה האָט געשריבען דעם חומש איז אלזא ניט ריכטיג. אבער נאָך וועניגער ריכטיג פון א וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט וואָלט עס זיין צו זאגען, אז די וואָס האָבען געשריבען די געזעצען פון דער תורה זיינען בעגאנגען א פעלשונג דערמיט וואָס זיי האָבען עס אנגעגעבען אלס משה'ס תורה. אום דאָס צו פערשטעהן מוז מען בכלל וויסען ווי די אידישע רעליגיאָן האָט זיך ענטוויקעלט אין דער אוראלטער צייט.

אידען האָבען פון דער סאמע גראהער צייט געהאט א תורה, וואָס אויף איהר זאָל משה האָבען א בונד געשלאָסען צווישען זיי און דעם גאָט יהוה. די דאָזיגע תורה איז אבער לחלוטין ניט געווען קיין ספר תורה. זי האָט געהאט אן אינהאלט, אָבער ניט קיין געשריבענע פאָרם. דער כהן אין'ם הייליגען אָרט: אין ירושלים, גבעון, אָדער בית אל (געווען אין דער אלטער צייט ביז אויף יאשיהו א סך הייליגע ערטער, ניט דוקא ירושלים), פלעגט לערנען דעם פאָלק אָט די תורה פון יהוה, וועלכע משה זאָל האָבען געגעבען די אידען. דער עצם פון דער

תורה איז בעשטאנען אין דינען יהוה און געהן אין זיינע וועגען. ווי אבער און מיט וואס צו דינען גאט און וועלכע זיינען עס יהוה'ס וועגען, דאס איז אין איטליכער תקופה אנדערש דערקלערט געווארען, לויט דער השגה וואס זיי האבען אין יענער צייט געהאט פונ'ם מהות פון גאט בכלל.

שוין אין דער אוראלטער צייט זיינען געמאכט געווארען פער־שידענע פערזוכען צו פארמולירען משה'ס תורה דורך געשריבענע געזעצען. אט, למשל, געפינען מיר אן אלטע שטיק געזעצגעבונג אין דער סדרה „כי תשא" (שמות ל"ד), וואס ווערט פון א סך בעטראכט אלס אן עלטערער נוסח פון די „עשרת הדברות", די צעהן געבאטען. אט די געזעצען ריידען מכוח ברייגנען קרבנות און האלטען ימים טובים, מכוח פליכטען פון מענשען צו גאט, דערמאנען אבער גאר ניט מכוח פליכטען פון מענשען צו מענשען. די דאזיגע געזעצען מוזען שטאמען פון א גאנץ אלטער פרימיטיווער צייט, ווען די אידישע רע־ליגיאן, ווי די רעליגיאנען פון אלע פרימיטיווע פעלקער, איז בעשטא־נען הויפט פון קולט, און האט גארנישט ניט געהאט צו טהאן מיט מא־ראל. דאגעגען די „עשרת הדברות" פון דער סדרה „יתרו" (שמות כ) שטאמען פון א שפעטערדיגער צייט, ווארים דארטען געפינען זיך שוין אויך מאראלישע געזעצען. די סדרה „משפטים" ענטהאלט א געזעצ־בוך וואס ווערט אנגערופען „דאס בוך פונ'ם בונד", ווייל אויף איהם זאל עס יהוה האבען געשלאסען זיין בונד מיט די קינדער פון ישראל. יעדער אידישער געזעצגעבער האט אנגעגעבען זיין בוך אלס משה'ס, מחמת ער האט געזוכט אויסצודריקען אין א געשריבענער פארם דעם אינהאלט פון משה'ס תורה.

דעם גרעסטען שטוים פארווערטס האט די אידישע רעליגיאן בעקומען דורך די ליטעראַרישע נביאים (ס'הייסט די נביאים וואס האבען געלאזען זייערע רייד אין געשריבענע ביכער) אין אכטען און זיבעטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. די ערש־טע פון אט די גרויסע נביאים זיינען געווען עמוס און הושע אין אפרים און ישעיה בן אמוץ און מיכה המורשתי אין יהודה. די דאזיגע נביאים

האבען געמאכט אן איבערקעהרעניש אין דער אידישער וועלטאנשוי־אונג. ביז צו זייער צייט האבען אידען געגלויבט, אז יהוה איז אויס־שליסליך דער גאט פון ישראל און האט מיט אנדערע פעלקער לחלוטין ניט צו טהאן, און דינען קאן מען איהם נור מיט פעטע קרבנות. די נביאים אבער האבען דערקלערט, אז יהוה איז דער גאט פון אלע פעל־קער, ניט דוקא פון אידען, און קרבנות מיט טעמפלען האט ער גאר פיינד. וואס ער פאדערט פון מענשען איז נור א העכערן מאראלישען לעבען.

אונטער'ן איינפלוס פון דער לעהרע פון די נביאים האט א אידי־שער געזעצגעבער געשאפען א נייעם בוך פון משה'ס תורה. אין עצם איז דאס געווען דיזעלביגע אלטע תורה, נור פון דאס ניי פארמולירט, אין איינקלאנג מיט די ערקלערונגען פון די נביאים וועגען דעם מהות פון גאט און זיינע פאדערונגען צו מענשען. אט דער געזעצבוך איז ענטהאלטען אין ספר דברים (פון קאפיטעל י"ב און ווייטער). דער כהן חלקיהו, ווערט דערצעהלט אין מלכים ב (קאפ. כ"ב), האט דעם בוך געפונען אין בית־המקדש און עס איבערגעגעבען דעם מלוכה־פיה־רער שפן'ען. שפן האט עס פארגעלעזען פאר'ן קעניג יאשיהו. דער קעניג האט אויף דעם בענייט דעם בונד צווישען יהוה און ישראל און האט דורכגעפיהרט אינ'ם אידישען רעליגיעזען לעבען דאס וואס איז אזוי שטרענג פערזאגט אין דעם בוך: ער האט נעמליך אבגעשאפט אלע במות, די הייליגע ערטער פון דער פראווינץ, און ערקלערט ירושלים פאר'ן איינציגען הייליגען ארט וואו מ'מעג ברייננגען קרבנות. אויך דעם בית המקדש אין ירושלים האט ער גערייניגט פון געצענדינסט און אויס־געראמט פון דארטען די הייליגע בוימער און הייליגע זיילען (אשרות און מצבות) און אלץ וואס אידען האבען געהאט איבערגענומען פון זייערע שכנים ארום.

אט דער געזעצבוך איז געווען די ערשטע „ספר תורה“, דער ערשטער פערזוך צו פערקערפערען משה'ס תורה אין א געשריבענעם בוך וואס זאל געבען רעגולירען דאס גאנצע אידישע לעבען, דאס רע־ליגיעזע אזוי ווי דאס בירגערליכע, דורך געזעצען וואס זאלען בלייבען

פאר אלע צייטען. (דברים ד 1, 2).

די פראקלאמירונג פון אט דעם געזעצבוך איז פארגעקומען אין יאהר 621 (פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג), פינף און דרייסיג יאהר פאר'ן ערשטען חורבן. דער חורבן און דער גלות בבל האבען געמאכט אן איבערקעהרעניש אין אידישען לעבען. יחזקאל, וועלכער האט געלעבט און געווירקט צווישען די פערטריבענע אידען אין בבל, האט דערום אין זיין פלאן פון דער צוקינפטיגער ירושלים (מ—מח) פארגעשלאגען פיעל רעפארמען אין אידישען לעבען, און א אידישער געזעצגעבער האט, אויף יחזקאל'ס איניציאטיווע, געשריבען א נייע תורה; עס הייסט, ער האט דעם גייסט און די ריכטונג פונ'ם געזעצ־בוך פון ספר דברים צוגעפאסט צו דער נייער סביבה, צו די נייע אומשטענדען, אין וועלכע אידען האבען זיך דענסטמאל געפונען. אט דעם נייעם געזעצבוך, וואס איז ענטהאלטען אין חומש ויקרא און אויך אין מאנכע טיילען פון שמות און במדבר און ווערט אנגערופען „תורת כהנים" אדער דער פריסטערליכער געזעצבוך, האט עזרא געבראכט פון בבל קיין ארץ ישראל, און אויף א גרויסער פאלקספערזאמלונג אין ירושלים אונטער'ן פארזיץ פון דעם פחה פונ'ם פערסישען קעניג, עזרא'ס חבר און העלפער נחמיה בן חכליה, האבען אידען דורך די אונטערשריפטען פון זייערע פערטרעטערס זיך פערפליכטעט אנצו־נעהמען און צו היטען אויף אלע דורות אלץ וואס שטעהט געשריבען אין אט דעם בוך פון גאט'ס תורה (נחמיה ח—י).

עזרא און נחמיה האבען איינגעזעהן, אז לעבענדיג אלס א שוואכע רעליגיעזע געמיינדע, אהן וועלכע פאליטישע מאכט, אונטער דער הער־שאפט פון דער פערסישער מלוכה, ארומגערינגעלט פון געצענדינערישע פיינד פון אלע זייטען, קאנען אידען ניט עקסיסטירען אויף לאנג, סיידען זייער גייסטיגער לעבען, ס'הייסט זייער רעליגיאן, זאל אויף אלע צייטען בלייבען ניט געענדערט, געבונדען אן א געשריבענעם בוך. פון עזרא'ן אן ווערט דער בעגריף פון גאט'ס תורה פער־וואנדעלט פון א געשפראכענעם ווארט אין א געשריבענעם. מלאכי, וועלכער האט געלעבט נאך עזרא'ן, איז דערפאר צווישען אלע נביאים

דער איינציגער וואָס דערמאַנט משה'ס תורה (מלאכי ג 22). ווען עזרא האָט פאָרגעלעזען אידען אויף דער גרויסער פאָלקספערזאמלונג משה'ס תורה, וואָס פיליכט ער גופא אָדער אַן אנדער גרויסער איד פון זיין צייט האָט געשריבען, האָט ער אַלזאָ קיינעם ניט גענאַרט. דאָס איז טאַקע געווען משה'ס תורה לויט'ן אינהאַלט, אָבער ניט לויט דער פאָרם. ניט אומזיסט זאָגט די גמרא, אז עזרא איז ווערט געווען, אַז די תורה זאָל געגעבען ווערן דורך איהם, ווען משה וואָלט ניט געווען פאַר איהם. (סנהדרין כ"א עמוד ב).

עזרא'ס „תורת כהנים" איז פעראייניגט געווארען מיט די עלטערע פריהער דערמאַנטע געזעצביכער אין איין בוך. אידען האָבען דערהאַלטען צוזאמען מיט'ן נייעם אויך די אַלטע געזעצביכער. זיי האָבען זיך ווייניג געקימערט וואָס אָט די פערשידענע געזעצביכער, וואָס שטאַמען פון פערשידענע צייטען, זיינען זיך סותר איינער דעם אַנדערן. גלייכצייטיג מיט די געזעצביכער זיינען ארומגעגאַנגען אין פאָלק אַלטע היסטאָריע־ביכער, וועלכע האָבען דערצעהלט די געשיכטע פון די קינדער פון ישראל פון דעם סאַמע אָנהויב פון דער וועלט אָן. לכתחילה זיינען אָט די היסטאָריע־ביכער כלל ניט געווען פערבונדען מיט משה'ן. אלס משה'ס תורה זיינען בעטראַכט געווארען בלויז די געזעצען פון חומש, אָבער ניט די מעשיות. שפּעטער אָבער זיינען יענע היסטאָריע־ביכער, וועלכע דערצעהלען וואָס עס האָט געטראָפען מיט אידען ביז משה'ס טויט, צונויפגעוועבט און צונויפגעשריבען געווארען מיט די געזעצען אין איין זאמלונג פון פינף ביכער, פינף חומשים, און משה'ס אויטאָריטעט איז דאַדורך איבערגעטראָגען געווארען פון די געזעצען אויך אויף די ערצעהלונגען. אַלץ וואָס שטעהט אין חומש איז אויף אַזאַ'ן אופן ארונטערגעפאַלען אונטער'ן בעגריף „תורה"; און אַזוי ווי די תורה איז דאָך משה'ס, איז משה דערפאַר ערקלערט געווארען פון דער אידישער טראַדיציע אלס דער פערפאַסער פון חומש אין זיין גאַנצען ארומנעהם.

די ספר תורה פון די שומרונים, וועלכע האָבען זיך אבגעטיילט פון אידען ארום 330 (פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) און זיך

אויסגעבויט א בעזונדערן בית המקדש אויפ'ן בארג גרזים, איז אין עצם דיזעלביגע ווי אונזערע. עזרא האט געבראכט דעם „תורת כהנים“ פון בבל אין יאהר 444 (פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). די ענדגילטיגע אבשליסונג פון דעם חומש האט לויט דעם געמוזט פארקומען ארום דעם ענד פון פינפטען אדער ביים אנהויב פון פיערטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

II
די ענטשטעהונג פון „נביאים“.

די נביאים אלס א צווייטע זאמלונג פון הייליגע ספרים זיינען אבגעשלאסען געווארען פיעל שפעטער ווי דער חומש. די נביאים ראשונים זיינען בעצם פיער טיילען פון איין געשיכטע פון אידען און בילדען א דירעקטע פארטזעצונג פון די ערצעהלונגען פון חומש. נור די היסטארישע ביכער ביז אויף משה'ס טויט זיינען, ווי שוין דערמאנט, צענויפגעשריבען געווארען מיט משה'ס תורה, עס הייסט מיט די געזעצביכער, בעת די היסטארישע ביכער פון נאך משה'ס טויט און ווייטער זיינען אויפגענומען געווארען אין „נביאים“ און אויך אין „כתובים“.

אין נביאים אחרונים זיינען פאראן שטיקער, וואס זיינען געשריבען געווארען אזוי שפעט פילייכט ווי אין דער צייט פון אלעקסאנדער מוקדון (למשל, דער קאפ. כ"ד אין ישעיה). דאגעגען דערמאנט שוין בן סירא (ארום 180 פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) אלע ביכער פון די נביאים אין זייער פולער צאהל. די נביאים האבען לויט דעם געמוזט אבגעשלאסען ווערן אלס א צווייטע זאמלונג הייליגע ביכער אין משך פון דריטען יאהרהונדערט (פאר דער קר. צייטרעכנונג).

די רעדעס פון די נביאים האבען אידען געלעזען און געזאמעלט שוין פון א פיעל פריהערדיגער צייט. אט די זאמלונג איז וואס ווייטער אלץ מעהר געוואקסען, ביז ס'איז געקומען א צייט, ווען עס זיינען מעהר ניט געווען קיין נביאים וואס האבען גערעדט דירעקט אין גאט'ס נאמען. און ווען איינער האט נביאות געזאגט, האט מען דערקלערט,

אז ער זאָגט ליגען אין נאָמען פון גאָט (זכריה י"ג 3). דאָס פאָלק, הייסט עס, האָט געגלויבט, אז אזעלכענע נביאים ווי אין דער אלטער צייט וועלען שוין מעהר ניט אויפשטעהן ביי אידען. אין אזא צייט האָט מען צוזאמענגעזאמעלט אלץ וואָס איז דערהאלטען געבליבען פון די נביאים אין די אלטע צייטען און עס אָבגעשלאָסען. פאראויס האָט מען געשטעלט די פיער היסטאָרישע ביכער. ערשטענס, האָט נאָך געמוזט לעבען די עראינערונג אין פאָלק, אז נאָר אמאָל האָ־בען אָט די היסטאָריע־ביכער געהערט צוזאמען מיט די היסטאָריע־ביכער פון חומש, וועלכע זיינען שוין לאנג אנערקענט געווען אלס היי־ליג אזוי ווי די געזעצען פון דער תורה. מ'האָט דערום אויסגענוצט די געלעגענהייט זיי אריינצושטעלען אין דער צווייטער זאמלונג פון היי־ליגע ביכער. צווייטענס, דינען די נביאים ראשונים אלס היסטארישע אונטערלאגע פאר די נביאים אחרונים. אָהן די ערצעהלונגען פון נביאים ראשונים וואָלטען די רעדעס פון די נביאים אחרונים אין גאנצען געווען אונפערשטענדליך. מיר וואָלטען לחלוטין ניט געקאָנט פערשטעהן און אבשאצען די בעדייטונג פון א עמוס אָדער א ישעיה בן אמוץ, ווען מיר לעזען ניט פריהער דעם ספר מלכים.

III

די ענטשטעהונג פון „כתובים".

ווען די כתובים זיינען געזאמעלט און אנערקענט געוואָרען פאר הייליגע ביכער איז פיעל שווערער מיט זיכערקייט צו בעשטימען. ס'איז וואהרשיינליך, אז דאָס איז ניט פאָרגעקומען אין איין מאָל, נור אין עטליכע מאָל. אָנגעהויבען זאמלען די ביכער פון די כתובים האָט מען, ווי עס שיינט, אם פריהסטען אין דריטען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג), נאָכדעם ווי די נביאים זיינען שוין געווען אָבגעשלאָסען. אין חשמונאים ב (קאפ. ב 13) ווערט אפילו דערצעהלט, אז נחמיה האָט געזאמעלט די ביכער פון דוד'ן און פון די מלכים און די נביאים. אבער דא האנדעלט זיך העכס־טענס וועגען א געזאנג־בוך און אן ארכיוו פון בית־המקדש, ניט וועגען

אונזערע כתובים. אז ס'איז געווען אן אנהויב פון א כתובים־זאמלונג אין צווייטען יאהרהונדערט (פאר דער קר' צייטרעכנונג) בעווייזט דער פראלאג פון בן סירא'ס איינִיקעל צו זיין גריכישער איבערזעצונג פון זיין זיידעס בוך. דארטען ווערן בפירוש דערמאנט די כתובים. מעגליך אז יהודה המכבי האט א גרויסען אנטייל גענומען אין זאמלען די ביכער פון די כתובים, ווארים אין חשמונאים ב (קאפ. ב 14) ווערט דערצעהלט פון איהם, אז ער האט געזאמעלט ספרים. ווי גרויס יענע זאמלונג איז געווען, קענען מיר אבער ניט וויסען. זיכער איז עס, אז ניט אסתר, ניט דניאל זיינען געווען אין יענער זאמלונג, ווייל זיי זיי־נען נאך דעמאלט גאר ניט געווען געשריבען. ביים ענד פון ערשטען יאהרהונדערט נאך דער קריסטליכער צייטרעכנונג זיינען שוין אלע ביכער פון אונזערע כתובים געווען געזאמעלט און אנערקענט פאר היי־ליג, דען דער אידישער היסטאריקער יוסף פלאוויוס, וועלכער האט גע־לעבט אין יענער צייט, דערמאנט אין זיין בוך „געגען אפיאן" אלע בי־כער פון תנ"ך. אויך די אויבען ציטירטע שטעל פון עזרא ד, וואס שטאמט פון דערזעלביגער תקופה פון יוסף פלאוויוס, דערמאנט די פיער און צוואנציג הייליגע ביכער. דאך וועגען דער הייליגקייט פון מאנכע איינצעלנע ביכער פון די כתובים איז מען נאך אין צווייטען יאהרהונדערט נאך דער קריסטליכער צייטרעכנונג אויך ניט אייניג געווען אין די קרייזען פון די תלמודישע געלעהרטע. ר' שמעון בן מנסיא זאגט, אז קהלת איז ניט מטמא די הענד — עס הייסט איז ניט הייליג — ווייל דאס איז נאר שלמה'ס חכמה, און ר' יהודה זאגט פון שמואל'ס וועגען, אז אסתר איז ניט מטמא די הענד (מגלה דף ז עמוד א). וועגען קהלת ווערט דערצעהלט, אז די חכמים האבען איהם אין גאנצען געוואלט גונז זיין, (עס הייסט פעררעכענען צו די „ספרים חיצונים"), מחמת זיינע רייד זיינען זיך סותר איינע די אנ־דערע, אבער זיי האבען עס ניט געטהאן, ווייל ער הויבט זיך אן און ענדיגט זיך מיט דברי תורה (שבת ל, עמוד ב). אויך וועגען דער היי־ליגקייט פון „שיר השירים" האט מען זיך לאנג געשטריטען.

די אבשליסונג פון „כתובים" איז אלזא געווען א לאנגזאמער

פראצעס. מ'האט אריינגענומען אין דער זאמלונג א געוויסען בוך און דערמיט אנערקענט זיין היילינקייט. שפעטער האבען זיך אפילו גע־מעגט געפינען מאנכע, וואס האבען מערער געוועו געגען די הייליג־קייט פון דעם אדער יענעם בוך, אבער אויסגעשלאסען האט מען זיי שוין ניט. אין שיר השירים, למשל, איז שווער געוועו צו געפינען א רעליגיעזען אינהאלט, האט מען עס אין גאנצען דערקלערט פאר א משל. דער געליבטער און די געליבטע, וועגען וועמען עס רעדט זיך דארטען, זיינען ניט א מאן און א פרוי, נור גאט ברוך הוא און די כנסת ישראל.

פארוואס האט מען ניט אריינגענומען די „כתובים אחרונים" צווי־שען די הייליגע ביכער? לויט דער טראדיציע איז דאס זעלבסטפער־שטענדליך. די כתובים אחרונים זיינען געשריבען געווארען נאכדעם ווי דער גאנצער תנ"ך איז שוין געוועו אבגעשלאסען, נאך דער צייט פון עזרא און נחמיה, ווען דער רוח הקדש האט שוין מעהר ניט גע־הערשט ביי אידען, דערפאר זיינען זיי ניט הייליג. די וויסענשאפטליכע קריטיק פון דער ביבעל האט אבער געוויזען, אז עס זיינען דא אין די כתובים מאנכע ביכער, וואס שטאמען פון א שפעטערדיגער צייט איידער מאנכע ביכער פון די כתובים אחרונים. דער ספר דניאל, למשל, איז געשריבען געווארען אין דער צייט פון די ערשטע חשמונאים; ווא־רים דארטען זיינען געגנוי בעשריבען די פערהעלטניסע אין דער צייט פון אנטיכוס עפיפאנוס, דאס אריינשטעלען דעם בילד פון גריכישען גאט צעאוס (שקוץ שומם) אין בית המקדש און דער קאמף צווישען די העלעניסטען (עוזבי ברית קדש אדער מרשיעי ברית) און די אנ־היינגער פון די חשמונאים (משכילי עם אדער עם יודעי אלהיו). דער ספר בן־סירא דאגעגען איז געשריבען געווארען אין א פריהערדיגער תקופה, אין דער צייט פונ'ם כהן גדול שמעון בן חוניו. טא פארוואס איז דער ספר דניאל יא אריינגענומען געווארען צווישען די הייליגע ספרים און בן־סירא ניט? מילא, א סך ביכער פון די כתובים אחרונים זיינען געשריבען געווארען אריגינעל אין גריכיש. אז די ארץ ישראל־דיגע אידען האבען ניט געקאנט האלטען פאר הייליג אידישע ביכער

געשריבען אין גריכיש, איז גאנץ פערשטענדליך. בן סירא אבער איז לכתחילה פערפאסט געווארען אין העברעאיש (דער גרעסטער טייל פון דעם העברעאישען אָריגינאל איז אין דער לעצטער צייט ענטדעקט געווארען אין אַלטע ביבליאטעקען). דער תרוץ איז, אז דניאל איז געשריבען געווארען אויפ'ן נאָמען פון א לעגענדארען מאן פון די עלטערע צייטען, וועלכער איז שוין אין יחזקאל'ס צייט פעררעכענט געווען אלס א מוסטער פון א צדיק (יחזקאל י"ד 20). דניאל זעהט מיט'ן רוח הקדש אלץ וואָס וועט טרעפען אידען אמאל אין דער צייט פון מלכות יון. אויך קהלת האָט געשריבען זיין בוך אויפ'ן נאָמען פון קהלת דעם זוהן פון דוד. דניאל און קהלת זיינען דערפאר אנערקענט געווארען אלס הייליג, ווייל מ'האָט אנגענומען, אז זיי שטאמען נאָך פון דער אלטער צייט ווען ס'איז נאָך געווען רוח הקדש ביי אידען. בן סירא אבער האָט געשריבען זיין בוך אויף זיין אייגענעם נאָמען און דערמיט האָט ער אליין בעשטעטיגט, אז ס'איז געשריבען אָהן רוח הקדש.

פאר מאנכע ביכער פון די כתובים אחרונים קען מען אלזא געבען אן ערקלערונג ווארום זיי זיינען ניט אריינגענומען געווארען אין די כתובים, אבער ניט פאר אלע. אָט, למשל, איז זעהר שווער צו דערקלערען פארוואָס מ'האָט אריינגענומען אין כתובים אזא דורך און דורך אונרעליגיעזען בוך ווי אסתר, וואָס טראגט אריבער דעם לעזער אין דער אטמאָספערע פון א פערסישען הארם, און מ'האָט ניט אריינגענומען צווישען די הייליגע ביכער אזא טיף־רעליגיעזען בוך ווי יהודית, כאָטש ביידע זיינען זיי געשריבען געווארען אריגינעל אין העברעאיש, ביידע זיינען זיי בעגרינדעט אויף דיזעלביגע טהעמע — ווי א פרוי ראטעוועט אלע אידען פון אונטערגאנג — און ביידע שטאַמען זיי פון דערזעלביגער צייט, פון דער גריכישער, און פיליכט נאָך שפעטער פון דער רוימישער פעריאדע. מעגליך, אז אסתר איז אריינגענומען געווארען אין כתובים, מחמת זי גיט אן ערקלערונג פאר דעם יום־טוב פורים וואס איז ביי אידען זעהר פאָפולער געווען שוין פון לאנגע צייטען. און אפשר האָט מען צוליב דעם שטארקען נאציאנא־

לען געפיהל, מיט וועלכען מגלת אסתר איז דורכגעדרונגען, פארביי־
נעקוקט איהר אונרעליגיעזען כאראקטער.

אזוי צו אזוי, די פיער און צוואנציג ביכער פון תנ"ך זיינען גע־
בליבען ביי אידען הייליג. אבער נאָך אין דער צייט פון צווייטען בית־
המקדש האָבען זיך געהאלטען דערביי נור איין טייל פון די ארץ־
ישראל'דיגע אידען, די פרושים און זייערע אנהייננער. די שומרונים
און די צדוקים האָבען אחוץ דעם חומש ניט אנערקענט פאר הייליג
קיין אנדערע ביכער, ניט די נביאים און ניט די כתובים. פון דער
צווייטער זייט האָבען די אידען פון אלעקסאנדריא געהאט א פיעל
ברייטערן בעגריף וועגען הייליגע ביכער און דערום ארייננענומען
אין זייער גריכישער ביבעל אויך די אפאקריפישע ביכער. זיי
האָבען מיר עס צו פערדאנקען וואָס די ביכער זיינען אונז דערהאל־
טען געבליבען.

4.

די שפּראַך, די שריפט און דער טעקסט פון תנ"ך.

I

די שפּראַך פון תנ"ך.

די שפּראַך, וואָס אין איהר זיינען געשריבען כמעט אלע ביכער
פון תנ"ך, איז העברעאיש. אין דער אוראלטער צייט, איידער אידען
זיינען פערטריבען געוואָרען פון זייער לאנד, איז זי ניט געווען דוקא די
שפּראַך פון אידען, נאָר אויך די שפּראַך פון אלע אנדערע סעמיטישע
פעלקער אין און ארום פּאלעסטינא, ווי: עמון, מואב, אדום, די כנענים
און די פּהעניציער פון צור און צידון. די אויסגעגראָבענע אויפשריפטען
פון די פּהעניציער, דער שטיין פון משע מלך מואב, וועלכער איז ענט־
דעקט געוואָרן אין 1868 ביי דיבון אין עבר הירדן און די אויסגעגראָ־
בענע אויפשריפטען אין ארץ ישראל גופא זיינען אלע געשריבען אין

דערזעלביגער שפראך פון תנ"ך, נור מיט אן אונטערשייד אין דיא־לעקט. העברעאיש ווערט דערום אנגערופען אין תנ"ך „די שפראך פון כנען" (ישעיה י"ט 18).

בנוגע דעם דיאלעקט איז ביי אידען גופא אויך געווען א חלוק צווישען איין טייל פונ'ם לאנד און דעם אנדערן. דאס בעווייזט די געשיכטע אין שופטים י"ב, ווי מ'האט דערקענט די בני אפרים נאך זייער אויסשפראכע. זיי פלעגען זאגען „סבלת" אנשטאט „שבלת". צוליב אט דער אורזאכע געפינען מיר אין תנ"ך אפט דעמזעלביגען ווארט אין צוויי אויסלעגונגען, ווי למשל: זעק — צעק (שרייען), עלז — עליץ (זיך פרייען), שחק — צחק (לאכען). דאס זיינען געבליבענע סימנים פון חלוקים אין דער העברעאישער אויסשפראכע אין דער אוראלטער צייט.

ווי שוין אויבען דערמאנט זיינען מאנכע אונבעדייטענדע טיילען אין תנ"ך (איינציגע קאפיטלען אין דניאל און אין עזרא, דער פסוק 11 אין ירמיה קאפיטעל י און דער נאמען „יגר שהדותא" אינ'ם מויל פון לבן דעם אראמעער, בראשית ל"א 47) געשריבען אין אראמעאיש, א שוועסטער־שפראך פון העברעאיש. אט די ביידע שפראכען זיינען צוויי צווייגען פונ'ם סעמיטישען שפראך־שטאם, וועלכע האבען ערשט פערהעלטניסמעסיג שפעט זיך אליין שארפער פונאנדערגעשיידט און ביסלעכווייז זיך ענטוויקעלט אין צוויי בעזונדערע שפראכען.

אין מלכים ב (י"ח 26) ווערט דערצעהלט, אז די פערטרעטערס פונ'ם קעניג חזקיהו האבען געזאגט צו רבשקה, דעם פערטרעטער פון סנחריב מלך אשור: „רייד צו דיינע קנעכט אראמעאיש, דען מיר פערשטעהען, און רייד ניט מיט אונז קיין אידיש (יהודית, עס הייסט העברעאיש) אין דער געגענווארט פון פאלק, וואס איז אויפ'ן מויער". מ'זעהט דערפון, אז אין זיבעטען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) האבען בלויז דעם קעניג'ס בעאמטע פערשטאנען אראמעאיש, אבער ניט די מאסע פון פאלק. נאטירליך איז דאס נור א בעווייז פאר יהודה. אין צפון פון ארץ ישראל האט אפשר דאס פאלק מעהר געקענט אראמעאיש צוליב דער געאגראפישער נאהנטקייט מיט

ארם. אין דער צייט פון דער פערסישער וועלט־מלוכה, ווען אראמע־איש איז געווארען די שפראך פון אינטערנאציאנאלען פערקעהר און בעזונדערס די רעגירונגס־שפראך (פערגלייך די אראמעאישע דאקו־מענטען אין עזרא ד — ז), איז עס אויך אין פאלק מעהר פערשפרייט געווארען. פון דעמאלט אן קריגט אראמעאיש אלץ מעהר איינפלוס אויף העברעאיש, עס הייסט: העברעאיש ווערט אלץ מעהר אראמע־איזירט. צום סוף האט אראמעאיש אין גאנצען ארויסגעשטופט העב־רעאיש פונ׳ם געברויך ביים פאלק. העברעאיש איז געבליבען בלויז א רעליגיעזע און ליטערארישע שפראך. אין דער איבערגאנגסצייט פון העברעאיש צו אראמעאיש האט מעןביידע שפראכען גלייך פערשטאנען, אזוי אז ס׳איז אבגעהאנגען פונ׳ם געשמאק פון פערפאסער, אדער אויך פון צופעליגע אומשטענדען, אויב ער האט זיך בענוצט מיט איין שפראך אדער מיט דער אנדערער. פון אט דער איבערגאנגס־צייט האבען מיר אין תנ״ך צוויי ביכער, דניאל און עזרא, געשריבען צום טייל אין העברעאיש, צום טייל אין אראמעאיש.

II

די שריפט פון תנ״ך.

די עלטסטע שריפט, וואס איז געברויכט געווארען אין ארץ ישראל, איז געווען די באבילאניש־אשורישע קלין־שריפט (כתב היתדות). די אין 1887 אויסגעגראבענע טאוולען פון טעל־על־אמארנא בעווייזען, אז אין דער צייט פון דער אכצעהנטער דינאסטיע אין עגיפ־טען, ווען פאלעסטינא איז געווען אונטער דער הערשאפט פון די פרעה׳ס (אין דעם פופצעהנטען און פערצעהנטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, ארום צוויי הונדערט יאהר פאר יציאת מצרים) האבען אפילו די עגיפטישע גובערנאטארען אין ארץ ישראל געברויכט אין זייערע בריף צו פרעה׳ן ניט קיין היעראגליפען, נור די שפראך און די שריפט פון די באבילאניער. עס קאן דערום גרייליך זיין, אז אידען האבען שוין געהאט געשריבענע דאקומענטען אין דער באבילאנישער שריפט נאך פאר דער ערפינדונג פון דער אזוי־גערופע־

נער פהעניצישער בוכשטאבען־שריפט. מאנכע עלטערע שטיקער אין תנ"ך זיינען מעגליך לכתחילה געשריבען געווארען אין דער באבי־לאנישער שריפט, וועלכע איז אין יענע אלטע צייטען געברויכט גע־ווארען פאר פערשידענע שפראכען, און ערשט שפעטער זיינען זיי אי־בערגעשריבען געווארען אין דער בוכשטאבענשריפט. דער שטיין פון משע מלך מואב און די אויפשריפטען וואס מ'האט אויסגעגראבען אין ארץ ישראל זיינען געשריבען אין דער אלטער פהעניציש־העב־רעאישער בוכשטאבענשריפט. משע'ס שטיין איז געשריבען געווארען ארום 125 יאהר נאך דוד'ן, און די פארם פון זיינע בוכשטאבען איז אזוי אויסגעארבייט, אז עס קאן קיין ספק ניט זיין, אז די שריפט איז שוין געווען אין געברויך א לאנגע צייט פאר משע'ן. מ'מעג אנ־נעהמען פאר זיכער, אז אין דוד'ס צייט איז די בוכשטאבענשריפט שוין געווען אין געברויך אין ארץ ישראל. די דאזיגע אלטע העברעאי־שע שריפט, אין וועלכער דער גרעסטער טייל פון תנ"ך איז לכתחילה געשריבען געווארען, איז געווען זעהר אן אונבעקוועמע: די אראמעער האבען דערפאר שפעטער געשאפען א בעקוועמערע שריפט, און אי־דען האבען פון אט דער אראמעאישער שריפט ענטוויקעלט אונזע־רע פיערקאנטיגע אותיות, וואס ווערן אנגערופען אין גמרא „כתב מרבע“ אדער „כתב אשורי“. לויט דעם תלמוד האט עזרא געבראכט אט די נייע שריפט פון בבל און איבערגעשריבען אין איהר אלע בי־כער פון תנ"ך. דאס קאן אבער ניט זיין, מחמת די ספר תורה פון די שומרונים, וועלכע האבען זיך אבגעשיידט פון אידען א הונדערט יאהר נאך עזרא'ן, איז נאך געשריבען אין דער אלטער שריפט. דאס איז א קלארער בעווייז, אז לאנג נאך עזרא'ן האט מען נאך געברויכט די אלטע שריפט. גענוי בעשטימען ווען די נייע שריפט איז איינגעפיהרט געווארען ביי אידען קען מען ניט. דאך האט מען אויסגעגראבען אן אויפשריפט אין פאלעסטינא פונ'ם אנפאנג צווייטען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) מיט'ן נייעם, אבער נאך ניט קאנזעקווענט אנגעווענדטען אלף־בית.

III

דער טעקסט פון תנ״ך.

דער טעקסט פון תנ״ך איז אין דער אוראלטער צייט ניט געווען אזוי לייכט צו לעזען ווי איצטער. קיין נקודות זיינען דעמאלט ניט געווען, און אויך די ווערטער האט מען אנפאנגס ניט אבגערוקט איינס פונ׳ם אנדערן. דערפון זיינען אונז געבליבען אין תנ״ך א סך גרייזען. למשל, אין יעקב׳ם ברכה (בראשית מט 19 — 20) איז פון „והוא יגוד עקבם אשר שמנה להמו״ געווארען „והוא יגוד עקב מאשר שמנה לחמו״. עס הייסט, א סופר אין דער אלטער צייט האט דעם מם פון „עקבם״ צוגעצויגען צו „אשר״. אין דבורה׳ס געזאנג (שופטים ה 8) איז פון „לחם שעורים״, גערשטען־ברויט, געווארען „לחם שערים״, א מלחמה אין די טויערען, און אזוי ווייטער. ס׳איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דער טעקסט פון תנ״ך האט ניט געקאנט בלייבען דערהאלטען אומ־טום אין זיין ערשטען נוסח.

פאר א לעבעדיגע שפראך איז א שריפט פון הוילע קאנזאנאנטען געווען גענוג. ווען העברעאיש איז אבער געווארען א טויטע שפראך און האט אנגעהאלטען איהר עקסיסטענץ בלויז אין רעליגיעזען לעבען און ביי די געלעהרטע פון פאלק, האט מען געזוכט מיטלען ווי צו מאכען גרינגער דאס לעזען פון תנ״ך. מ׳האט צו אט דעם צוועק ערפונדען א גאנצען סיסטעם פון וואקאל־צייכענס (נקודות). עס האבען זיך אזוי ענט־וויקעלט צוויי סיסטעמען פון נקודות. איינער אן ארץ־ישראל׳דיגער, וועלכער האט געשטעלט די נקודות אונטען, און איינער א באבילא־נישער, וועלכער האט געשטעלט די נקודות אויבען. אנגענומען גע־ווארען איז דער ארץ ישראל׳דיגער סיסטעם. צוזאמען מיט די נקודות האט זיך אויך ענטוויקעלט א קאמפליצירטער סיסטעם פון טראפ, פון צייכענס ווי פארצולייענען און צו בעטאנען די ווערטער.

געגוי ווען די נקודות און די טראפ זיינען ענטשטאנען קען מען ניט בעשטימען. אבער אזוי ווייט איז מען זיכער, אז אין דער צייט ווען דער תלמוד איז אבגעשלאסען געווארען (אין זעקסטען יאהרהונ־

דערט נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג) זיינען נאָך קיין נקודות ניט געווען. דערום געפינען מיר אזוי אפט אין גמרא דעם „לעז ניט אזוי, נור אזוי“; למשל: „אל תקרא בניך אלא בוניך“, „אל תקרא הליכות אלא הלכות“. וואָלטען שוין אין יענער צייט געווען נקודות, וואָלט ניט מעגליך געווען אזא זאך ווי אנשטאט חיריק־למד לעזען קמץ־למד. פון דער אנדערער זייט איז דער עלטסטער העברעאישער תנ"ך וואָס איז אונז דערהאלטען געבליבען (אין פעטראגראדער ביב־ליאָטעק, דאַטירט 916) געשריבען מיט נקודות איבער די אותיות, נאָכ'ן באבילאָנישען סיסטעם. מען נעהמט געוועהנליך אן, אז אין זיבעטען יאהרהונדערט איז דער גאנצער סיסטעם פון די נקודות און די טראָפּ שוין געווען ענטוויקעלט.

דאָס וואָס דער טעקסט פון תנ"ך איז אונז דערהאלטען געבליבען אין העברעאישען אריגינאל, האָבען מיר צו פערדאנקען די „בעלי המסורה“. דאָס זיינען געווען געלעהרטע ביי אידען אין דער אלטער צייט, וועלכע האָבען זיך אָבגעגעבען אין א רייה פון דורות מיט'ן אויפ־צייכענען און איבערגעבען פאר די צוקינפטיגע צייטען די טראדיציעס וועגען דעם טעקסט פון די הייליגע ספרים. זיי האָבען געצעהלט די פסוקים און די אותיות פון איטליכען בוך פון תנ"ך, געמאכט א נאָטיץ וואו ס'איז א העלפט פונ'ם בוך אין פסוקים (חצי הספר בפסוקים), אויסגעצעהלט אלע פאלען וואו ס'איז דאָ אן איבעריגער אות און וואו אומגעקעהרט אן אות פעהלט אוים (מלא, חסר), פערצייכענט אלע פאלען וואו ערטער ווערן געלעזען ניט אזוי ווי זיי זיינען געשריבען (קרי, כתיב) און נאָך אזוינע דקדוקים. אט די אלע נאָטיצען פלעגען זיי פערצייכענען ענטוועדער ביי די זייטען פונ'ם טעקסט אָדער אויף אין בעזונדערע ספרים. שפּעטער ווען די נקודות האָבען זיך ענטוויקעלט זיינען ענטשטאַנען ביי אידען „נקדנים“, געלעהרטע וואָס האָבען זיך אָבגעגעבען ספּעציעל מיט די נקודות. די צוויי גרעסטע אויטאָרי־טעטען בנוגע די נקודות זיינען געווען בן־אשר פון טבריא אין ארץ ישראל און זיין בעל־מחלוקה בן־נפתלי פון בבל (אין צעהנטען יאהר־הונדערט). דער זיגער איז אין די מעהרסטע פאלען געבליבען דער

קאראאים בן־אשר, דער מחבר פונ'ם בעריהמטען מסורה־בוך „דקדוקי הטעמים". אין אונזער היינטיגען נקודות־סיסטעם פאלגען מיר נאך בן־אשר'ן.

5.

אידישע איבערזעצונגען פון תנ"ך.

די ביבעל איז געווארען דאס בוך פון דער גאנצער מענשהייט און איז איבערזעצט געווארען אין אלע שפראכען און דיאלעקטען פון דער וועלט. אבער ניט בלויז די ניט־אידישע וועלט, אויך אידען גופא האבען פון די עלטסטע צייטען אן איבערזעצט דעם תנ"ך אין די פערשידענע שפראכען וואס זיי האבען גערעדט.

די ערשטע פון אט די אידישע איבערזעצונגען איז די גריכישע „סעפטואגינטא" אדער „תרגום השבעים" — איבערזעצונג פון די זיבעציג — וואס לויט דער אידישער זאגע האבען זיבעציג שרייבערס זיך בעטייליגט אין איהר. לכתחילה האט מען בעצייכענט מיט אט דעם נאמען נור די איבערזעצונג פון חומש, וואס איז געמאכט געווארען אין אלעקסאנדריא אין דער צייט פון דעם קעניג פטאלעמעאוס II פילאדעלפוס (אין דריטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג). שפעטער אבער זיינען געמאכט געווארען אין אלעקסאנדריא גריכישע איבערזעצונגען ניט נור פון די נביאים און די כתובים, נור אויך פון די אפאקריפישע ביכער; ווארים די אלעקסאנדרינישע אידען האבען געהאלטען פאר הייליג יעדען אידישען בוך, וואס האט געהאט א רעליגיעזען אינהאלט. אנהייבענדיג מיט'ן חומש, איז אלזא די „סעפטואגינטא" אלץ מעהר געוואקסען, ביז זי האט ארייגעגנומען כמעט די גאנצע אידישע ליטעראטור פון יענער צייט.

די „סעפטואגינטא" איז ארומגעוועבט געווארען פון אידען מיט א סך לעגענדעס. לויט דעם פסעוודאעפיגראפישען בוך „דער בריף פון אריסטעאס" האט דער קעניג אליין, אויף דער אנרעגונג פון זיין ביבליאטעקאר דעמעטריאוס פהאלעריאוס, געלאזט מאכען פאר זיין ביב־

ליאטעק אז איבערזעצונג פון דער אידישער תורה. אויף זיין בקשה האט איהם דער כהן גדול אליעזר פון ירושלים געשיקט צוויי און זיבעציג פאסענדע מענער, זעקס פון איטליכען שבט, וועלכע האבען פארטיג געמאכט די גאנצע ארבייט אין צוויי און זיבעציג טעג. אויף די גמרא (מגלה ט, עמוד א) דערצעהלט, אז תלמי המלך האט פערזאמעלט צוויי און זיבעציג זקנים און זיי אוועקגעזעצט אין צוויי און זיבעציג בעזונדערע הייזער, זיי ניט זאגענדיג אויף וואס. נאכהער איז ער ארייננעגאנגען צו איטליכען בעזונדער און געזאגט: שרייבט מיר אויף די תורה פון אייער רבי'ן משה'ן. האט גאט ברוך הוא ארייננעגעבען איטליכען אז עצה אין זיין הארצען, און אלעמעס איבערזעצונגען זיינען ארויסגעקומען גלייך ווארט אין ווארט.

די „סעפטואגינטא" האט ניט געהאט די איינטיילונג אין תורה, נביאים און כתובים ווי אונזער העברעאישער תנ"ך, נור נאכ'ן חומש האט זי געשטעלט אלע היסטארישע ביכער, נאכהער אלע פאעטישע ביכער און צולעצט די נביאים, ניט מאכענדיג דערביי קיין אונטערשייד צווישען די נביאים, די כתובים און די אפאקריפישע ביכער. די איבערזעצונגען פון די פערשידענע ביכער טראגען ניט קיין איינהייטליכען כאראקטער, מחמת זיי זיינען געמאכט געווארען פון פערשידענע איבערזעצערס. מאנכע ביכער זיינען איבערזעצט ווערטליך און מאנכע אין גאנצען פריי. די גריכיש איז דארטען אזוינע, אז ווער עס האט גאר קיין העברעאיש ניט געקאנט, האט עס שווערליך געקאנט פערשטעהן. בכלל איז דאס אבער געווען א וואונדערבארע שטיק ארבייט, און אין דער היסטאריע דער ערשטער פערזוך צו איבערזעצען א גאנצע ליטעראטור אין גאר א פרעמדער שפראך.

אנפאנגס האבען די ארץ ישראל'דיגע אידען שטארק געהאלטען פון דעם „תרגום השבעים". אויפ'ן פסוק „גאט זאל גרעסער מאכען צו יפת און ער זאל וואוינען אין די געצעלטען פון שם", האט בר קפרא געזאגט, אז דאס הייסט, אז שם'ס ווערטער (די אידישע תורה) זאלען געזאגט ווערען אויף יפת'עס שפראך (גריכיש); און ר' חיא בר אבא האט געזאגט דערויף, אז יפת'עס שענקייט זאל זיין אין די

געצעלטען פון שם (מגלה, ט, עמוד א; בראשית רבה, פ׳ ל״ו). נאָכ׳ן חורבן אבער, ווען די קריסטליכע געמיינדען האָבען זיך אומעטום גע־שטיצט אויף דער „סעפטואגינטא“ און געבראכט פון איהר ראיות פאַר זייער גלויבען, האָבען אידען געוואָרפען אַן אומ׳חן אויף איהר און דערקלערט, אז דער טאָג ווען דער תרגום השבעים איז געמאכט גע־וואָרען איז געווען אזוי שלעכט פאַר אידען ווי דער טאָג ווען זיי האָבען געמאכט דעם עגל, און אז דריי טעג האָט דענסטמאָל געהערשט א חושך אויף דער וועלט. (מסכת סופרים פרק א).

אידען האָבען בכלל ניט געקענט מעהר געברויכען דעמאָלט די סעפטואגינטא, ווייל דער העברעאישער טעקסט, פון וועלכען זי איז געמאכט געוואָרען אין דריטען יאהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, האָט לחלוטין ניט געשטימט מיט׳ן העברעאישען טעקסט, וועלכען אידען האָבען געברויכט אין צווייטען יאהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג, און וועלכער האָט שוין דעמאָלט געהאַט א פעסטע מסורה. ס׳האָט זיך געפיהלט דעריבער א נויטווענדיגקייט צו שאפען נייע איבערזעצונגען פון תנ״ך פאַר די גריכיש־שפּרעכענדע אידען לויט דעם דעמאָלטדיגען העברעאישען טעקסט. די עלטסטע פון אַט די נייע איבערזעצונגען איז די פון עקילס דעם גר. לויט דער אידישע זאגע איז עקילס געווען א נאָהנטער קרוב פונ׳ם רוימישען קיסר און א תלמיד פון ר׳ עקיבא׳ן.

איידער עקילס האָט זיך בעקעהרט צום יודענטום, ווערט דערצעהלט אין גמרא, האָט ער ארויפגעבראכט פון יענער וועלט בלעמ׳ן, טיטוס׳ן און יעזוס׳ן און אויסגעהערט זייערע מיינונגען וועגען אידען (גיטין נו—נז). עקילס׳עס איבערזעצונג איז געווען א ווערטליכע און איז געווען זעהר געאכטעט ביי אידען. רבי אליעזר און רבי יהושע האָ־בען געלויבט עקילס׳ען פאַר זיין איבערזעצונג און געזאָגט צו איהם דעם אויסדרוק פון תהלים (קאפּ. מ״ה 3): „ביזט דער שענסטער פון מענשען“ (ירושלמי, מגלה, פרק ראשון, י עמוד ב). די סעפּטואגינטא איז דורך די קריסטליכע קירך פאַלשטענדיג דערהאַלטען געבליבען, עקילס׳עס איבערזעצונג אָבער איז פערלאָרען געגאנגען דורך דעם

אונטערגאנג פונ׳ם העלעניסטישען יודענטום. אין יאהר 1897 האט מען געפונען שטיקער פון איהר אין דער „גניזה" פון דער אלטער שוהל אין קאאירא (דעמזעלביגען פלאץ וואו מ׳האט אויך ענטדעקט טיילען פון ספר בן סירא אין העברעאישען אריגינאל). ס׳איז כאראק־טעריסטיש וואס דער שם המפרש, יהוה, איז דארטען געשריבען ניט מיט קיין גריכישע בוכשטאבען, נור מיט דער אלטער סעמיטישער (פהעניציש־העברעאישער) שריפט.

ניט פיעל שפעטער נאך עקילס׳ן האט טהעאדאטיאן, אויך א גר, געמאכט א נייע איבערזעצונג פון תנ"ך אין גריכיש, וועלכע איז געווען א קאמפראמים צווישען דער צו־פרייער איבערזעצונג פון דער סעפטואגינטא און דער צו־ווערטליכער פון עקילס. די שפעטסטע און ליטעראריש־בעסטע איבערזעצונג פון תנ"ך אין גריכיש איז גע־מאכט געווארען פון סימאכוס. וועגען איהם איז א שטרייט צו ער איז געווען א געווארענער איד אדער א געווארענער קריסט.

די גריכישע איבערזעצונגען פון תנ"ך זיינען בעשטימט געווען פאר די גריכיש־שפרעכענדע אידען. אבער אפילו אין ארץ ישראל גופא האבען אידען נויטיג געהאט אן איבערזעצונג פון די הייליגע ספרים אין זייער פאלקס־שפראך, אראמעאיש. שוין אין צווייטען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) איז געווען א מתורגמן, ס׳הייסט אן איבערזעצער, אין די אידישע שוהלען, וועלכער פלעגט איבערזעצען און גלייכצייטיג דערקלערען אין אראמעאיש יעדען איינצעלנעם פסוק נאכדעם ווי דער בעל־קריאה פלעגט עס האבען פארגעלעזען אין העברעאיש. די דאזיגע אראמעאישע פרייע איבער־זעצונגען פון די שוהלען זיינען מיט דער צייט אויפגעשריבען געווא־רען און דערהאלטען געבליבען ביי אונז אלס תרגום, דאס אראמעאי־שע ווארט פאר איבערזעצונג. עס זיינען פאראן איינינע אזוינע תרגומים, נור דער פאפולערסטער איז דער תרגום פון חומש, וועלכער טראגט דעם נאמען פון אונקלוס. דאס איז דערזעלביגער עקילס, וואס האט איבערזעצט דעם תנ"ך אין גריכיש. ער האט מיט דעם אראמעאישען תרגום קיין שייכות ניט געהאט, נור מחמת ער איז

אזוי געווען פּאָפּולער ביי אידען מיט זיין גריכישער איבערזעצונג, האָבען זיי איהם דערום צוגעשריבען אויך דעם אראַמעאישען תרגום. נאָך א תרגום צום חומש און א תרגום צו די נביאים טראָגען דעם נאָמען פון ר׳ יונתן בן עוזיאל, הלל הזקן׳ס וויכטיגסטער תלמיד. פון די תרגומים אויף כתובים איז ווערט צו דערמאָנען דער תרגום שני אויף מגלת אסתר, וועלכער ענטהאלט זעהר שענע לעגענדען אין׳ם סטיל פון דער אגדתא און איז דערפאר זעהר פּאָפּולער געווען ביי אי־דען.

אידען האָבען אבער באלד אויפגעהערט ריידען אראַמעאיש. נאָך די גרויסע עראָבערונגען פון מאחמעד׳ס נאָכפאָלגער איז דער גאנצער מזרח אראַביאיזירט געוואָרען, און אידען האָבען אנגעהויבען ריידען אראַביש אנשטאָט אראַמעאיש. ר׳ סעדיה גאון (געב. 892, געשט. 928), דער ראש ישיבה פון סורא אין בבל, דער בעגרינדער פון דער אידישער סקאָלאַסטישער פילאָזאָפיע, האָט דערום געמאַכט פון תנ״ך אן איבערזעצונג מיט א באור אין אראַביש. ער האָט בעצוועקט דער־מיט דריי זאַכען: מאַכען דעם תנ״ך פערשטענדליך פאר די אידישע מאַסען, אָבשלאָגען די קאַראַאימען, געגען וועמען ער האָט געפיהרט אזא שטאַרקען קאַמף און דערקלערען אלצדינג אין תנ״ך לויט זיין ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע. ער האָט אומעטום געזוכט צו דער־קלערען בדרך השכל, אזוי אז, למשל, דער שטן אין איוב איז ניט נאָך איהם אזא מין שלעכטער מלאך, ווי אלע נעהמען אָן, נור א פשוט׳ער מענש, א שונא פון איוב׳ען.

ר׳ סעדיה׳ס איבערזעצונג פון תנ״ך האָט געהאַט א גרויסען איינפלוס אויפ׳ן אראַבישען יודענטום. ביי די אראַבישע אידען איז די איבערזעצונג געווען אזוי אנגענומען ווי דער תרגום אונקלוס. זיי האָבען איהר דערום אויך גערופען „תרגום“ און אָפט איהר גע־שריבען אויפ׳ן זעלביגען פאַרמעט ביי דער זייט פון תרגום אונקלוס.

אין דער נייערער צייט האָבען אידען איבערזעצט דעם תנ״ך אין א סך שפּראַכען, ווי למשל: אין שפּאַניש, אין פראַנצויזיש, אין דייטש, אין רוסיש און אין אידיש. ווערט צו דערמאָנען זיינען דער

„צאינה וראינה“ פון ר׳ יעקב מיאנאווא אין 17טען יאהרהונדערט און דער „תרגום אשכנזי“ פון מענדעלסזאָהן׳ען אין אכצעהנטען יאהר־הונדערט. דער „צאינה וראינה“ איז ניט קיין איבערזעצונג, נור א זעלטענע צונויפוועבונג פונ׳ם טעקסט פון חומש, די הפטרות און די מגלות מיט די שענסטע אגדתות פון תלמוד און מדרש און די איג־טערעסאנטסטע ערקלערונגען פון די אידישע מבארים. עס זיינען געמאכט געווארען א סך איבערזעצונגען אין אידיש פון גאנצען תנ״ך ווי אויך פון איינצעלנע ביכער זיינע, ווי, למשל, די תהלים־איבערזע־צונג פון ר׳ אליהו בחור*) (אין 1545), דאָס שמואל־בוך אין גראמען (אין 1544), דער טייטש־חומש, אן איבערזעצונג פון חומש מיט שטיקלעך אגדתא פון יצחק בן שמעון הכהן מפראג (אין 1608). קיינע פון זיי איז אָבער ניט געווארען אזוי פּאָפּולער ביי אידען ווי דער „צאינה וראינה“.

דער איינפלוס וואָס מענדעלסזאָהן׳ס „תרגום אשכנזי“ האָט גע־האט אויף אידען איז ניט געווען קיין רעליגיעז־נאַציאָנאַלער, נור אן אלגעמיין קולטורעלער. מענדעלסזאָהן האָט געשריבען די איבערזע־צונג אין דייטש מיט אידישע בוכשטאבען אום אויסצומענשלען אי־דען, זיי זאָלען אָנהויבען ריידען גראמאטיקאלישע דייטש און לער־נען דעם תנ״ך מעהר אויף א מאָדערנעם שטייגער. דער „תרגום אשכנזי“ האָט געהאט אן איינפלוס ניט נור אויף די דייטשע אידען, נור אויך אויף די רוסישע אין דער השכלה־פּעריאָדע. ניט איין משכיל האָט זיך געלערנט דייטש פון „תרגום אשכנזי“.

אין דער נייער אידישער ליטעראטור איז ביז איצט, אבגעזעהן פון מאנכע טעקסט־איבערזעצונגען פון איינצעלנע ביכער פון תנ״ך, נאָך כמעט גארניט געשאפען געווארען צו מאכען די ביבעל פער־שטענדליכער און צוגענגליכער פאר דעם מאָדערנעם, פּראָגרעסיווען אידישען לעזער.

---

*) זעה אויבען זייט 10.

די ביבעל אַלס ליטעראַטור

1.

ווען מיר ווילען ריכטיג פערשטעהן די ביבעל, מוזען מיר זיך די ערשטע זאך צוגעוואוינען צו קוקען אויף איהר ניט ווי אויף איין בוך, נור ווי אויף א גאנצע ליטעראטור פון א פאָלק. מיר מוזען זיך אויך אַבגעוואוינען פון בעטראכטען די ביבעל אלס א רעליגיעזע ליטעראטור, וואס איז לכתחילה געשריבען געווארען מיט'ן צוועק צו פרעדיגען א געוויסע רעליגיעזע לעהרע. אַזא מין ליטעראטור זיינען די ביכער פון נייעם טעסטאַמענט. דער תנ"ך אַבער ענטהאלט א גרויסע, רייכע, פיעלזייטיגע ליטעראטור, וואָס אידען האָבען געשאפען אין די ערשטע טויזענד יאָהר פון זייער געשיכטע, פון אומגעפעהר דעם צוועלפטען ביז ארום דעם צווייטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. פראגמענטען פון אלטע פאָלקס־געזאנגען פון מלחמה און נצחון, וואונדער־מעשיות פון די אוראַלטע טעג, היסטאָריע־ביכער פול מיט דער פרישער קראפט פון א צייט פון קאמף און גבורה, געזעצביכער וואָס שפּיגלען אָב די ענטוויקלונג פון דער ציוויליזאציע, חכמה־־ספרים וואָס ענטהאלטען טיפע געדאנקען וועגען מענשענ'ס לעבען, פייערדיגע רעדעס פון נביאים, וועלכע האָבען געפּרעדיגט גערעכטיגקייט און ליבע אין נאָמען פון גאָט, בעגייסטערטע תהלים־געזאנגען, וואו די טיפסטע געפיהלען וואס בעוועגען דעם מענשענ'ס הארץ האָבען געפונען זייער שטארקסטען אויסדרוק — אלץ איז צוזאמענגעזאמעלט אין אַט דער רייכער ליטעראטור, וואָס מיר רופען ביבעל.

אין יענער צייט, ווען די ביבעל איז געשאפען געווארען, האָט די רעליגיאָן ארומגענומען דעם גאנצען מענשענ'ס לעבען. די גייסטיגע אינטערעסען ביי אידען, ווי אויך ביי אלע אנדערע סעמיטישע פעלקער, זיינען געווען מעהרסטענס רעליגיעזע. גאָט, פאָלק און לאנד זיינען געווען ענג פערבונדען איינע מיט די אנדערע. די ליטעראטור

פון יענער צייט האָט צוליב דעם געמוזט טראָגן צום גרעסטען טייל א רעליגיעזען כאראקטער אָדער א רעליגיעזע פארב. די ביבעל איז דערום ניט קיין רעליגיעזע ליטעראטור, נור א ליטעראטור פון א פאָלק, ביי וועמען די רעליגיאָן האָט געשפּילט די הויפט ראָלע אין גייסטיגען און קולטורעלען לעבען.

די ביבעל איז אבער ניט די גאנצע אידישע ליטעראטור פון יענער צייט, נור בלויז איין טייל פון איהר. אין תנ"ך גופא זיינען ציטירט א סך ביכער, וואס זיינען פערלאָרען געגאנגען. מאנכע לידער אין תנ"ך זיינען ציטירט פון עלטערע לידער־זאמלונגען. איינע אזא לידער־זאמלונג האָט געהייסען „די מלחמות פון יהוה". פון איהר איז ציטירט א פראגמענט פון א קריגס־ליד, וואס הויבט זיך אָן מיט די אונפערשטענדליכע ווערטער „את והב בסופה" (במדבר כ"א 14). א צווייטע לידער־זאמלונג האָט געהייסען „דאָס בוך הישר*). פון אָט דעם בוך איז ציטירט יהושע'ס בעפעהל צו דער זון און דער לבנה (יהושע י 13) און דוד'ס קלאָג־ליד אויף שאול און יהונתן (שמואל ב, א 18). אין דער סעפּטואגינטא שטעהט אין שלמה'ס געזאנג ביים חנכת הבית פון בית המקדש „דאָס שטעהט געשריבען אין בוך פון געזאנג". אויב אין דעם העברעאישען אריגינאל, פון וועלכען די סעפּ־טואגינטא איז געמאכט געוואָרען, איז טאַקע געשטאנען „הלא היא כתובה על ספר השיר", דעמאָלט הייסט עס, אז עס האָט עקסיסטירט

---

*) „ישר" פיליכט אידענטיש מיט „ישרון", א נאמען געברויכט פיעל מאָל אין תנ"ך פאר'ן אידישען פאָלק, ווי ישראל.

דעם דאָזיגען פערלאָרענעם נעגאנגענעם „ספר הישר" טאָר מען ניט פערמישען מיט דעם ביי אונז אזוי שטארק פּאָפּולערען מדרש־בוך, וואס טראָגט דעמזעלבינגען נאָמען „ספר הישר". דער לעצטער ענטהאַלט ערצעהלונגען אין מדרש־סטיל און איז דער שפּעטסטער פון אלע מדרשים. ער איז פערפאסט געוואָרען בערך אין צוועלפטען יאהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג. צווישען דעם „ביב־לישען ספר הישר" און דעם „מדריש ספר הישר" ליעגט אלזא איבער צוויי טויזענד יאהר אידישע געשיכטע.

ביי אידען אין דער אורצייט א דריטע לידער־זאמלונג, וואָס האָט געהייסען „דאָס געזאַנג־בוך“. ס׳איז אָבער מעגליך, אז דער גריכישער איבערזעצער האָט דאָ א טעות געמאכט און געלעזען „השיר“ פאר „הישר“.

אידען האָבען אלזא געהאט אין דער אורצייט, נאָך איידער אונזערע ביכער פון תנ״ך זיינען געשריבען געווארען, פערשידענע זאמלונגען פון פאָלקס־לידער, וואָס שפּעטערדיגע שרייבערס האָבען זיי ציטירט אין די ביכער פון תנ״ך. אין „מלכים“ און אין „דברי הימים“ זיינען אויך ציטירט א סך היסטאָריע־ביכער, וואָס זיינען פערלארען געגאנגען (ווי למשל: „דאָס כראָניק־בוך פון די מלכים פון יהודה“, „דאָס כראניק־בוך פון די מלכים פון ישראל“, „דברי שלמה“, „דברי גד החוזה“, „דברי נתן הנביא“, „נבואת אחיה השילוני“, „מדרש ספר המלכים“ און נאָך פיעל אנדערע ביכער). עס דאַרף אונז אויך ניט וואונדערן, וואָס אידען האָבען ניט דערהאלטען זייער גאנצע ליטעראטור פון דער אוראלטער צייט. אדרבה, ס׳איז דער גרעסטער וואונדער וואָס זיי האָבען אזוי פיעל דערהאלטען דורך אלע שרעקליכע חורבנות און נאציאָנאלע קאטאסטראפעס, וואָס זיי האָבען דורכגעלעבט. די נערמאנען האָבען ניט דורכגעמאכט אזעלכענע גלות׳ן און רדיפות ווי אידען, און פונדעסטוועגען האָבען זיי ניט דערהאלטען די גערמאַנישע פאָלקס־לידער, וואָס קארל דער גרויסער האָט געלאָזט זאמלען.

2.

ווער זיינען די פערפאסערס פון די ביכער פון דער ביבעל? ווער זיינען עס געווען די דיכטער און שריפטשטעלער, וועלכע האָבען געשאפען אזא רייכע ליטעראטור?

וואָס די טראדיציע זאָגט דעריבער*) איז צום גרעסטען טייל א טעות. ניט משה האָט געשריבען דעם חומש, ניט דוד דעם תהלים, ניט שלמה שיר השירים, משלי און קהלת, און אזוי ווייטער. אבגעזעהן

*) זעה אויבען זייטען 9 — 10.

פון די נביאים אחרונים, וועלכע ענטהאלטען צום גרעסטען טייל די רעדעס פון די נביאים, וועמעס נעמען זיי טראגען, איז די ביבעל איבערהויפט א ליטעראטור אָהן פערפאסערס. דערמיט אונטערשיידט זי זיך פון די ליטעראטורען פון די מאָדערנע פעלקער. אין אָט די לעצטע האנדעלט עס זיך מעהרסטענס וועגען ווערק פון איינצעלנע גרויסע דיכטער און שריפטשטעלער. די געשיכטע פון א מאָדערנער ליטעראטור האָט דערפאר אָפט די פארם פון א ביאגראפיע, זי דער־צעהלט אונז וועגען דעם לעבען און שאפען פון געוויסע איינצעלנע פערזאנען. ביי אידען אבער, ווי ביי אלע אנדערע סעמיטישע פעלקער פון יענער צייט, האָט דער יחיד בכלל קיין ראָלע ניט געשפילט. אלץ איז געווען דער רבים, דאָס פאָלק. מיר, אין דער מאָדערנער צייט, ווען מיר לעזען א בוך, טראכטען מיר ניט ווילענדיג פון א געוויסער אינדיווידועלער פערזאן, וואָס האָט אָט דעם בוך פערפאסט. ווען מיר לעזען „דאָס ווינשפינגעריל", למשל, טראכטען מיר בעת מעשה פון מענדעלי מוכר ספרים און מיר זיינען פעראינטערעסירט צו וויסען אלע איינצעלהייטען וועגען זיין פערזענליכקייט און זיין לעבען. דער איד אין דער ביבלישער צייט אבער האָט בלויז געוואוסט פונ'ם בוך. אָבער צו טראכטען וועגען דער פערזענליכקייט פון זיין פערפאסער איז איהם קיינמאָל ניט איינגעפאלען; ער האָט גאָר דערצו קיין חוש ניט געהאט. נאָך אין די לעצטע יאהרהונדערטען איז געווען א מנהג ביי אידען ניט צו רופען דאָס בוך נאָכ'ן פערפאסער, נור דעם פערפא־סער נאָכ'ן בוך. ווי למשל: דער „בעל הטורים", דער „בית יוסף", דער „לבוש", דער „שאגת אריה", און אזוי ווייטער. ווען די נביאים אחרונים וואלטען געווען ניט מעהר ווי שריפטשטעלער, וואלטען בלויז זייערע ביכער דערהאלטען געבליבען, אבער ניט זייערע נעמען. צום גליק אבער זיינען זיי געווען אויך פּאָליטיקער, פאָלקס־קעמפער, סאָ־ציאלע רעפארמער, און זייער עראינערונג האָט געלעבט אין שפּעטער־דיגע דורות אלס פיהרער און לעהרער פון פאָלק אין צייטען פון נאַציאָ־נאלע קריזיסען. אָט דעם פאקט האָבען מיר צו פערדאנקען וואָס מיר וויסען די נעמען פון די מעהרסטע ליטעראַרישע נביאים. געווען אויך

נביאים, וועמעס ווירקונג ס'איז געווען בלויז א שריפטשטעלערישע, אָבער ניט קיין געזעלשאַפטליכע, זיינען טאַקע זייערע נעמען ניט דער־האַלטען געבליבען, און זייערע שריפטען זיינען אריינגעשריבען געוואָרען אין די ביכער פון אנדערע פּאָפּולערע נביאים. אין ישעיה, למשל, געפינען מיר נבואות פון א סך נביאים פון פערשידענע צייטען.

אַט די ערקלערונגען זיינען נויטיג נור פאַר איינציגע איינהייטליכע ביכער פון דער ביבעל, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען פון אינדי־ווידועלע שריפטשטעלער, ווי למשל: איוב, קהלת, אסתר. דער גרעס־טער טייל פון דער ביבעל אָבער בעשטעהט פון זאמלונגען: זאמלונגען פון לידער, פון פאָלקס־מעשיות, פון היסטאָרישע ערצעהלונגען, פון משלים, צונויפגעשריבען און איבערגעשריבען א סך מאָל ביז זיי האָבען בעקומען דעם נוסח, אין וועלכען מיר האָבען זיי היינט. ביי אַט די זאמלונג־ביכער קען עס קיין פראַגע ניט זיין וועגען פערפאַסערס, ווייל זיי זיינען איבערהויפּט ניט קיין פערפאַסונגען.

3.

ווען מיר לעזען די ביבעל אלס ליטעראַטור, איז עס פון ערשטער וויכטיגקייט צו האַלטען אין זינען אַט דעם אונטערשייד צווישען איינהייטליכע ווערק און זאמלונגען. אין די זאמלונגען גופא מוזען מיר ווידער אונטערשיידען צווישען פּשוט'ע זאמלונגען, וואו דער זאמ־לער האַט בלויז צונויפגעשטעלט דעם שטאָף וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך, ווי תהלים, למשל, און זעלשטענדיגע בעאַרבייטונגען פון על־טערע מאַטעריאַלען אין א נייעם אייגענעם גייסט, ווי די מעהרסטע היסטאָרישע ביכער. כמעט יעדער בוך פון דער ביבעל איז אלזא א זאמלונג, און די גאַנצע ביבעל א זאמלונג פון זאמלונגען. אום צו פער־שטעהן די ביבעל אלס ליטעראַטור איז עס דערום נויטיג פונאַנ־דערצונעהמען דעם געביי, אין וועלכען זי איז צונויפגעשטעלט געוואָ־רען אין דער אוראַלטער צייט. דעם מאמר פון גמרא „אין מוקדם ומאוחר בתורה“ (ניטאָ קיין פריהער און קיין שפּעטער אין דער תורה) מוזען מיר דורכפיהרען דורך דער גאַנצער ביבעל. צוערשט מו־

זען מיר אוועקנעהמען די גרעניצען פון תורה, נביאים, כתובים און כתובים אחרונים. אויב א געוויסע שריפט איז אריינגענומען געוואָרען אין דער ערשטער, אין דער צווייטער אָדער אין דער דריטער זאמלונג פון די הייליגע ביכער, אדער איז צוליב געוויסע אורזאכען אין גאנצען אויסען געבליבען, זאָגט דאָס אונז גאר ניט וועגען איהר. דער עיקר איז: פון וועלכער צייט אומגעפעהר די שריפט קען שטאַמען, וואָס פאר א היסטאָרישע סביבה עס שפּיגעלט זיך אין איהר אָב און וואָס פאר א ליטעראַרישען, היסטאָרישען און רעליגיעזען אינהאלט זי האָט. דאָס איז נאָך אבער ניט גענוג. ווען מיר האָבען שוין אפילו צוזאמענגעשטעלט אלע ביכער פון דער גאנצער ביבעל אין איין איינציגער גרויסער זאמלונג, זיינען מיר נאָך אלץ ניט יוצא. ניט נור קענען מיר ניט לעזען בעזונדער די ביכער פון דער תורה, די ביכער פון די נביאים און די ביכער פון כתובים און די כתובים אחרונים, נור ביים לעזען די ביבעל האנדעלט עס זיך איבערהויפּט ניט וועגען גאנצע ביכער, נור וועגען איינצעלנע טיילען, איינצעלנע עלעמענטען פון ביכער. שריפטען מיט פערשידענע סטילען און גאנץ להפוך׳דיגע אנשויאונגען זיינען צונויפגעשריבען געוואָרען אין איינעם. ניט בלויז אין זעלביגען בוך, נור אפילו אין זעלביגען קאפּיטעל זיינען אָפט דאָ אָהן א צאָהל סתירות. מיט פשט איז טאקע זעהר שווער געוועזען דורכצוקומען אין תנ״ך. צופיל הארבע קשיות געוועזן. האָט מען דערום געזוכט צו דערקלערען א סך שטעלען מיט „רמז“, „דרוש“ און „סוד“. באמת אָבער פאַלען אוועק אלע קשיות און סתירות, ווען מיר לעגען פונאַנדער דעם תנ״ך אין זיינע אור־עלעמענטען און לעזען זיי אלס בעזונדערע, אונאבהענגיגע שריפטען.

לאָמיר נעהמען אלס אילוסטראַציע די ערשטע צוויי קאפּיטלען פון בראשית. דער ערשטער קאפּיטעל, וואו עס ווערט דערצעהלט ווי גאָט האָט בעשאַפען די גאנצע וועלט אין זעקס טעג און אויפ׳ן זיבעטען טאָג גערוהט, האָט קיין שום שייכות און פערבינדונג ניט מיט׳ן פאָלגענדען צווייטען קאפּיטעל, וואו עס ווערט דערצעהלט ווי גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען און געפלאַנצט א גאָרטען אין עדן. אָט די צוויי

קאפיטלען זיינען זיך סותר פון אָנפאנג ביז צום ענדע; ווארים אין ערשטען קאפיטעל איז די וועלט איידער זי איז בעשאפען געווארען געווען א פינסטערע וואסער־מאסע און גאָט בעשאפט דעם מענשען נאָר צולעצט, גלייכצייטיג א מאן און א פרוי, און הייסט זיי הערשען איבער אלץ. אין צווייטען קאפיטעל דאגעגען איז די וועלט איידער זי איז בעשאפען געווארען געווען א טרוקענער שטח. די ערשטע זאך בעשאפט גאָט א מענשען, א הוילען מאן, נאָכהער בעשאפט ער די איבעריגע בעשעפענישען, און גאָר צולעצט בעשאפט ער די פרוי פון מאַן'ס ריפ. אחוץ אָט די צוויי פערשידענע אויפפאסונגען פונ'ם אורצושטאַנד פון דער וועלט און פון דעם סדר הבריאה, שטעלען אָט די צוויי קאפיטלען בכלל פאר צוויי גאנץ פערשידענע ליטעראַרישע שאפונגען. דער צווייטער קאפיטעל איז אַן אלטע, נאאיווע זאגע, וועל־כע דאָס פאָלק האָט זיך לאנג דערצעהלט אויסווענדיג איידער זי האָט בעקומען א שריפטליכע פארם. דער ערשטער קאפיטעל אבער איז א לכתחילה געשריבענער בעריכט, כמעט אין א וויסענשאפטליכען סטיל, פון א אידישען רעליגיעזען שריפטשטעלער. אין צווייטען קאפיטעל האָט אלץ א קינדערשען, נאאיווען פנים; דער מענש חבר'ט זיך נאָך מיט די חיות פון פעלד און וויים נאך גאר ניט פון דער גרויסער, וויי־טער וועלט. אין ערשטען קאפיטעל דאגעגען זעהט זיך שוין א וויי־טער איבערבליק איבער דער גאנצער וועלט. דער מענש חבר'ט זיך שוין מעהר ניט מיט קיין חיות. ער איז שוין מעהר ניט קיין טייל פון דער נאטור ארום, נור שטעהט איבער איהר און בעהערשט איהר. אלע בעשעפענישען זיינען איהם אונטערוואָרפען. ער איז דער הער־שער פון דער ערד. אזא שילדערונג שטעלט פאר א הויך ענטווי־קעלטע ציוויליזאציע און האָט געקאנט געשריבען ווערן נור אין די שפּעטערדיגערע צייטען פון דער ביבלישער היסטאָריע. די ערשטע צוויי קאפיטלען פון בראשית זיינען אלזא צוויי בעזונדערע, זעלבשטענ־דיגע שריפטען, אבגעשיידט איינע פון די אַנדערע דורך עטליכע הונ־דערט יאָהר אידישע געשיכטע.

אָבער אפילו ווען מיר לעזען שוין אָט די צוויי קאפיטלען בעזונ־

דער, זיינען מיר נאָך אַלץ ניט פאַרטיג מיט'ן ליטעראַטור־היסטאָרי־שען אַנאַליז. ווען מיר קוקען זיך צו נאָך נעהנטער, זעהען מיר דע־מאָלט, אַז דער ערשטער קאַפּיטעל איז אַן איינהייטליכע שריפט, פון אָנהויב ביז צום ענד*) איז עס איין גאַנצע זאַך, לכתחילה געשריבען פון דערזעלביגער האַנד. דער צווייטער קאַפּיטעל אבער איז ניט קיין איינהייטליכע שריפט, נור א צונויפשרייבונג פון צוויי בעזונדערע קלע־נערע ערצעהלונגען. גאַר אַמאָל, הייסט עס, איידער אַט דער קאַפּיטעל דאָט עקסיסטירט אין זיין איצטיגען נוסח, זיינען אַרומגעגאַנגען אין פאָלק צוויי זאגען: איינע, ווי גאָט האָט בעשאַפען דעם ערשטען מאַן און די ערשטע פרוי, און די אַנדערע, ווי גאָט האָט געפלאַנצט א גאָרטען אין עדן. כ'איז מעגליך, אַז אַט די צוויי זאגען זיינען לכתחילה געווען געשריבען אויף צוויי בעזונדערע פּאַרמעטען. ערשט א פערהעלטנים־מעסיג שפּעטערדיגער איבערשרייבער האָט זיי צונויפגעוועבט אין איי־נעם און געמאַכט פון זיי איין זאַך, אַזוי אַז אויבערפלעכליך דוכט זיך, אַז דאָס איז איין ערצעהלונג. ווען מיר צולעגען די פסוקים און שטע־לען צוריק צוזאַמען די צוויי זאגען אין זייער ערשטען נוסח, ערשט דעמאָלט קומען זיי אַרויס אין זייער גאַנצער האַרמאָנישער און נאַאי־ווער שענקייט.

דאָס איז בלויז איין ביישפּיל פון פיעל ווי די ביבעל איז אור־געפעהר צונויפגעשטעלט און צונויפגעשריבען געוואָרען. ווען איינער לעזט די ביבעל פון מצוה וועגען, כדי צו קריגען שכר אויף יענער וועלט, קען ער זיך האַלטען ביי דער אָרדנונג, אין וועלכער זי איז אונז דערהאַלטען געבליבען דורך די „מסורה“; אָבער ווען מען וויל לעזען די ביבעל אַלס די אידישע ליטעראַטור פון דער אוראַלטער צייט, מוז מען צולעגען די ביכער אין זייערע ערשטע עלעמענטען און אַט די עלעמענטען לעזען און פערגלייכען.

*) עס ענדיגט זיך מיט „אלה תולדות השמים והארץ בהבראם“. אַט דער ערשטער האַלבער פּסוק פון צווייטען קאַפּיטעל געהערט נאָך צום ערש־טען קאַפּיטעל.

4.

די ביבלישע ליטעראטור, ווי די ליטעראטורען פון אלע פעלקער האָט זיך אָנגעהויבען מיט פאָלק־לאָר: מיט פאלקס־לידער, פאָלקס־מעשיות, פאָלקס־משלים, א. אז. וו. א צייט פריהער איידער אידען האָבען נאָך געהאט א געשריבענע ליטעראטור, האָבען זיי שוין געהאט א מונדליכע ליטעראטור. געווען שיכטען ביי אידען אין יענער צייט, צו ווען ס'איז איבערהויפּט קיינמאָל ניט צוגעקומען קיין געשריבענער ווארט, און דאָך האָבען זיי אַנטייל גענומען אין דער ליטעראטור. ס'הייסט: אין שאפען קונסטווערק דורך דאָס ווארט. אלע זארטען געשריבענע, וואָס מיר געפינען אין דער ביבעל, זיינען פריהער ארומגעגאנגען אין פאָלק אויסווענינ. די עלטסטע ביכער פון דער ביבעל זיינען דעריבער צום גרעסטען טייל בעארבייטונגען פון אידישען פאָלק־לאָר, און קענען לחלוטין ניט פערשטאַנען ווערן, ווען מען נעהמט זיי אלס עטוואס אנדערס. די ליטערארישע איינהייטען זיינען אין די דאָזיגע ביכער זעהר קורץ, מחמת א לאַנגע זאַך איז שווער צו געדיינקען אויסווענינ. די פאָלקסטימליכע לידער פון דער אלטער צייט, די רעדעס פון די עלטסטע נביאים, די אלטע משלים און די אלטע זאגען זיינען אלע קורץ. ווען מיר לעזען די ביבעל צולעגט אין איהרע ערשטע עלעמענטען, קענען מיר נאָכפאָלגען דער ענטוויקלונג פון דער ליטעראטור ביי אידען אין יענער צייט. מיר זעהען דענסטמאָל, אז וואָס מעהר די קולטור האָט זיך ענטוויקעלט ביי אידען און זיי האָבען זיך איינגעוואוינט מעהר צו שרייבען, אלץ גרעסער זיינען געוואָרען די ליטערארישע איינהייטען. פון פערהעלטניסמעסיג שפּעטערדיגערע צייטען געפינען מיר שוין אין דער ביבעל לאַנגע פּאָעמען, לאַנגע היסטאָרישע ערצעהלונגען, לאַנגע רעדעס פון די נביאים, לאַנגע מאמרים פון חכמה איבער'ן מענשענ'ס לעבען, און אזוי ווייטער.

די ערשטע פּראָדוקטען פון דער אידישער פאָלקסטימליכער ליטעראטור זיינען געווען פאָלקס־לידער, וואָס פלעגען לכתחילה געזונגען ווערען פון א כאָר מענער אָדער פרויען, בעגלייט מיט פּויקען און מיט טענץ. אָט ווערט דערצעהלט אין חומש ווי מרים און די פרויען

זינגען מיט פויקען און מיט טענץ א קורץ פאָלקס־לידעל:

זינגט צו יהוה,
דען גרויסען האָט ער זיך געגרויסט,
דאָס פערד און זיין רייטער
האָט ער געוואָרפען אין ים.

(שמות ט"ו 20, 21).

ס'איז וואהרשיינליך, אז שפעטער האָט א אידישער פּאָעט פון אָט דעם קורצען פאָלקס־לידעל געשאַפען א לאנגען קונסט־געזאַנג (דער געזאַנג פון ים־סוף, „אז ישיר"). פון דעם געזונגענעם ליד האָט זיך ענטוויקעלט דער געלעזענער ליד, וואו דאָס זינגען פאַלט אין גאנצען אוועק, און נאָך שפּעטער האָט זיך ענטוויקעלט די פּראזא. געזונגען איז געוואָרען דער גרעסטער טייל פון תהלים, בעת משלי, איוב און די פּאָעטישע טיילען פון די נביאים זיינען בעשטימט געווען צום פאָרלעזען. די ערצעהלונגען דאַגעגען טראָגען א פּראָזאאישע פאָרם. כאָטש אין שפּעטערדיגערע צייטען האָבען ביבלישע פּאָעטען געשריבען פּאָעמען ניט צום זינגען, נור לכתחילה צום לעזען, דאָך אבער הייסט אין העברעאיש א פּאָעמע שיר, געזאַנג, און א פּאָעט הייסט משורר, זינגער.

5.

ווען מיר וואָלטען געוואוסט גענוי אין וועלכער צייט איטליכער בעזונדערער עלעמענט פון דער ביבעל איז געשריבען געוואָרען, וואָלט דעמאָלט לייכט געווען צו געבען א געשיכטע פון דער ביבלישער ליטעראטור. דער פאַל איז אבער ניט אזוי. נור אומגעפעהר קען מען זיך משער זיין וואָס פאר א היסטאָרישע סביבה א געוויסע שריפט פון דער ביבעל שפּיגעלט אָב. מאנכע שריפטען פּאסען פאר פערשידענע תקופות, אזוי אז ס'איז אין גאנצען שווער אויפצושטעלען א היפּאָטעזע וועגען דער צייט פון זייער פערפאַסונג*). אין דער געשיכטע פון דער

*) ווי, למשל, משה'ס געזאַנג „האזינו", וואָס לויט עדוארד מייער

ביבלישער ליטעראטור קען מען דערום ריידען בלויז פון ברייטע, אלגעמיינע פעריאדען. פון א ליטעראךישען שטאנדפונקט מוז די גאנצע אידישע געשיכטע פון דער ביבלישער צייט איינגעטיילט ווערן אין דריי אלגעמיינע פעריאדען:

I. די פעריאדע פון פאלקסטימליכער ליטעראטור, איידער עס האבען אויפגעטראטען גרויסע אינדיווידועלע שריפטשטעלער. (פון אנפאנג פון דער אידישער געשיכטע ביז אומגעפעהר דעם מיטען אכטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). אין יענער פעריאדע זיינען אידען געווען א זעלבשטענדיגע פאליטישע מאכט, צוערשט פעראייניגט אין איין מלוכה און פון נאך שלמה'ס טויט צוטיילט אין צוויי מלוכות, יהודה און ישראל. אידען האבען דעמאלט געשטרעבט צו קריגען וואס מעהר פאליטישע הערשאפט און מאטעריעלע רייכקייט, און אט די שטרעבונג האט אויסגעפילט אויך זייער גייסטיגען לעבען. זיי האבען דעמאלט געהאט, ווי אלע זייערע שכנים־פעלקער, א נאציאנאלען גאט, יהוה, וועלכער איז געווען אויסשליסליך דער גאט פון אידישען פאלק און אידישען לאנד און האט מיט אנדערע פעלקער און לענדער קיין מגע־ומשא ניט געהאט. ווען אידען האבען געפיהרט א מלחמה איז זייער גאט יהוה מיטגעגאנגען מיט זיי אויפ'ן שלאכטפעלד זיי העלפען צושלאגען דעם פיינד. וואס שטארקער א פאלק איז דעמאלט געווען און וואס מעהר פאליטישע הערשאפט עס האט געהאט, אלץ שטארקער איז געווען און אלץ מעהר הערשאפט האט אויך געהאט דער גאט פון אט דעם פאלק.

פון דער דאזיגער פעריאדע שטאמען די עלטערע פאלקסטימליכע

איז עס געשריבען געווארען אין דער צייט פון די מלחמות מיט ארם, לויט עוואלד און קאמפהויזען — אין דער צייט פון חורבן שומרון און לויט קארל קארנילל — ביים ענדע פון גלות בבל. מאנכע ווידער זוכען צו בעווייזען, אז ער שטאמט פון ירמיה'ס צייט.

טיילען פון דער ביבעל: די שענע מעשיות וועגען די ערשטע מענשען, די אבות, די גבורים און די פיהרערס פונ'ם פאלק ישראל אין די אור־אלטע צייטען; די שפאנענדע היסטארישע ערצעהלונגען, וועלכע גיבען איבער די היסטארישע פאקטען נאטורגעטריי, אהן וועלכע רעליגיעזע טענדענצען; די אלטע לידער, וואו עס ווערט מעהרסטענס געזונגען פון הערשאפט און קאמף, פון גבורה און נצחון; די אלטע משפטים, וועלכע זיינען בעצם טראדיציעס וועגען רעכט. אט די אלע זאכען, ווי שוין פריהער דערמאנט, זיינען לאנג ארומגעגאנגען אין פאלק אויס־וועניג און ערשט פערהעלטניסמעסיג שפעטער, וואהרשיינליך ביים ענד פון אט דער פעריאדע, געזאמעלט און אויפגעשריבען געווארען.

II. די פעריאדע פון גרויסע שריפט־שטעלער־פערזענליכקייטען (פון ארום דעם מיטען אכטען ביז'ן מיטען זעקסטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). ארום דעם מיטען אכטען יאהרהונדערט האט זיך אנ־געהויבען א נייע צייט פאר אידישע פאליטיק, אידישע רעליגיאן און אידישע ליטעראטור. די געוואלדיגע מיליטערישע מלוכה פון אשור איז דעמאלט געשטאנען פארטיג צו פערשלינגען סוריא און פאלעסטי־נא. די פאלעסטינישע וועלט, וועלכע האט עטליכע הונדערט יאהר פריהער זיך זעלבשטענדיג געהאט ענטוויקעלט, איז מיט איינמאל אריינגעשלעפט געווארען אינ'ם שטראם פון די גרויסע וועלט־געשעהע־נישען. נאך פערצווייפעלטע מלחמות זיינען אלע פעלקער פון אט דעם געגענד געפאלען אלס רויב פון אשור. ישראל, די אידישע צפון־מלוכה, איז אונטערגעגאנגען אין יאהר 722. די אשורים האבען פערטריבען אין גלות די אידישע אריסטאקראטיע, וועלכע האט אין פרעמדע לענ־דער פערלארען איהר נאציאנאליטעט. די פאלקס־מאסען אין שומרון האבען זיך צומישט מיט די געצענדינערישע קאלאניסטען, וועלכע די אשורים האבען דארטען אראבגעבראכט, און געבליבען אהן א וועלכע היסטארישע בעדייטונג. די דרום־מלוכה, יהודה, איז אין אט דער עפאכע געבליבען אונטער דער אויבערהערשאפט פון אשור. פון דעמאלט אן געהט אריבער צו יהודה די פיהרערשאפט אין דער אידי־

שער ליטעראַטור. אַלץ וואָס ווערט נאָכהער געשאַפען אין דער אידי־
שער ליטעראַטור איז פון יהודה אַדער דאָס וואָס איז אין יהודה דער־
האַלטען געבליבען פון ישראל. — די אשור'ישע הערשאַפט האָט דער־
גרייכט איהר העכסטען פונקט אַרום 670. פון דעמאָלט אָן געהט זי
ביסלעכווייז אויף אַראָפּ און ברעכט צום סוף אין גאַנצען צוזאַמען
(אין יאָהר 606). אין יענער צייט האָט יהודה עטליכע צעהנדליג יאָהר
גענאָסען פון דער פרייהייט; באַלד אָבער פאַלט זי פאַר דער נייער
וועלטמאַכט פון די כשדים. ווען זי פּרובירט זיך שטעלען ענטקעגען,
ווערט זי איינמאָל, אונטער'ן קעניג יהויכין, צושלאָגען (אין יאָהר
597) און נאָך אַמאָל, אונטער'ן קעניג צדקיה, אין גאַנצען פערניכטעט
און פערטריבען קיין בבל נאָכ'ן מוסטער פון די אשורים (אין יאָהר 586).
אין אַ צייט פון אַ הונדערט און פופציג יאָהר האָבען אידען דורכגע־
לעבט אַזוי פיעל חורבונות און נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפען, אַזוי פיעל
מלחמות פון דרויסען און קאָנפליקטען און רייסערייען פון אינעווייניג.
קיין וואונדער ניט דעריבער וואָס די ליטעראַטור פון יענער פעריאָדע,
בעזונדערס די ליטעראַרישע נבואה, איז פול מיט דער שטאַרקסטער
אויפרעגונג און די פלאַמענדסטע ליידענשאַפטען.

אין אַט דער אויפגערעגטער צייט זיינען אויפגעשטאַנען די גרויסע
ליטעראַרישע נביאים, וועלכע האָבען פאָראויסגעזאָגט די קאַטאַסטראָ־
פע וואָס האָלט אין קומען אויף אידען. אַט די נביאים זיינען אויך גע־
ווען פּאָעטען פון ערשטען ראַנג. זיי האָבען אונז געלאָזען זייערע
רעדעס אין דער פאָלקומסטער ליטעראַרישער פאָרם, אין וועלכער ס'איז
ווען געשריבען געוואָרען. גלייכצייטיג מיט די נביאים זיינען אויפ־
געשטאַנען דענסטמאָל ביי אידען אויך אַנדערע גרויסע אונדיווידועלע
דיכטער און שריפטשטעלער, וועלכע האָבען געשאַפען נאַציאָנאַלע פּאָ־
עמען, הומאַניסטישע געזעצען און היסטאָריע־ביכער אין'ם גייסט פון
די נביאים, אָדער בעסער אין'ם גייסט פון יענער צייט, פון וועלכער
די נביאים זיינען געווען דער העכסטער אויסדרוק. פון אַט דער פעריאָ־
דע זיינען אונז געבליבען אין תנ"ך די מעהרסטע נביאים אחרונים,
דער ספר דברים, די טיילען פון די היסטאָריע־ביכער, וואו דער שריי־

בער זוכט דורכצופיהרען א געוויסע רעליגיעזע געשיכטס־פילאזאפיע, דער ספר איוב און מאנכע טיילען פון תהלים.

III. די פעריאדע פון נאך די נביאים. מיט דער פערניכטונג פונ'ם אידישען שטאאט דורך די כשדים הייבט זיך אן א נייע תקופה אין דער אידישער געשיכטע. נאך דער ליי־דענשאפטליכער אויפרעגונג קומט איצט א צייט פון אויסגעמאטערט־קייט. פופציג יאהר נאכ'ן חורבן קעהרען זיך אפילו א סך אידען אום צוריק קיין ארץ ישראל אונטער דעם פראטעקטאראט פון דער פערסי־שער וועלט־מלוכה, אבער די דאזיגע שוואכע געמיינדע פון ארץ ישראל האט זעהר פיעל געהאט אויסצושטעהן פון די שכנים ארום, וועלכע האַ־בען געהאלטען אין איין מסר'ן אויף אידען ביי די הויכע פערסישע בע־אמטע. אידען האבען ניט אויפגעהערט צו חלום'ן וועגען אן אייגענער מלוכה און דאך געמוזט בייגען דעם רוקען אונטער'ן פרעמדען יאך. דער גרעסטער טייל אידען זיינען געבליבען אין די גלות־לענדער, און ווי קרום מ'האט דארטען אויף זיי געקוקט און ווי שטארק מ'האט גע־נען זיי געהעצט, בעווייזט דאס בוך אסתר. דאס רעליגיעזע לעבען איז מעהרסטענס געווען בעשרענקט אויפ'ן היטען דאס געשריבענע גע־זעץ, די תורה. דאס לעבעדיגע ווארט פון גאט האט זיך מעהר ניט געהערט פונ'ם נביא'ס מויל. אזא צייט איז ניט שטארק גינסטיג גע־ווען פאר ליטעראַרישע שאפונגען. מ'האט זיך דערום מעהרסטענס אבגעגעבען מיט'ן זאמלען. נאכדעם ווי מ'האט אבגעשלאסען דעם חומש האט מען צונויפגעזאמעלט די נביאים*); מ'האט צונויפגעזא־זאמעלט די רעליגיעזע געזאנגען אין איין בוך, דעם תהלים, די משלים אין משלי, א גרופע נאטור־ און ליבעסלידער אין שיר השירים, און אזוי ווייטער. אבער אויך מאנכע נייע ווערק זיינען געשריבען געווא־רען אין דער צייט פון נאכ'ן גלות בבל, ווי: עזרא ־ נחמיה, דברי הימים, דניאל, קהלת, אסתר און נאך אנדערע. די אידישע ליטעראטור פון דער גריכישער צייט געהערט צום גרעסטען טייל צו די אפאקריפהא

---

*) זעה אויבען זייטען 19—20.

און שטעהט זעהר שטארק אונטער'ן איינפלוס פון דער גריכישער קול־טור.

די אידישע ליטעראַטור האָט בלויז אַן אנפאנג אַבער ניט קיין ענד. נאָכ'ן אבשליסען פון דער ביבעל איז געשריבען געווארען די משנה, די גמרא, די רייכע מדרש־ליטעראַטור, און אַזוי ווייטער. די אידישע ליטעראַטור איז אַ לאַנגע, אונאונטערבראָכענע קייט, וואָס ציהט זיך שוין אַרום דריי טויזענד יאָהר, פון דער אורגראַהער צייט פון סעמיטישען אלטערטום ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג. אַבער די ביבעל בלייבט אויף אלע מאָל די קלאַסישע אידישע ליטעראַטור, וועלכע האָט אין אַ משך פון צוויי טויזענד יאָהר געלעגט איהר שטעמפעל אויף דער געשיכטע פון דער מענשהייט און אויף די ליטעראַטורען פון אלע פעלקער. ביז אויף היינט זיינען די נביאים געבליבען די פאָהר־נענטרעגער פון אַ ריינער, עטישער רעליגיאָן, די ערצעהלונגען פון דער ביבעל האָלטען געשפאַנט די יוגענד מיט זייער קאָנקרעטען לעבע־שטאָף און די פרומע לידער פון תהלים זיינען די תפלות פון אלע מענשען, וואָס גיסען אויס זייער האַרץ פאַר גאָט. אויך אלס ליטעראַ־טור־מאָנומענט בלייבט די אידישע ביבעל אַן אוצר פון קינסטלערישע שטאָף, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס.

ביבלישע פּאָעזיע

1.

פּאָעזיע אונטערשיידט זיך פון פּראָזאַ הן לויט'ן אינהאַלט און הן לויט דער פאָרם. בנוגע דעם אינהאַלט זיינען די מעהרסטע שריפ־טען פון דער ביבעל פּאָעזיע, וואָרים זיי זיינען שאַפּונגען פון דער פאַנטאַזיע און ווירקען גיכער אויף דעם געפיהל איידער אויף דעם פערשטאַנד. ווען מיר אונטערשיידען ביבלישע פּאָעזיע פון ביבלי־שער פּראָזאַ, מיינען מיר דערפאַר פּאָעזיע ניט בלויז לויט'ן אינהאַלט, נור אויך לויט דער פאָרם.

ס'איז ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז אַ פּאָעזיע, וואָס האָט ארויס־געבראַכט ווערק פון אַזאַ'ן אונשטערבליכער שענקייט ווי איוב און תהלים, זאָל אויך האָבען געהאַט אַ קינסטלערישע פאָרם; וואָרים דער תמצית פון קונסט ליעגט ניט אַזוי אין דעם מאַטעריאַל ווי אין דער פאָרם. אין דער פּאָעטישער קונסט בעשטעהט די פאָרם אין דעם, וואָס עס חבר'ט זיך אַ זילבע מיט אַ זילבע, אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, אַ פערז מיט אַ פערז, אַ סטראָפע מיט אַ סטראָפע אין אַ געוויסער רעגעלמע־סיגער אָרדנונג. דאָס ווערט אָנגערופען אַ מעטרישער סיסטעם. אַז די פּאָעזיע פון תנ"ך אונטערשיידט זיך פון דער פּראָזאַ אין דער פאָרם, האָט שוין די אידישע טראַדיציע בעמערקט. זי האָט געשטעלט די טעקסטען פון די לענגערע פּאָעטישע שטיקער וואָס געפינען זיך אין דער פּראָזאַ־ליטעראַטור (ווי אָז ישיר, האזינו, ותשר דבורה און וידבר דוד) ניט אין פולע, נור אין אָבגערוקטע שורות, עס הייסט: אין פערזען. ווען מיר קוקען זיך צו נעהנטער צו אָט די פערזען, זעהען מיר באַלד, אַז ס'איז דאָ צווישען זיי אַן אינערליכע פערבינדונג. למשל:

גערדיינקט די טעג פון דער אורצייט,
בעטראַכט די יאָהרען פון די פערגאַנגענע דורות.
(דברים ל"ב, 7).

ביידע פערזען דריקען דאָ אויס דעמזעלביגען געדאַנק, אַז מיר

זאלען זוכען צו פערשטעהן די פערגאנגענהייט, נור מיט פערשידענע ווערטער (געדיינקט — בעטראכט ; טעג — יאהרען ; אורצייט — פערגאנגענע דורות). אויף די דאזיגע פערדאפלונג פונ'ם אויסדרוק זיינען שוין אויפמערקזאם געווען די אידישע מיטעלאלטערליכע מבארים פון תנ"ך (כפל הענין במלות שונות), אבער וואס דאס איז אייגענטליך אזוינס, האבען זיי ניט געוואוסט צו דערקלערען. ערשט אין דער נייער צייט האט מען אנערקענט, אז די פערדאפלונג פונ'ם אויסדרוק איז די הויפטפארם פון דער ביבלישער פאעזיע, און דער ענגלישער בישאף ראבערט לאוטה אין זיין בוך „די הייליגע פאעזיע פון די העברעער" (ערשינען אין לאטיין אין יאהר 1753) האט געשאפען דערפאר דעם פאסענדען נאמען „פאראלעליזם פון די גלידער".

מען אונטערשיידט פיער זארטען פון פאראלעליזם אין דער ביבלישער פאעזיע :

1. דער אידענטישער פאראלעליזם. ער בעשטעהט דערין, וואס צוויי שורות שטעהען איינע נאך דער אנדערער, אין וועלכע אלע ווערטער, אחוץ איין איינציגער, זיינען דיזעלביגע. למשל אין ישעיה ט"ו 1 :

ביינאכט איז ער פערוויסט, מואב פערניכטעט געווארען !
ביי נאכט איז קיר פערוויסט, מואב פערניכטעט געווארען !

דער דאזיגער פאראלעליזם קומט פאר גאנץ זעלטען. פיעל מעהר אין געברויך איז

2) דער סינאנימער פאראלעליזם, וועמעס גלידער עם בעשטעהען פון פערשידענע ווערטער מיט דערזעלביגער בעדייטונג (שמות נרדפים), ווי למשל אין דעם אויבען געבראכטען ביישפיל, אדער אין געזאנג פון נקמה :

עדה און צלה, הערט צו מיין שטים !
למך'ס ווייבער, פערנעהמט מיין זאג !
(בראשית ד 23).

דאָ געהען פּאַראַלעל צוויי מאָל דריי אויסדרוקען: עדה און צלה — למך'ם ווייבער; הערט צו — פערנעהמט; מיין שטים — מיין זאג. אָפטמאָל געהען פּאַראַלעל דריי מאָל דריי אויסדרוקען, ווי אין ערשטען פּסוק פון תהלים:

וואויל צו דעם מאַן וואָס געהט ניט אין דער עצה פון רשעים,
און אויפ'ן וועג פון זינדיגע שטעהט ער ניט,
און אין דער זיצונג פון לצים זיצט ער ניט.

דאָ געהען פּאַראַלעל: געהט, שטעהט, זיצט; עצה, וועג, זיצונג; רשעים, זינדיגע, לצים. בדרך כלל אָבער בעשטעהט דער פּאַראַלעליזם פון צוויי גלידער.

3. דער אַנטיטעטישער אָדער געגענזעצ־ליכער פּאַראַלעליזם ווערט מעהרסטענס געברויכט אין די בעלעהרענדע פּאָעמען. דער צווייטער גליד דריקט דאָ אויס א געגענזאַץ צום ערשטען. אין דער דאָזיגער פאָרם איז געשריבען כמעט דער גאַנצער עלטערער־טייל פון משלי (פון קאַפּיטעל 10 אָן). למשל אין קאַפּיטעל י 1, 2:

א קלוגער זוהן מאַכט פרייד דעם פאָטער,
אָבער א נאַרישער זוהן איז דער פערדרוס פון זיין מוטער.
עס נוצען ניט קיין אוצרות פון אומרעכט,
אָבער גערעכטיגקייט ראַטעוועט פון טויט.

4. דער סינטעטישער פּאַראַלעליזם, וואו דער צווייטער, און אָפטמאָל אויך דער דריטער, גליד איז ניט קיין ווידערהוילונג פונ'ם ערשטען, נור א פאָרטזעצונג פון איהם. למשל, אין תהלים א 3, וואו ער זאָגט:

און ער וועט זיין ווי א בוים געפלאַנצט ביי טייכלעך וואַסער.

(נאָכ'ן סינאָנימען פּאַראַלעליזם וואָלט דאָ דער פאָלגענדער פערז בעדאַרפט הייסען אומגעפעהר:

און ווי אן אייכענבוים בענעצט מיט טוי—)
אבער דער תהלים־געזאנג געהט ווייטער סינטעטיש:

וואס זיין פרוכט גיט ער אין זיין צייט,
און זיין בלאט ווערט ניט פערוועלקט.

דער פאעט זעצט דא דערמיט צו נייע שטריכען, אבער ער בלייבט דורכאוים אינ'ם זעלביגען בילד, מיט וועלכען ער האט אנגעהויבען.

דער פאראלעליזם איז ניט קיין ספעציעל ביבלישע פארם. מיר געפינען איהם אויך ביי אנדערע סעמיטישע פעלקער. ער איז איבער־הויפט איינער פון די נאטירליכסטע אויסדרוקספארמען פון דעם מענ־שען. מאנכע פערגלייכען איהם מיט'ן אטעם, וועלכער בעשטעהט אויך פון צוויי פאראלעלע גלידער, פון אן אריינאטמונג און אן ארויסאט־מונג. ענטוויקעלט האט זיך דער פאראלעליזם, ווי אלע אנדערע אוי־סערליכע סימנים פון פאעזיע, דירעקט פונ'ם טאנץ. „דער טאנץ איז די סימעטריע און הארמאניע פון בעוועגונג, און פאראלעליזם איז די איינפאכסטע פארם פון סימעטריע אין ווערטער. אין אלע שפראכען איז פאראלעליזם דער נאטירליכסטער אויסדרוק פונ'ם געפיהל. ווען די געפיהלען מאכען זיך א וועג דורכ'ן הארצען, פאלגט באלד א כוואליע אויף א כוואליע, און דאס איז פאראלעליזם".

פאראלעליזם איז אבער ניט די איינציגע פארם פון דער ביבלישער פאעזיע. אידען אין דער אוראלטער צייט איז אויך דער גראם ניט אין גאנצען פרעמד געווען. מיר האבען דערפון צוויי שפורען אין דער ביבעל. אינ'ם געזאנג פון נקמה ענדיגען זיך די ערשטע פיער פערזען מיט'ן זעלביגען קלאנג:

עדה וצלה, שמען קולי!
נשי למך, האזנה אמרתי!
כי איש הרגתי לפצעי,
וילד לחברתי.

נאך שטארקער און געדיכטער זיינען די גראמען אינ'ם קורצען

שפּאָטלידעל פון די פלשתים איבער שמשון'ען:

נתן אלהינו בידנו את אויבנו
ואת מחריב ארצנו
ואשר הרבה את חללינו.

(שופטים ט"ו 24)

פינף ווערטער ענדיגען זיך דאָ מיט'ן גלייכען קלאַנג „נו", וואָס איז געווים ניט קיין צופאַל.

אין די ביבלישע פּאָעמען לאָזען זיך אויך נאָכווייזען פערז־גרופּען, סטראָפעס. אויב ניט אומעטום, דאָך אבער אין פיעל שטעלען, ווי למשל: אינ'ם געזאַנג פון ים־סוף, „אז ישיר". אין תהלים שטעהט אָפט נאָך א געוויסער צאָהל פערזען דאָס וואָרט „סלה". אויב דאָס וואָרט איז אפילו געווען בלויז א מוזיקאַלישער צייכען, צייגט עס אבער דאָך, אַז דער תהלים־זינגער האָט דאָ אויסען געווען איינצוטיילען זיין ליד אין סטראָפעס. אין אַנדערע שטעלען שטעהט רעגעלמעסיג נאָך א בעשטימטער צאָהל פערזען אַן אַזוי גערופענער רעפריין.*)

מאַנכע פּאָעמען וועלכע געהען נאָכ'ן אלף־בית זיינען געגלידערט אין אלף־בית סטראָפעס. דער קאַפּיטעל קי"ט אין תהלים איז געגלידערט אין אַזוינע אכט־פערזיגע סטראָפעס, אַנרופענדיג נאָט'ס געזעץ, די תורה, אין יעדען פערז מיט אַן אַנדער נאָמען.

אין פיעל שטעלען, הייסט עס, לאָזט זיך נאָכווייזען א גלידערונג אין סטראָפעס אין דער פּאָעזיע פון דער ביבעל. מאַנכע סטאַרען זיך

---

*) אין תהלים קאַפּיטעל מ"ו, למשל, איז אַזאַ רעפריין צוזאַמען מיט א „סלה" דער פסוק 4, 8 און 12; אין קאַפּיטעל ל"ט שטעהט אַ רעפריין מיט אַ „סלה" אין פסוק 6 און 12; אין מב — מג איז אַ רעפריין דער פסוק 6, 12 און 5 (אין מ"ג). אין נ"ז איז אַ רעפריין דער פסוק 6 און 12; אין פיעל שטעלען איז דער רעפריין און דער „סלה" זעהר אומרעגעלמעסיג; אָבער מעגליך, אַז דאָס איז די שולד פון די שפּעטערדיגע איבערשרייבערס.

עס דורכצופיהרען אומעטום, אבער זיי זיינען געצוואונגען צוליב דעם צו ענדרערען אין גאנצען דעם טראדיציאנעלען טעקסט, אזוי אז עס לוינט זיך קוים די מיה.

פיעל שווערער איז די פראגע פון ריטם אין דער ביבלישער פאעזיע; ס'הייסט: אויב א חוץ דער אינערליכער הארמאניע, דעם פאראלעליזם, האבען די פערזען, ווי אין דער גריכישער, רוימישער און כאדערנער פאעזיע, אויך אן אויסערליכע הארמאניע, א רעגעלמעסיגקייט אין דער צאהל פון די זילבען בכלל און פון בעטאנטע זילבען בפרט?

צו פערענטפערען אט די פראגע האט מען זינט עטליכע צעהנדליג יאהר ניט וועניג חריפות אנגעווענדט און דאך מעהר ווי געמאטערטע טהעאריעס זיינען ניט ארויסגעקומען. אזוי פיעל אבער איז זיכער, אז די קלאג-לידער פון דער ביבעל האבען א ריטם. די פערזען זיינען אין זיי אזוי געבויט, אז נאך א לענגערן גליד פאלגט נאך א קירצערער. למשל אין איכה א:

איכה ישבה בדד העיר,	רבתי עם,
היתה כאלמנה,	היתה למס,
שרתי במדינות	רבתי בגוים;
בכה תבכה בלילה,	ודמעתה על לחיה,
אין לה מנחם	מכל אוהביה;
כל רעיה בגדו בה,	היו לה לאויבים.

די דאזיגע פערז-פארם געפינען מיר אויך, א חוץ אין די קלאג-לידער, אין א לויב-ליד אויף דער תורה אין תהלים קאפ. י"ט (8—10). אויף יעדען גליד פון דריי ווערטער פאלגט דא א גליד פון צוויי ווערטער:

תורת ה' תמימה,	משיבת נפש;
עדות ה' נאמנה,	מחכימת פתי.
פקודי ה' ישרים,	משמחי לב;

מצות ה׳ ברה, מאירת עינים.
יראת ה׳ טהורה, עומדת לעד:
משפטי ה׳ אמת, צדקו יחדו.

ס'איז אינטערעסאנט, אז נאָך היינט זינגען אראבישע מוטערס לידער אין אָט דעם זעלביגען ריטם צו פערשלעפערען זייערע קינדער.

2.

אין דער ביבעל זיינען דאָ אין גאנצען פּאָעטישע ביכער, ווי: תהלים, משלי, איוב, שיר השירים, איכה און די נביאים אחרונים, וואו זעהר זעלטען ווארפט זיך דורך א שטיקעל פּראזא, און אומגעקעהרט אויך פּראזא־ביכער, אין וועלכע וואו ניט וואו געפינט זיך א פּאָעטישער טעקסט, ווי חומש און נביאים ראשונים. אינ'ם פארליעגענדען באנד געהען אריין אלע אָט די צעווארפענע פּאָעטישע טעקסטען פון חומש און נביאים ראשונים, וואו ס'איז קלאָר צו זעהן די אויסערליכע פּאָעטישע פארם, דער פּאראלעליזם*). אָט די פּאָעטישע שטיקער שטאמען מעהרסטענס פון א פיעל עלטערער צייט איידער די פּראָזא, מיט וועלכער זיי שטעהען אין נאָהענטער שכנות אין תנ"ך. ווי שוין אויבען דערמאנט האָבען אידען, פונקט ווי אלע אנדערע פעלקער, פריהער געשאפען פּאָעזיע און ערשט שפּעטער אנגעהויבען שרייבען פּראָזא. ווען מיר ווילען לעזען די ביבעל אלס ליטעראטור, איז עס דערפאר ניט מעהר ווי רעכט אָנצוהויבען ניט מיט דער פּראזא, נור מיט דער פּאָעזיע. אין שופטים, למשל, ווערט דערצעהלט אין קאפּיטעל ד אין איינפאכער פּראזע וועגען דער מלחמה, וואָס אידען האָבען געפיהרט מיט די כנענים, און גלייך נאָכהער, אין קאפּיטעל ה, שטעהט

*) אחוץ דער געזאנג אין שמואל ב, כ"ב, און ישעיה'ס שפּאָט־ליד אויף סנחריב אין מלכים ב, י"ט. דער ערשטער איז ווידערהוילט אין תהלים י"ח און דער לעצטער אין ישעיה ל"ז. זיי וועלען דערום אריינגעהן אין פאָלגענדע בענדער.

אַ פּאָעמע איבער דיזעלביגע טהעמע. אַט די פּאָעמע האָט עקסיס־טירט ביי אידען הונדערטע יאהרען איידער ס׳איז געשריבען געווארען די היסטאָרישע פּראזא פון קאַפּיטעל ד.ביידע קאַפּיטלען שטימען אויף ניט אין פיעל פּרטים. מיר מוזען דערפאר לעזען דעם קאַפּיטעל ה, די פּאָעמע, אלס אַן אונאבהענגיגען ווערק פון אַ אידישען פאָלקס־זינגער אין דער אוראַלטער צייט. דאָסזעלביגע איז מיט אַלע אנדערע געזאַנ־גען פון חומש און נביאים ראשונים. אַלע זיינען זיי עלטער איידער די פּראזא־ביכער, אין וועלכע מ׳האָט זיי שפּעטער אריינגעשטעלט, און מוזען דערפאר געלעזען ווערן אלס בעזונדערע ליטעראַרישע שאַ־פונגען. אַן אויסנאהם אין אַ געוויסען זין זיינען בלעם׳ס נבואות אויף אידען. די געזאַנגען זיינען דאָרטען אויך עלטער איידער די פּראזא ־ ערצעהלונגען וועגען בלק׳ן און בלעם׳ן. די פּראזא אבער איז דירעקט פערבונדען מיט די פּאָעטישע טעקסטען, אזוי אז מ׳קאַן זיי ניט פונאנדערשיידען. דער פּראזא־שרייבער האָט זיך דא, הייסט עס, דירעקט געשטיצט אויף די פּאָעמען, מיט וועלכע ער האָט צו־נויפגעוועבט זיינע ערצעהלונגען. מיר קענען אלזא לעזען בלעם׳ס געַ־זאַנגען אָהן די מעשיות וועגען בלעם׳ן, מיר קענען אבער ניט לעזען די מעשיות אָהן די געזאַנגען.

נאָך איין זאַך איז וויכטיג צו געדיינקען. די איבערשריפטען פון די געזאַנגען אין פארליעגענדען בוך, ווי בכלל אלע איבערשריפטען אין תנ״ך זיינען ניט קיין טיילען פון די טעקסטען, האָבען לכתחילה ניט געהערט צו זיי, נור זיינען צוגעשריבען געווארען פון די שפּעטערדי־גע איבערשרייבערס. אַט אזוי, למשל, האָט אַן איבערשרייבער אויפ־געשריבען אויף דער פּאָעמע אין שופטים קאַפּיטעל ה, אז דאָס האָבען געזונגען דבורה און ברק דער זוהן פון אבינעם, מחמת זיי ווערן ביידע דערמאַנט אין דער פּאָעמע, וואס איז אדרבה אַ בעוויז, אז זיי האָבען זי ניט פערפאַסט. פּונקט אזוי האָט משה ניט פערפאַסט, און ניט געקאַנט פערפאַסען, „אז ישיר“, „האזינו“ און „וזאת הברכה“. פּאָעמען וועלכע שפּיגלען אָב דאָס אידישע לעבען אין ארץ ישראל הונדערטע יאהרען נאָך זיין טויט. אַט די פּאָעמען שטאַמען אי־

בערהויפּט פון דריי פערשידענע תקופות אין דער ביבלישער היסטאָריע. נור שפּעטערדיגע איבערשרייבערס פון חומש האָבען זיי צוגעשריבען משה'ן. זיי האָבען בכלל געהאט א טבע אין יענער צייט צוצושרייבען ליטערארישע ווערק לעגענדארישע העלדען פון דער אלטער צייט, ווי: משה'ן, דוד'ן, שלמה'ן. אויך אין אָט דעם פּונקט זיינען בלעם'ס נבואות א שטיקעל אויסנאהם. זיי זיינען ניט ערשט שפּעטער צוגע־שריבען געווארען בלעם'ען, ווי די פריהער דערמאנטע פּאָעמען משה'ן, נור זיינען לכתחילה פונ'ם פערפאסער ארייגעלעגט געווארען אין בלעם'ס מויל. בלעם גופא רעדט אין זיי. ער זאָגט למשל: „פון ארום פיהרט מיך בלק" — אָדער: „אזוי רעדט בלעם, דער זוהן פון בעור — ".

3.

אין די פאָרליעגענדע געזאנגען פון חומש און נביאים ראשונים געפינען זיך פערשידענע זארטען פון פּאָעזיע; מיר האָבען דאָ געזאנגען פון אלגעמיינעם לעבען, נצחון־געזאנגען, קולט־געזאנגען, נבואות, ברכות און קללות, קלאָג־לידער (דוד'ס קלאָג־לידער אויף שאול־יהונתן און אויף אבנר), בעלעהרענדע פּאָעמען, (דוד'ס לעצטע רייד, משה'ס געזאנג), א שפּאָט־ליד (אויפ'ן קעניג סיחון) און א ליריש־רעלי־גיעזען ליד (חנה'ס תפלה). דאָס איז אבער בלויז איין קליינער טייל פון דער רייכער ביבלישער פּאָעזיע. די ביבעל ענטהאַלט גרעסערע זאמלונגען פון זיסע ליבעס־לידער (שיר השירים), פון הארצרייסענ־דע קלאָג־לידער (איכה) און פון קלוגע משלים אין א פּאָעטישער פאָרם. (משלי). א וואונדערליך רייכער אוצר פון פּאָעזיע זיינען די רעדעס פון די נביאים אחרונים, געהמענדיג זיי פון א ריין ליטעראַ־רישען שטאנדפּונקט. תהלים ווערט בעטראכט פון די ליטעראטור־היסטאָריקער אלס דאָס גרעסטע ווערק פון לירישער פּאָעזיע וואָס די וועלט־ליטעראטור פערמאגט, און ביי דער זייט פון איוב בלייבען אין שאָטען די קלאסישע ווערק פון די גרעסטע וועלט־פּאָעטען.

אָבער, די גאנצע ביבעל ענטהאלט בלויז איין קליינעם טייל פון

דער פיעלזייטיגער רעליגיעזער און וועלטליכער פאעזיע, וואס אידען האבען פערמאגט אין דער אוראלטער צייט. ווי ווייט צוריק מיר זא־לען ניט געהן אין דער אלטער אידישער פערגאנגענהייט, געפינען מיר ניט א צייט, ווען אידען האבען קיין לידער ניט געהאט. דאס זעהען מיר פון דבורה'ס געזאנג, וועלכער שטאמט פון דעם סאמע גראהען אלטערטום (פון ארום צוועלפטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). אין יענער צייט פלעגען שוין פאעטען זינגען לידער אום אויפצואוועקען דאס פאלק צום קאמף געגען דעם פיינד*). לויט אן אלטער ביבלישער זאגע זיינען דער ערשטער פאסטוך, דער ערשטער מוזיקער און דער ערשטער שמיד אויף דער וועלט געווען דריי ברידער פון איין פאטער, למך'ן (יבל, יובל און תובל קין, בראשית ד, 20 — 22). מוזיק און פאעזיע אבער זיינען געווען אין די אלטע צייטען ענג פערבונדען, אזוי אז מ'האט גארניט געקאנט דיינקען פון איינער אהן דער אנדערער.

אידען אין יענער צייט האבען בכלל זעהר ליב געהאט צו זינגען לידער ביי איטליכער געלעגענהייט. ווען דער חיל פלעגט צוריקקעה־רען פון שלאכטפעלד מיט א נצחון, פלעגען די אידישע פרויען ארויסגעהן ענטקעגען איהם עמפפאנגען מיט נצחון־געזאנגען בעגלייט מיט פויקען און מיט טענץ (שמואל א, י"ח 6, 7). אין טויער פון שטאדט, דער צענטער פון'ם דעמאלטדיגען געזעלשאפטליכען לעבען, פלעגען זיצען פאעטען און פערפאסען שפאט־לידער. די פערפאסערס פון אזעלכענע שפאט־לידער, משלים, האט מען גערופען „מושלים"**). דער תהלים־זינגער קלאגט דערום, אז ער איז געווארען א טהעמע פאר די וואס זיצען אין טויער (תהלים ס"ט 13). ווערן א טהעמע פאר

*) וואך אויף, וואך אויף, דבורה,
וואך אויף, וואך אויף און זינג א ליד.

**) על כן יאמרו המושלים, במדבר כ"א 27.

א שפאט־ליד דעמאלט געווען א פאפולערע קללה*). פלעגט מען זיצען אין א קאמפאניע און טרינקען שטארקע געטראנקען, פלעגט מען זינגען דערביי טרינק־לידער. דער נביא אין זיין נבואה אויף אן אומע־טיגער צייט זאגט דערפאר, אז מ'וועט מעהר ניט טרינקען קיין וויין מיט לידער (ישעיה כ"ד 9). איינער אזא טרינק־ליד איז אונז דערהאלטען געבליבען אין משלי (ל"א 6, 7). ער הייסט:

גיט א שטארקען געטראנק צו דעם פערלארענעם,
און וויין צו די וואס האבען ביטערע הערצער;
זאל ער טרינקען און פערגעסען זיין ארימקייט,
און ניט געדיינקען מעהר זיינע צרות.

טרייטשקע ארוגעמנטירט געגען היינע'ן, אז ער איז אין גאנצען א איד געווען, אבער ניט קיין דייטש, דערפאר האט ער ניט איין טרינק־ליד ניט געשאפען. היינע א איד איז טאקע געווען, נור בנוגע טרינק־לי־דער האבען שוין דאס אידען געהאט נאך הונדערטע יאהרען איידער די אוראלטע גערמאנען אונטער ארמיניוס האבען אבגעהאלטען זייער נצחון געגען די רוימער.

א גרויסע ראלע האבען רעטעניזשען געשפילט ביי אידען, פונקט ווי היינט נאך אינ'ם מזרח. די מלכת שבא קומט פרואווען שלמה'ן מיט רעטענישען. ביי שמשון הגבור אויף דער חתונה אמוזירען זיך די בחורים מיט רעטענישען אין פערזען. אין שפריכווערטלעך זיינען אויך אידען רייך געווען. פון די אלטע פאלקסטימליכע שפריכווערט־לעך**) זיינען בלויז אייניגע דערהאלטען געבליבען אין תנ"ך; ווי למשל:

---

*) דברים כ"ח 37; ירמיה כ"ד 9; יחזקאל י"ד 8; תהלים מ"ד

**) צו אונטערשיידען פון די שפעטערדיגע פאעטיש־קינסטלערישע משלים פון משלי.

עס זאָל זיך ניט ריהמען דער וואָס גורט זיך ערשט אָן,
ווי דער וואָס מאַכט זיך שוין לויז דעם גורט.

(מלכים א, כ 11)

ווי דער מאַן,
אַזוי זיין קראַפט.

(שופטים ח 21)

ווי די מוטער,
אַזוי די טאָכטער.

(יחזקאל ט״ז 44)

אין תנ״ך זיינען אויך דערהאַלטען געבליבען צוויי פאַבלען, וועגען די בוימער, וואָס האָבען געוואָלט זאַלבען איבער זיך א קעניג (שופטים ט) און וועגען דעם דאָרן און דעם צעדער אויפ׳ן בארג לבנון (מלכים ב, י״ד).ביידע פאַבלען זיינען אפילו פערפאַסט אין פראַזא, אבער זיי זיינען אַזוי שעהן, אַז זיי קאָנען דינען פאַר א קלאָרען בעווייז, אַז אידען אין דער ביבלישער צייט זיינען רייך געווען אויך אין פאַבעל־פּאָעזיע.

אָט די פערשידענע ביישפּילען שעפּען לגמרי ניט אויס אַלע זאַר־טען פּאָעזיע, פון וועלכע עס זיינען אונז דערהאַלטען געבליבען בלויז מאַנכע פּראָבעס אדער שפּורען אין תנ״ך. אַן אוצר פון אידישער פאָלקס־פּאָעזיע איז אונז פערלאָרען געגאַנגען אין די אויבענדערמאַנ־טע לידער־זאַמלונגען „די מלחמות פון יהוה״ און „דאָס בוך הישר״, פון וועלכע עס זיינען אונז געבליבען אין תנ״ך נור איינציגע ציטאַטען. און וויפיעל פּאָעטישע ווערק און זאַמלונגען האָבען אידען דעמאָלט געמוזט האָבען, פון וועלכע ס׳איז אונז אפילו קיין ציטאַט און קיין שפּור אויך ניט געבליבען! די ביבלישע געזאַנגען זיינען דערפאַר ניט מעהר ווי א „יתר הפליטה״, וואָס איז אונז געבליבען פון אונזער אַל־טער, רייכער פערגאַנגענהייט.

ביבלישע געזאַנגען

אינהאלט:

געזאנגען פון אלגעמיינעם לעבען
געזאנגען פון קריג און נצחון
קולט- און רעליגיעזע געזאנגען
קלאג-לידער
ברכות, קללות און נבואות
דידאקטישע געזאנגען

געזאַנגען פון אַלגעמיינעם לעבען

אינהאַלט:

דער געזאַנג פון נקמה

דער געזאַנג פון ברונים

דער געזאנג פון נקמה.

און למך האט געזאגט צו זיינע ווייבער:

עדה און צלה, הערט צו מיין שטים!
למך׳ס ווייבער, פערנעהמט מיין זאג!

האב א מאן דער׳הרג׳עט פאר מיין וואונד, 1)
און א אינגעל פאר מיין באיל 1).

דען קין׳ס נקמה 2) איז זיבענפאכיג,
און למך׳ס זיבען - און - זיבעציג - פאכיג.

(בראשית ד 23, 24)

ערקלערונג.

אין למך׳ס געזאנג, וואס ער זינגט פאר זיינע צוויי ווייבער, עדה און צלה, האט אונז די ביבעל דערהאלטען אן אלטען אידישען פאלקס־ליד, וואס גיט אונז א בילד פון אידישען פאלקס־לעבען אין גראהען אל־טערטום. ווילען מיר פערשטעהן אט דעם ליד, מוזען זיך פארשטעלען דאס אידישע לעבען אין יענע אוראלטע צייטען, אין סאמע אנהויב פון דער אידישער געשיכטע.

אידען, דעמאלט נאך א גרופע פון פאסטוכער־שבטים, נאמאדען, ציהען ארום מיט זייערע סטאדעס אין מזרח־זייט פון ירדן, אדער אין דעם דרום־געגענד פון ארץ־ישראל. זיי פיהרען א לעבען פון בעדואי־נער, פון די „וואס וואוינען אין געצעלטען און פאשען בהמות“. זיי זיי־נען נאך ווילד, האבען נאך ניט קיין שפור פון דער הויכער קולטור און דער הויכער מאראל, וואס זיי האבען ענטוויקעלט אין די שפעטערדיגע צייטען אין ארץ ישראל. ביסלעכווייז הייבען זיי שוין אפילו אן צו בע־

ארבייטען די ערד און איבערצוגעהן אין א ציוויליזירטען לעבען, אבער צום גרעסטען טייל זיינען זיי נאָך נאָמאדען, מיט די מנהגים און דער מאָראַל פון די בעדואינער.

ווי ביי אונז מאָדערנע מענשען איז אַלעס די מלוכה־אָרדנונג, די רעגירונג פון לאַנד וואו מיר וואוינען, אזוי איז ביים נאָמאַד אַלעס דער שבט, וואָס ער געהערט צו איהם. דעם מאָדערנעם מענשען בעשיצט די רעגירונג פון לאַנד, דעם נאָמאַד בעשיצט דער שבט. די רעגירונג בע־שיצט מיט איהר אדמיניסטראַטיווער מאַכט, דער שבט — מיט'ן גע־זעץ פון בלוט־נקמה. דער גאַנצער שבט איז מחויב נקמה צו נעהמען פאַר א געוואַלדטהאַט, וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען געגען איינעם פון זיינע מיטגלידער. און ביים נעהמען נקמה איז דער בעדואין ניט אזוי נענוי. פאַר איין גע'הרג'עטען מענשען איז א שטאַרקער שבט עלול אויסצו'הרג'ענען א גאַנצען שוואַכערן שבט, צו וועלכען דער מערדער האָט געהערט.

דער דאָזיגער אַקט פון בלוט־נקמה איז די עהרע און די שטאָלצ־קייט פונ'ם בעדואין, אזוי אַז קינדער לערנען זיך שוין דאָס אין די יונגע יאָהרען. גדעון, למשל, הייסט זיין זוהן אָראָפּהאַקען די קעפּ פון זבח און צלמנע, די צוויי פירסטען פון מדין, וועלכע האָבען גע'הרג'עט זיינע, גדעון'ס, ברידער (שופטים ח 18—21). דער געדאַנק פון נעהמען נקמה פאַר פערגאָסענע בלוט האָט א ראָלע געשפּילט אויך אין די שפּעטערדי־גע צייטען אין דער אידישער געזעצגעבונג.

אָט יענע אידישע נאָמאַדישע אָדער האַלבנאָמאַדישע שבטים האָ־בען נאָך קיין געשריבענע ליטעראַטור ניט געהאַט. צו שרייבען היי־בען זיי ערשט אָן נאָכדעם ווי זיי בעזעצען זיך אין זייער לאַנד און גע־העז איבער אין א העכערן ציוויליזירטען לעבען. אָבער אויסוועניג האָ־בען זיי שוין דאָמאָלסט אויך דערצעהלט זאָגען און געזונגען אַלערליי לי־דער. און וואָס פערדינט נאָך מעהר בעזונגען צו ווערן אין א שענעם ליד ווי בלוט־נקמה, די עהרע און די פליכט פונ'ם בעדואין?

למך ווערט פאָרגעשטעלט אין דעם ליד אַלס א גבור און א פיהר־רער פון א שבט, א מין אראבישער „שעיך“. ס'איז העכסט וואהרשיינ־

ליך, אז למך און קין זיינעןביידע נעמען פון שבטים פארגעשטעלט אלס פערזאנען, ווארים מיר געפינען אין א סך שטעלען אין תנ"ך וועגען קינים און בני קיני, עס הייסט: די קינדער פון שבט קין (במדבר כ"ד 21—22; שופטים ד 11; שמואל א, ט"ו 6; דברי הימים א, ב 55).

למך קומט צו רייטען פון פעלד מיט'ן שווערד נאך טריפענדיג פון בלוט. ביים געצעלט טרעפט ער זיינע ווייבער, און, לויט דעם מנהג פון די בעדואינער, ריהמט ער זיך פאר זיי מיט דער שטארקייט פון זיין שבט, דעם שבט למך. ער דערצעהלט זיי, אז פאר א וואונד, וואס מ'האט איהם געמאכט, האט ער פון א געוויסען שבט נקמה גענומען און דער־הרג'עט צו טויט א מאן, און פאר א באיל, וואס מ'האט איהם געמאכט, האט ער פאר נקמה גע'הרג'עט א אינגעל פון יענעם שבט. ער מיינט ניט, אז אט דער מאן און דער אינגעל האבען עס איהם געמאכט דעם וואונד און דעם באיל. דאס איז ביי איהם קיין חלוק ניט. דער גאנ־צער שבט איז פעראנטווארטליך דערפאר. דען דער שבט קין, דער־צעהלט ער ווייטער זיינע ווייבער, איז א שטארקער שבט און נעהמט פון אנדערע שבטים א זיבענפאכיגע נקמה; ער אבער, זיין שבט, איז אזוי שטארק, אז ער שרעקט זיך ניט צו נעהמען א זיבען - און - זיבע־ציג - פאכיגע נקמה (בלשון גוזמא).

למך'ס ליד, קען מען זעהן דערפון, איז פון אן עלטערער, פרימיטי־ווערער צייט איידער די געשיכטע פון קין און הבל. ווארים אין דער דא־זיגער געשיכטע ווערט קין פערדאמט און פערשאלטען פאר'ן פערגיסען בלוט, בעת אינ'ם געזאנג פון נקמה ווערט למך בעזונגען פאר'ן דער־הרג'ענען א מאן און א קינד פאר א וואונד. ס'איז מעגליך, אז אין יע־נער אלטער צייט ווען אידען פלעגען זינגען דעם געזאנג פון נקמה, פלע־גען זיי זיך אויך דערצעהלען די מעשה'לע פון קין'ען אין אזא נוסח, אז קין איז דערין גאר ניט געטאדעלט געווארען. אט יענער קין פון עלטערן נוסח איז עס, אויף וועמען למך זאגט, אז ער נעהמט א זיבענפאכינע נקמה. שפעטער אבער, ווען אידען האבען זיך ענטוויקעלט צו א העכע־רער שטופע אין רעליגיאן און מאראל, האט א אידישער שריפטשטע־לער געענדערט די מעשה'לע פון קין'ען און דערפון געשאפען א מאראל־

געשיכטע, פערדאמענדיג דערין מארד און בלוט־פערגיסונג. למך'ס גע־זאנג איז געבליבען אין זיין אלטען נוסח, מחמת לידער דערהאלטען זיך פון עלטערע צייטען אין דערזעלביגער פארם, בעת מעשה'לעך אין פראזא ענדערען זיך כסדר אין מויל פון איטליכען ערצעהלער.

אויב אידען האבען ניט געענדערט דעם נוסח פון למך'ס געזאנג, וואס איז דערהאלטען געבליבען אין דער זאמלונג הייליגע ביכער, הא־בען זיי דערפאר אין דעם דאזינען געזאנג א נייעם זין ארייגעלעגט. פון דער פרימיטיווער מאראל פון בלוט־נקמה, פון הרג'ענען צעהן מענ־שען פאר איינעם, זיינען זיי אין די עלטערע צייטען שוין געקומען צו דער פערהעלטניסמעסיג פיעל העכערער מאראל פון „איין אויג פאר איין אויג און איין לעבען פאר איין לעבען". אין שפעטערע צייטען האבען זיי נאך העכער ענטוויקעלט זייערע בעגריפען פון מאראל און דערקלערט נקמה אין גאנצען פאר א זינד (ויקרא י"ט 18). זיי האבען דערום ניט געקאנט בעגרייפען דעם פשוט'ען זין פון אזא פרימיטיווען פאלקס־ליד. ווי איז דאס מעגליך, אז די הייליגע ספרים זאלען בע־זינגען א קאלטען גזלן? די אידישע טראדיציע האט דערפאר געמאכט פון למך'ען דעם גזלן — א שלימ'מזל'ניק, א „למך", און האט געשאפען א זאגע, אז למך, אלט און בלינד, איז געגאנגען אויפ'ן געיעג מיט זיין זוהן תובל קין און האט אומגערן דערשאסען זיין אוראורעלטערזיידען קין, אויף וועמען ער האט געמיינט פון וויטען, אז דאס איז א חיה. צר־געהענדיג געהנטער און דערזעהענדיג וואס ער האט דא געטאן, האט ער, קלאגענדיג און פאטשענדיג מיט די הענד, צוריבען אויף טויט זיין איי־גענעם זוהן תובל קין. זיינע ווייבער זיינען אויף איהם ברוגז געווארען צוליב דעם, און למך איז עס געקומען צו זיי זיך פערענטפערען, אז ער איז דערביי ניט שולדיג געווען, דען ער האט עס געטאן אומגערן; דערום וועט איהם טרעפען די שטראף ערשט אין זיבען און זיבעציג דורות ארום, פערגליכען מיט קין'ען, וועלכער האט גע'הרג'עט הבל'ען מיט פלייס און די שטראף האט איהם געטראפען אין זיבעטען דור (למך איז געווען דער זיבעטער דור נאך קין'ען לויט דעם ביבלישען סדר־היחוס).

דער געזאַנג פון ברונים.

דעמאָלט[3] האָבען אידען געזונגען דעם דאָזיגען געזאַנג:

קוועל אַרויף, ברונים!
זינגט צו איהם!
דער ברונים, איהם האָבען
געגראָבען די פירסטען,
געבויערט די הארען פון פאָלק
מיט'ן צעפּטער[4], מיט זייערע שטעקענס:
פונ'ם מדבר אַ מתנה.[5]

(במדבר כ"א 17, 18)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

דער געזאַנג פון ברונים איז אויך, אזוי ווי דער געזאַנג פון נקמה, א אידישער פאָלקס־ליד פון די אוראַלטע צייטען. אין למך'ס געזאַנג זעהען מיר דעם בעדואין מיט זיינע ווילדע אינסטינקטען פון בלוט און נקמה, דער ברונים־ליד שילדערט די פרידליכע, אידילישע זייט פון זיין לעבען.

דער געזאַנג פון ברונים פיהרט אונז אַוועק אין די סטעפּעס פון דעם דרום פון ארץ ישראל, אין „נגב יהודה". די ערד איז דאָרטען טרוקען און טויג ניט פאַר קיין לאַנדווירטשאַפט. די איינוואוינער פון די דאָזיגע סטעפּעס, ווי דער שבט שמעון און דער שבט קיני, זיינען דער־פאַר געבליבען נאָמאַדען ביז אין שפּעטערדיגע צייטען אריין. אזוי ווי זייער גאַנצער לעבען איז אָבגעהאַנגען פון געפינען גענוג וואַסער פאַר זיך און פאַר זייערע סטאַדעס, איז דערום די טייערסטע און וויכטיגסטע זאַך געוועזען ביי זיי א קוואַל אָדער א ברונים. דאָס קענען מיר זעהן אין די פּיעלע געשיכטעס און וואונדער־מעשיות, וואָס די ביבעל דערצעהלט

ווענען ברונימער און קוואלען אין יענעם געגענד פון ארץ ישראל. אין שופטים, למשל, ווערט דערצעהלט, ווי עכסה, די טאכטער פון כלב, בעט ביי איהר פאטער א געשאנק קיין אנדער זאך ניט ווי ברונימער מיט וואַסער (שופטים א 12—15). פון דעם קוואל אין קדש האבען אידען געהאט א זאגע, אז משה האט מיט זיין וואונדער־שטעקען א קלאפּ געטאן דעם פעלז, איז ארויס דאס וואסער (במדבר כ 11). דעם ברונים אין באר־שבע האט אברהם נעגראבען (בראשית כ"א 22—32).

דער ברונים איז נעוועז דאס אייגענטום פונ'ם שבט. אפט פלעגען זיך צוויי שבטים שטרייטען איבער א נייעם ברונים, ווער ס'האט איהם פריהער נעגראבען. די פלשתים, למשל, האלטען זיך אין איין קריגען מיט יצחק'ען איבער די ברונימער וואס ער גראבט (בראשית כ"ו 15—22). אום צו בעשטעטיגען עפענטליך דאס אייגענטום־רעכט פון א שבט אויף א נייעם ברונים, פלעגט מען איהם עפענען מיט א פאלקס־פעסט, מיט טאנץ און געזאנג אונטער'ן פרייען הימעל. פונקט ווי ביי אונז איז מען מכבד די פארשטעהער פון דער געמיינדע מיט'ן עפענען א נייע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע, אזוי האט מען אויך דאמאלסט מכבד געווען די מיוחסים פון שבט, די פארשטעהער פון די פאטריארכאלישע פאמיליעס, מיט'ן עפענען דעם נייעם ברונים. נאכדעם ווי דער ברונים איז שוין געווען אויסגעגראבען, האט מען איהם צוגעדעקט אויף דערווייל, און די „הארען פון פאלק", די „שעיכס", פלעגען איהם עפענען מיט א געוויסער צערעמאָניע, וואס האט סימבאליש בעדייט, אז זיי, די פארשטעהער פון שבט, האבען עס נעגראבען דעם ברונים, וועלכער איז דערפאר דעם שבט'ס אייגענטום. צו אט דעם צוועק פלעגען די מיוחסים עפענען דעם ברונים מיט זייערע שטעקענס, וואס פלעגען אויסזעהן ווי צעפּטערס פון הערשער, און דאס פערזאמעלטע פאלק פלעגט ארום פלעגט זינגען א ברונים־ליד און רופען צום וואסער, אז עס זאל ארויסשטייגען פון דער טיפעניש און זיך בעווייזען.

און געפרעהט האבען זיך אלע מיט דעם ברונים, וואס די פירסטען פון פאלק האבען געגראבען מיט זייערע צעפּטערס, און גערדאנקט האבען זיי דעם מדבר פאר די טייערע מתנה וואס זיי האבען פון איהם בעקומען.

א מתנה פונ׳ם מדבר, אזוי האבען יענע מדבר־אידען גערופען א ברונים.

די שפעטערדיגע אידישע טראדיציע פון תלמוד און מדרש האט אויך אט דעם ליד דערקלערט אויף איהר אייגענעם שטייגער און לויט איהר אייגענער אויפפאסונג פון די הייליגע ספרים. דער ברונים, וועגען וועלכען דא רעדט זיך, איז לויט דער תלמודישער לעגענדע געווען א וואונדער־ברונים, א פעלז וואס פלעגט מיטוואנדערען מיט אידען פון ארט צו ארט אינ׳ם מדבר און איז נעגעבען געווארען פון גאט א מתנה צו משה און אהרן.

געזאַנגען פון קריג און נצחון

אינהאַלט:

דבורה'ס געזאַנג

דער געזאַנג פון ים־סוף

דער געזאַנג פון דער זון און דער לבנה

דער געזאַנג פון טייך ארנון

דער געזאַנג אויף דעם קעניג סיחון

דבורה׳ס געזאַנג.

איינפיהרונג.

דבורה׳ס געזאנג איז א ליד וואו עס ווערט בעזונגען דער נצחון וואָס אידען האָבען אָבגעהאַלטען איבער זייערע פיינד. „אין דער פערבינדונג פון דעם שטאַרקסטען רעאַליזם מיט דעם העכסטען רעליגיעזען ענטהוזיאַזם האָט אָט דער געזאַנג אין ערגעץ ניט זיין גלייכען". ער ווערט דערום פערדעכענט אַלס איינער פון די שענסטע נצחון־לידער אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דער געזאַנג פון נקמה און דער געזאַנג פון ברונים זיינען פאָלקס־לידער פון אַלגעמיינעם לעבען, אָהן וועלכע בעציהונגען צו היסטאָרישע געשעהענישען אָדער היסטאָרישע אומשטענדען. אַנדערס איז אָבער דבורה׳ס געזאַנג. ער איז א היסטאָרישער פאָלקס־ליד, וואָס שילדערט א פּאַסירונג אין דער אידישער פערגאַנגענהייט, א מלחמה צווישען אידען און כנענים. די גאַנצע לאַגע פאַר דער מלחמה, די מאָביליזירונג פון די שבטים און די שלאַכט ביים טייך קישון — אַלץ איז דערין געשילדערט אַזוי רעאַליסטיש, אַזוי לעבעדיג אין איטליכען פּרט, אז עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז דער געזאַנג איז פערפאַסט געוואָרען פון א פאָלקס־פּאָעט אָדער פאָלקס־פּאָעטין, וואָס האָט אַלץ צוגעזעהן מיט די אייגענע אויגען.

דבורה׳ס געזאַנג האָט דערפאַר ניט בלויז א ליטעראַרישען ווערט אַלס נצחון־ליד, נור איז אויך א וויכטיגער היסטאָרישער דאָקומענט. ער איז איינער פון די עלטסטע ליטעראַרישע פּראָדוקטען, וואָס זיינען אונז דערהאַלטען געבליבען אין תנ"ך, און ער גיט אונז א בילד פון׳ם אידישען לעבען אין ארץ ישראל אין דער סאַמע גראָהער צייט, אָקאָרשט ווי אידען האָבען אָנגעהויבען זיך צו בעזעצען אין מערב־זייט פון ירדן. אין תנ"ך ווערט אפילו דערצעהלט זעהר פיעל פון יענער צייט. אָבער דאָס זיינען בלויז זאַגען, וואונדער־מעשיות, איבערגעגעבען פון דור צו

דור, אזוי אז מ׳קאן קיינמאל ניט וויסען וויפיעל היסטארישען אמת זיי ענטהאלטען. דבורה׳ס געזאנג אבער איז דער איינציגער דאקומענט אין תנ״ך, וואס ניט בלויז ער דערצעהלט אונז וועגען יענער צייט, נור איז טאקע אין אט יענער צייט געשאפען געווארען. דער היסטארישער ווערט פון דבורה׳ס געזאנג קאן דערום קיינמאל ניט צו־הויך אבגע־שאצט ווערן.

און עס האט געזונגען דבורה און ברק דער זוהן פון אבינעם אין יענעם טאג, אזוי:

מיט לאנגע, לויזע לאקען אין ישראל,(1
מיט בעוויליגטע געשאנקען פונ׳ם פאלק,(1
לויבט יהוה!

הערט צו, מלכים,
נייגט אן אויער, הערשער:
איך, צו יהוה וויל איך זינגען,
וויל שפילען צו יהוה, דעם גאט פון ישראל.

יהוה, ווען דו ביסט ארויסגעגאנגען פון שעיר,(2
ווען דו ביסט ארויסגעטראטען פון אדום׳ס פעלד,(2
האט די ערד זיך געטרייסעלט,
די הימלען האבען געגאסען,
די וואלקענס מיט וואסערן גערונען.
בערג האבען געשטראמט פאר יהוה,(3
(דאס איז דער סיני) (4
פאר יהוה, דעם גאט פון ישראל.

אין די טעג פון שמגר בן ענת,
(אין די טעג פון יעל) (5
האבען אויפגעהערט קאראוואנען,(6
און די וואנדערער אויף וועגען

האָבן אויף זייטשטעגלעך געוואַנדערט[7].

גערוהט האָבן דערפער,
אין ישראל גערוהט,
ביז דו ביסט אויפגעשטאַנען, דבורה,[8]
ביסט אויפגעשטאַנען אַ מוטער אין ישראל.[8]

אויפגעהערט די שעכטונגען פאַר גאָט,[9]
אויסגעגאַנגען גערשטען־ברויט, [10]
קיין פאַנצער ניט געווען צו זעהן, קיין שפּיז,
ביי פערציג טויזענד פון ישראל.

מיין האַרץ איז ביי די פיהרער פון ישראל,[11]
די האַרען פון פאָלק, די געבענטשטע פון יהוה.[12]
די וואָס רייטען אויף ווייסע אייזעלינען,
די וואָס זיצען אויף טעפּיכער,[13]
און די וואָס וואַנדערען אויפ׳ן וועג, זינגט![14]

אַ שטים פון טרומייטערער צווישען די ברונימער,[15]
דאָרטען דערצעהלען זיי די וואוילטהאַטען פון יהוה,
זיינע וואוילטהאַטען מיט די דאָרפבעוואוינער אין ישראל.[16]

וואַך אויף, וואַך אויף, דבורה,
וואַך אויף, וואַך אויף און זינג אַ ליד!
שטעה אויף, ברק,
און פאַנג דיינע פאַנגערס, אבינעם׳ס זוהן![17]

דעמאָלט האָט ישראל צו די טויערן מאַרשירט,[18]
יהוה׳ס פאָלק האָט נאָך איהם מאַרשירט ווי העלדען.[19]
פון אפרים האָבן זיי אין טאָל געזונגען,[20]
דיין ברודער בנימין צווישען דיינע פעלקער,[21]
פון מכיר האָבן מאַרשירט די פיהרער,

און פון זבולון צעפּטער - טרעגער.(22
און די האַרען פון יששכר מיט דבורה׳ן,
און נפתלי מיט ברק׳ן,(23
אין טאָל האָבען זיי געזונגען הינטער איהם.(24

ראובן, וואָס ביסטו געזעסען צווישען די שטאַלען,
צו הערען דאָס שמוצערען פון די סטאַדעס?
אין די טיילען פון ראובן האָט מען פיעל נאָכגעקלערט. (25

גלעד איז געבליבען אויף יענער זייט ירדן; (25
און דן, וואָס האַלט ער זיך ביי שיפען אויף?
אשר איז געזעסען ביי דעם ברעג פון ים׳ען,
און געוואוינט ביי זיינע האַפענס.

זבולון איז אַ פאָלק וואָס גיט דעם טויט זיך איבער,
און נפתלי אויף די הויכען פונ׳ם פעלד.

מלכים זיינען געקומען, האָבען געקעמפט,
דעמאָלט האָבען געקעמפט די מלכים פון כנען,
אין תענך, ביי די וואַסערן פון מגידו,
זיי האָבען ניט קיין זילבער-רויב בעקומען.
פון הימעל האָבען געקעמפט די שטערן,
פון זייערע שטעגען האָבען זיי מיט סיסרא׳ן געקעמפט.
דער קישון-טייך האָט זיי אַוועקגעשלעפּט,
דער אַלטער טייך, דער קישון-טייך;(26
טרעט, מיין זעל, מיט מאַכט!
דעמאָלט האָבען זיך צושלאָגען די הופען פונ׳ם פערד,(27
דורכ׳ן יאָגען, דורכ׳ן יאָגען פון די שטאַרקע רייטערס זיינע.

„שילט מרוז“, זאָגט דער מלאך פון יהוה,
„שילט, פערשילט איהרע איינוואוינער!“
וואָרום זיי זיינען ניט געקומען צו יהוה׳ס הילף,

צו יהודה׳ס הילף צווישען די גבורים.

געבענטשט פון פרויען זאָל יעל זיין,
(די פרוי פון חבר הקיני) (28
די געבענטשטע צווישען פרויען אין געצעלטען.
וואסער האָט ער געבעטען, מילך האָט זי געגעבען,
אין אַ פּראַכטקרוג האָט זי זויערמילך דערלאַנגט.
איהר האַנד האָט זי צום פלעקיל אויסגעשטרעקט,
איהר רעכטע האַנד צום שווערן האמער,
און האָט דורכגעהאַמערט סיסרא׳ן,
דורכגעהאַקט זיין קאָפּ,
דורכגעשלאָגען, דורכגעבויערט
איהם זיין שלייף.
צו איהרע פיס האָט ער געקניהט,
אַ פאַל געטאָן, געלעגען,
צו איהרע פיס האָט ער
געקניהט און געפאַלען,
דאָרטען וואו ער האָט געקניהט,
איז ער טויט געפאַלען.

דורכ׳ן פענסטער האָט זי געקוקט און געקלאָגט,
סיסרא׳ס מוטער דורך דעם קליינעם פענסטערל:
וואָס זאַמט זיך זיין געשפּאַן צו קומען?
ווארום שפּעטיגען זיך די טריט פון זיינע רייטוועגען?
פון איהרע הארינטעם די קליגסטע ענטפערט איהר, (29
זי ענטפערט זיך אַליין מיט איהרע רייד:
„געווים געפינען זיי, זיי טיילען זיך רויב,
אַ מיידעל, צוויי מיידלעך פאר איטליכען מאַן,
רויב געפאַרבטע פאר סיסרא׳ן,
רויב געפארבטע, געשטיקטע,

געפארבטע, געשטיקטע פאר דער קיניגין'ס האלז"[30].

אזוי זאלען דיינע פיינד אונטערגעהן, יהוה!
און זיינע פריינד ווי די זון וואס געהט אויף מיט איהר מאכט.

(שופטים ה).

דער היסטארישער אינהאלט פון דעם געזאנג.

לויט ווי מיר זעהען פונ'ם דבורה־געזאנג, און אויך פון אנדערע על־טערע שטיקער אין יהושע און אין שופטים, זיינען אידען אין דער אור־אלטער צייט, בערך אינ'ם צוועלפטען יאהרהונדערט פאר אונזער צייט־רעכנונג, אריינגעדרונגען אין דאס לאנד כנען, עס הייסט אין מערב־זייט פון ירדן, און האבען צוערשט פערנומען דעם צענטראלען בארגיגען טייל פונ'ם לאנד. אין די טאלען האבען געוואוינט די כנענים, א ציר־וויליזירטע פאלק, וועלכע האבען שוין דעמאלט געהאט בעפעסטיגטע שטעדט און אייזערנע רייטוועגען. (רכב ברזל, יהושע י"ז, 16; שופטים א 19, 34). אויף די בערג אין דרום - זייט פון טאל יזרעאל האבען גע־וואוינט די יוסף־שבטים (אפרים, מכיר־מנשה, בנימין), אין צפון־זייט פון טאל יזרעאל האבען געוואוינט זבולן, יששכר און נפתלי. פון יהודה און שמעון, די דרום־שבטים, ווערט גארנישט ניט דערמאנט אין דבורה'ס געזאנג. דער פאעט מאכט זיי אפילו ניט קיין פארוואורף פאר'ן ניט קומען העלפען אין דער שלאכט. מען זעהט דערפון, אז פאר דוד'ס צייט האט יהודה און דער גאנצער דרום גאר קייט ראלע ניט גע־שפילט אין אידישען לעבען. אפשר איז דאס געווען דערפאר וואס צווי־שען יהודה און בנימין־אפרים איז געלעגען די פעסטונג יבוס פון די כנענים. דאס איז געווען א וואנד וואס האט געשטערט יעדע פער־בינדונג צווישען אפרים און יהודה. דער איינציגער גרונד איז דאס אבער ניט געווען. מיר זעהען שפעטער אפילו, ווען דוד נעהמט איין דעם יבוס און מאכט עס פאר די אידישע הויפט־שטאדט, געלינגט עס איהם אויך ניט צו פעראייניגען אויף לאנג יהודה און אפרים. נאך שלמה'ס

טויט טיילען זיך אפרים און יהודה פאנאנדער און פעראייניגען זיך שוין קיינמאל ניט מעהר.

דאס וואס אין דבורה'ס צייט האט מען זיך לחלוטין ניט גערעכענט מיט די שבטים פון דרום איז זעהר א וויכטיגער פונקט אין פער־שטעהן דעם גאנצען גאנג פון דער שפעטערדיגער אידישער געשיכטע.

די כנענים האבען זעהר געדריקט אידען. אין דער צייט פון שמגר בן ענת איז די לאגע געווען אזוי שרעקליך, אז אידישע קאראוואנען האבען מורא געהאט ארויסצופאהרען. אידען זיינען צעלאפען פון זייערע אונבעשיצטע דערפער, לאזענדיג די פעלדער ניט בעארבייט. ס'איז געווען אויסגעגאנגען אפילו גערשטען־ברויט, וואס געגען ווייצען־ברויט איז דאס א ביליגע שפייז אין דעם אריענט (יחזקאל ד, 12). מ'האט דער־ריבער ניט געקאנט ברייננען די רעגולערע אפפער צו גאט. עס זיי־נען אפילו דערנסטמאל געווען ביי אידען פערציג טויזענד וואס זיינען פעהיג געווען צו טראגען געוועהר, אבער קיינער האט זיך ניט געוואגט צו טראגען א פאנצער אדער א שילד אויס מורא פאר די כנענים.

אין דער דאזיגער קריזיס־צייט האבען זיך די שבטים ארום דעם טאל יזרעאל פעראייניגט צו קעמפפען געגען די כנענים. דבורה, פון שבט יששכר האט געוועקט דאס פאלק צום קאמף מיט איהרע קריגס־געזאנגען. ברק, פון שבט נפתלי, האט זיך געשטעלט בראש. אויפ'ן רוף פון דבורה און ברק האבען זיך גלייך מאביליזירט די שבטים אין צפון און אין דרום פון טאל יזרעאל, וועלכע האבען דירעקט געליטען פונ'ם דרוק פון די כנענים. אפרים און בנימין, מכיר (מנשה) און זבולון, יששכר און נפתלי, דאס פאלק צוזאמען מיט זיינע פיהרער און צעפטער־טרעגער האבען נאכגעפאלגט ברק'ן און דבורה'ן און מארשירט פון די בערג אראב אין די טאלען, זינגענדיג לידער פון פרייהייט און קאמף. א סך שבטים אבער, וועלכע זיינען ניט געווען דירעקט בעריהרט פון אט דעם קריזיס, ווי ראובן און גלעד אין מזרח־זייט פון ירדן און דן און אשר גאנץ ווייט אין צפון, האבען זיך גאר ניט אבגערופען און זיי־נען געבליבען רוהיג אהיים.

די כנענים זיינען ניט געווען פעראייניגט אין איין מלוכה, נור איט־

ליכע שטאָדט האָט זיך געהאט איהר קעניג. אָבער אין דער גרויסער מלחמה געגען די ארייגדרינגענדיגע אידען האָבען זיך אַ סך כנען׳ישע מלכים פעראייניגט אין אַ בונד אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון איין קעניג, סיסרא.

דער אידישער חיל האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט׳ן חיל פון די כנענים אינ׳ם טאָל ביים טייך קישון. די ציוויליזירטע כנענים האָבען געקעמפט מיט אייזערנע רייטוועגען; אידען דאַגעגען זיינען געוועזען פוסגעהער און האָבען געקעמפט מיט פרימיטיווע כלי־זין, ווי פאַסטוכער און פויערים ניט לאַנג פונ׳ם מדבר געקומען. דער טייך קישון איז געווענליך זעהר פלאַך. אבער גראָד דעמאָלט האָט ארויסגעפלאַצט אַ רעגען מיט אַ שטורם. דער טייך איז געוואָרען פול און שטראָמיג. דער געגענד ארום — נאַס און זומפּיג. די כנענים זיינען געבליבען אין זומפּ מיט זייערע אייזערנע וואָגענס. טראַמפּלענדיג האָבען זיך די פערד צושלאָגען זייערע קאַפּיטעס און ניט געקאָנט ווייטער געהן. אַ סך כנענים האָבען געפונען זייער קבר אין דעם טייך קישון, וועלכער האָט זיי מיטגעשלעפּט מיט זיין שטראָם. (אַ ענליכער פאַל האָט פּאַסירט אין נאַפּאָלעאָן׳ס צייט; אַ אָרעם פון קישון האָט פערשלונגען פיעל אראַבער אין דער שלאַכט ביים בארג תבור דעם 16טען אפּריל, 1799). סיסרא, דער קאָמאַנדיר פון די כנענים, איז אַנטלאָפען צו פוס פון שלאַכטפעלד און געפאַלען דורך די האַנד פון יעל, די פרוי פון אַ אידישען נאָמאַד.

דאָס זיינען בערך די היסטאָרישע פאַקטען, וואָס ווערן געשילדערט און בעזונגען אין דבורה׳ס געזאַנג.

דער פערפאַסער פון דעם געזאַנג.

דבורה׳ס געזאַנג, ווי מיר האָבען שוין פריהער דערמאָנט אין דער איינפיהרונג, איז געשאַפען געוואָרען פון אַ פּאָעט וואָס האָט אליין אנטייל גענומען אין דער מלחמה און אליין צוגעזעהן אלץ וואָס ער שילדערט אין דעם ליד. מאַנכע ביבעל־קריטיקער נעהמען דעריבער אָן, אַז דבורה גופא האָט עס געזונגען דעם דאָזיגען ליד אויפ׳ן נצחון־פעסט נאָך

דער מלחמה. לויט אַט דער הנחה קלינגט שלעכט דער אויסדרוק „וואָך אויף, וואָך אויף, דבורה, וואָך אויף, וואָך אויף און זינג אַ ליד". די מעהרסטע ביבעל־קריטיקער האַלטען דערפאַר, אַז דער פערפאַסער איז ניט געווען דבורה, נור אַן אַנדער אידישער זינגער פון איהר צייט. און אַט דעם פאַל מוזען מיר ענדערען אין העברעאישען טעקסט דעם „עד שקמתי דבורה", ביז איך בין אויפגעשטאַנען דבורה, אין „עד שקמת דבורה", ביז דו ביסט אויפגעשטאַנען דבורה, אָדער „עד שקמה דבורה", ביז דבורה איז אויפגעשטאַנען.

אויב דבורה'ס געזאַנג איז ניט פערפאַסט געוואָרען פון דבורה'ן, איז עס אָבער יעדענפאַלס וואהרשיינליך, אַז ער איז פערפאַסט געוואָרען ניט פון אַ מאַן, אַ זינגער, נור פון אַ פרוי, אַ זינגערין; מחמת דורכ'ן גאַנצען ליד שטעהען פרויען־פיגורען אין פאָדער־גרונד: דבורה, יעל, סיסרא'ס מוטער.

די קאָמפּאָזיציע פון דעם געזאַנג.

דבורה'ס געזאַנג הייבט זיך אָן מיט אַ קורצער איינפיהרונג, וועלכע דערקלערט די טהעמע און צוגלייך אויך דעם ליטעראַרישען כאַראַקטער פונ'ם געזאַנג: ס'איז אַ לויב צו יהוה פאַר דעם זיג וואָס אידען האָבען אַבגעהאַלטען. אָן דער איינפיהרונג שליסט זיך דירעקט אָן די אויספיהרונג: די פורכטבאַרע ערשיינונג פון גאָט, וועלכער קומט פון שעיר העלפען זיין פאָלק. עס פאָלגט דאַן דער עצם פונ'ם ליד, וועלכער בעזינגט די היסטאָרישע געשעהענישען אין קליינע, אָבגעשלאָסענע עפּיזאָדען, וואָס זיינען צוזאַמענגעשנירט ווי פערל אויף אַ כראָנאָלאָגישען פאָדים.

די ערשטע עפּיזאָדע שילדערט די נויט וואָס אידען זיינען אויסגעשטאַנען פאַר דער מלחמה. די צווייטע עפּיזאָדע שילדערט דעם אויפשטאַנד פון די שבטים אונטער דבורה און ברק. די דריטע עפּיזאָדע טראָגט אונז אַריבער אין דעם אָווענד פאַר דער שלאַכט. אַלע אַנטייל־נעהמער אין דער מלחמה זיינען פערזאַמעלט און וואַרטען אויפ'ן ענטשיידונגס־קאַמף. די שבטים וואָס זיינען געקומען ווערן געלויבט פונ'ם

פאעט און די אויסענגעבליבענע ווערן שטארק געטאדעלט. די פיערטע עפיזאדע נעהמט ארום די צייט פון'ם קאמף אין דעם טאל יזרעאל. די פינפטע עפיזאדע איז א שטארקע קללה אויף מרוז, א אידישער ארט, ניט ווייט פון'ם שלאכטפעלד, וואס זיינע איינוואוינער האבען געשטיצט די אנטלויפענדע כנענים. דער קללה אויף מרוז פאלגט נאך אלס שארפער קאנטראסט די זעקסטע עפיזאדע, די ברכה אויף יעל. זי אליין, און א פרוי דערצו, האט אבגעטאן דאס, וואס די איינוואוינער פון מרוז האבען בעדארפט טאן. די קורצע, אבגעריסענע זאצען און די געדיכטע שמות־נרדפים (סינאנימען) שילדערען אין זעלטענער קלאנג־מאלעריי די מורא'דיגע, קוים גלויבליכע פאסירונג, די ערמארדונג פון סיסרא'ן.

דער ליד איז נאך אבער ניט געענדיגט. עס קומט נאך דער לעצטער טייל, וואו עס ווערט געשילדערט ווי די נייעס פון דעם גבור'ס טויט צוטראגט זיך אומעטום און דערוועקט א טיפען טרויער ביי זיינע אנגעהעריגע און ווילדע פרייד ביי זיינע פיינד. מיט זעלטענער קינסטלערישער אריגינאליטעט האט דא דער פאעט געמאלען די זיבעטע עפיזאדע, די סצענע אין סיסרא'ס פאלאץ. סיסרא'ס מוטער, די קעניגין פון הארעם, קוקט דורכ'ן פענסטער און ווארט מיט א קלאפענדיגען הארצען איהר זוהן זאל שוין צוריקקעהרען אהיים. זי טרייסט זיך, אז ער זאמט זיך אזוי לאנג צוליב די פיעל רויב, וואס ער פיהרט מיט זיך. אט, אט קומט ער און טוט איהר אן אויפ'ן האלז די טייערע געשטיקטע טיבער, געפארבט מיט אלערליי שענע קאלירען. מיט קינסטלערישער מייסטערשאפט ברעכט דא דער פאעט אב אין מיטען. דעם געגענזאץ פון דער ווירקליכקייט צו דער קעניגין'ס ערווארטונג זאל זיך דער הערער אליין פארשטעלען. דער פאעט זעצט נאך צו א קורצען שפרוך, אן ענד, וואס אזוי ווי דער אנהויב פון'ם געזאנג, איז עס א לויב צו יהוה. מיט זיכערקייט זאגט ער, דער פאעט, אז אלע פיינד יהוה'ס וועלען אזוי אונטערגעהן ווי סיסרא; דערפאר אבער זיינע פריינד זיינען אונבעזיגבאר ווי די זון, וואס געהט אויף אין דער פריה מיט איהר פולער מאכט, צוטרייבענדיג די פינסטערניש פון דער נאכט, די טומאנען פון'ם מארגען.

דער געזאנג פון ים־סוף.

איינפיהרונג.

דער געזאנג פון ים־סוף איז א לויבליד צו גאט פאר'ן נצחון וואס ער האט געגעבען אידען איבער זייערע פיינד; אבער א גאנץ אנדער זארט נצחון ־ ליד איידער דבורה'ס געזאנג. דער לעצטער איז א היסטארישער פאלקס־געזאנג, דער פאעט ציהט זיין בעגייסטערונג פון א גרויסער פאסירונג אין אידישען לעבען וואס ער האט אליין מיטגעמאכט, און ער שילדערט די דאזיגע פאסירונג, די מלחמה מיט די כנענים, עכט רעאליסטיש און מיט דער פשוט'קייט פון א פאלקס־ליד. דער געזאנג פון ים־סוף דאגעגען איז ניט בעגרינדעט אויף א היסטארישען פאקט, נור אויף א זאגע פון די אלטע צייטען. און ער האט אויך ניט די אונגעקינצעלטקייט פון א פאלקס־ליד. נור איז פערפאסט אין א פולקומער קינסטלערישער פארם. דא האבען מיר צו טאן ניט מיט קיין פאלקס־זינגער, נור מיט א קונסט־זינגער, א גרויסען רעליגיעזען ליריקער, וועלכער האט בעזעסען צוזאמען מיט א הייליגער בעגייסטערונג פאר גאט אויך די פולקומסטע קונסט פון ווארט. די שפראך איז דא זעלטען שען און רייך אין קלאנגען (וואס פיהלט זיך בלויז אין העברעאישען אריגינאל און לאזט זיך אין קיין אנדער שפראך ניט איבערגעבען), די שילדערונגען זיינען קאנקרעט און לעבעדיג, דאס פאעטישע געפיהל דורכ'ן גאנצען ליד איז פול מיט הינרייסענדער קראפט און די איינצעלנע בילדער און געדאנקען זיינען אזוי קונסטפול צונויפגעבונדען, אז מ'קאן גאר ניט מערקען דעם איבערגאנג פון איין טייל פונ'ם געזאנג צום אנדערן.

דער געזאנג פון ים־סוף איז אלזא א פראדוקט ניט פון אידישער פאלקס־פאעזיע, ווי די מעהרסטע ביבלישע געזאנגען פון פאר'ן גלות בבל, נור פון אידישער רעליגיעזער ליריק. דער פאעט האט עס וואהרשיינליך געשאפען צו זינגען אין בית־המקדש אין ירושלים אום פסח, ווען אידען האבען געפייערט דעם ארויסגאנג פון מצרים. צוויי מאטי־

ווען האט דא דער פאעט אנגעווענדט: די פערניכטונג פון פרעה'ן מיט זיין חיל ביים ים־סוף און די עראבערונג פונ'ם לאנד כנען. אט די גרויסע געשעהענישען פון דער אלטער פערגאנגענהייט ווערן פונ'ם פאעט גאנץ פריי בעהאנדעלט. ער זוכט דא ניט צו געבען קיין אמת'ע היסטארישע פאקטען. ער האט זיך גאר פערגעסען אן די אלע שווערע מלחמות, וואס אידען האבען געהאט צו פיהרען אזא לאנגע צייט ביז זיי זיינען באמת געווארען די הערשערפונ'ם לאנד. אין זיין פאעטישער פאנטאזיע פערשווינדען אלע טונקעלע פלעקען פון דער אידישער פערגאנגענהייט, און ער זעהט נור דעם גלאנץ פון גאט'ס הייליגער מאיעסטעט אויפ'ן פאהן פון פאלק ישראל. גאט אליין מיט זיין גנאד האט געפיהרט אידען אין זיין הייליגער וואוינונג, אין כנען, און אלע פעלקער האבען דאס דערהערט און א ציטערניש האט זיי דורכגענומען, זיי האבען גאר די העזה ניט געהאט זיך צו שטעלען אנטקעגען. און אידען האבען זיך בעזעצט אין זייער לאנד אהן וואסערע מלחמות, אהן וואסערע שטערונגען און אויסגעבויט א בית המקדש פאר גאט אויפ'ן „בארג פון זיין ארב“, דעם בארג ציון.

פון נאכ'ן גלות בבל זיינען אונז געבליבען אין „תהלים“ א סך רעליגיעז־לירישע געזאנגען. מאנכע ביבעל־קריטיקער ווילען דעריבער צורעכענען דעם געזאנג פון ים־סוף צו דער רעליגיעזער ליריק פון נאכ'ן גלות בבל. דער גאנצער אינהאלט פונ'ם געזאנג רעדט אבער געגען דעם. עס הערט זיך אין איהם א טאן פון פאליטישער מאכט און זיכערקייט ווי אין די עלטערע געזאנגען פון דער תקופה פון די מלכים. אויך אזא'ן אויסדרוק ווי „ווער איז גלייך צו דיר צווישען די געטער, יהוה!“ איז צו שארף פאליטעאיסטיש פאר דער צייט פון נאכ'ן גלות בבל. די מעהרסטע ביבעל־קריטיקער האלטען דערפאר, אז דער געזאנג פון ים־סוף איז איינער פון פיעל אנדערע רעליגיעז־לירישע לידער, וואס אידען האבען נאך געהאט פאר'ן גלות בבל. אלע אבער שטימען איין, אז ער איז איינער פון די בעסטע פראדוקטען פון דער העברעאישער פאעזיע.

דעמאָלט האָט געזונגען משה און די קינדער פון ישראל דעם דאָזיגען געזאנג צו יהוה און זיי האָבען געזאָגט אזוי:

איך וויל זינגען צו יהוה,
דען גרויסען האָט ער זיך געגרויסט,
דאָס פערד און זיין רייטער
האָט ער געוואָרפען אין ים!

מיין שטאַרקייט און געזאַנג[31] איז יה,[32]
און ער איז מיר געווען אַ הילף;
דאָס איז מיין גאָט,
און איך וועל איהם בעשענען,
דער גאָט פון מיין פאָטער,
און איך וועל איהם דערהייבען.

יהוה איז אַ מאַן פון מלחמה
יהוה איז זיין נאָמען.

פרעה׳ס רייטוועגען און זיין חיל
האָט ער געוואָרפען אין ים,
און די בעסטע פון זיינע קעמפער
זיינען געזונקען אין ים-סוף.
אבגרונדען האָבען זיי צוגעדעקט,
זיי האָבען אין די טיפענישען
געגידערט ווי אַ שטיין.

דיין רעכטע האנד, יהוה,
איז פּראַכטיג מיט קראַפט,
דיין רעכטע האַנד, יהוה,
צושמעטערט דעם פיינד!

און מיט דיין גרויס הערליכקייט

צושטערסטו דיינע געגנער;
שיקסט דיין ברענענדיגען צאָרן
און ער פרעסט זיי אויף ווי שטרוי.
און פון הויך פון דיין נאָז
האָבען זיך וואסערן אויפגעטורעמט,
כוואַליעס זיינען ווי אַ וואַנד געשטאַנען,
פערגליווערט זיינען אַבגרונדען געוואָרען
אין הארץ פון ים.
ס׳האָט דער פיינד געזאָגט: „כ׳וועל יאָגען,
כ׳וועל כאַפּען און זיך טיילען רויב,
זיך זעטיגען וועט מיט זיי מיין זעל,
כ׳וועל ארויסציהען מיין שווערד,
זיי פערניכטען וועט מיין האַנד“.
מיט דיין הויך האָסטו אַ בלאָז געטאָן,
האָט זיי צוגעדעקט דער ים:
איינגעזונקען זיינען זיי ווי בליי
אין שטאַרקע וואסערן.

ווער איז גלייך צו דיר,
צווישען די געטער, יהוה!
ווער איז גלייך צו דיר,
פּראַכטיג אין הייליגקייט,
פורכטבאַר אין לויב,
אַ טוער פון וואונדער!

האָסט געצייגט דיין רעכטע האַנד,
האָט די ערד זיי איינגעשלונגען.
האָסט געפיהרט מיט דיין גנאָד
דיין פאָלק וואָס דו האָסט אויסגעלייזט,
האָסט זיי מיט דיין מאַכט געפיהרט
אין דיין הייליגער וואוינונג.[33]

פעלקער האָבען דערהערט און געציטערט,
אַ וועהעניש האָט בענומען די איינוואוינער פון פלשת,
דעמאָלט האָבען זיך דערשראָקען די הארען פון אדום,
די פיהרער פון מואב האָט אַ ציטער דורגענומען,
צורונען זיינען אַלע איינוואוינער פון כנען.
געפאלען איז אויף זיי אן אימה און אַ שרעק,
דורך דיין גרויסען אָרים
זיינען זיי ווי אַ שטיין פערשטומט געוואָרען,
ביז ס׳איז פארבייגעצויגען
דיין פאָלק, יהוה,
ביז ס׳איז פארבייגעצויגען
דיין פאָלק וואָס דו האָסט זיך איינגעשאפט.
דו האָסט זיי געבראכט און איינגעפלאנצט
אויף דעם בארג פון דיין אַרב,
דעם אָרט וואָס דו האָסט צוגעגרייט,
יהוה, פאר דיר צו זיצען,
דיין הייליגטום, מיין האַר,
וואָס דיינע הענד האָבען אויפגעשטעלט.

יהוה וועט קיניגען אויף אייביג און אייביג!

און מרים די נביאה, די שוועסטער פון אהרן, האָט גענומען דעם פויק אין איהר האַנד; און עס זיינען ארויסגעגאַנגען אַלע פרויען נאָך איהר מיט פויקען און מיט טענץ. און מרים האָט גע-זונגען צו זיי:

זינגט צו יהוה,
דען גרויסען האָט ער זיך געגרויסט,
דאָס פערד און זיין רייטער
האָט ער געוואָרפען אין ים!

(שמות ט״ו ב—21)

די קאָמפּאָזיציע פון דעם געזאַנג.

ווען מיר קוקען זיך צו נעהנטער צום טעקסט פונ׳ם ים־געזאנג, זעהען מיר דעמאָלט, אז ער האָט אַ געוויסען בוי, אַן איינטיילונג לויט אַ געוויסער ארדנונג. צוערשט קומט אַן אַלגעמיינער לויבגעזאנג צו גאָט, אַ מין פאָרשפּיל צום גאַנצען געזאנג. נאָכהער קומען דריי געזאנגען, יעדערער גאַנץ און אבגעשלאָסען אין זיך. דער אָנהויב פון איטליכען פון די דריי געזאנגען איז אַ לויב צו גאָט, דאַן פאָלגט אַן אויספיהרליכע שילדערונג פונ׳ם פלוצלונגען אונטערגאַנג פון די אידישע פיינד. אַלע דריי געזאנגען בילדען אבער איין גאַנצעס, דען דער צווייטער געזאנג איז אַ פערשטאַרקערונג פון ערשטען, און דער דריטער — פון צווייטען. וואָס ווייטער, איז די צאָהל פערזען גרעסער, די שילדערונגען אויספיהרליכער און דער פּאָעטישער טאָן שטאַרקער און העכער, ביז די פּאָעמע דערגרייכט איהר קלימאַקס, איהר העכסטען פּונקט, וואו זי שילדערט די עראָבערונג פון בארג ציון און די אויפבויאונג פון שלמה׳ס בית המקדש. דאַן ענדיגט זי מיט אַ בעגייסטערטען אויסרוף, אַז יהוה וועט קיניגען אויף אייביג.

דער געזאנג פון מרים און די פרויען.

פון ערשטען פערז פון ים־געזאנג „זינגט צו יהוה א. אז. וו." ווערט דערצעהלט אין חומש, אַז מרים, די שוועסטער פון משה און אהרן, האָט עם מיט אַלע פרויען געזונגען מיט פּויקען און מיט טענץ. מאַנכע ביבעל־קריטיקער נעהמען אָן, אַז דער דאָזיגער פערז איז געווען אַן אַלט פאָלקסלידעל, פון וועלכען אַ שפּעטערדיגער פּאָעט האָט געשאַפען די גרעסערע פּאָעמע. זיכער איז דאָס אבער ניט. איין זאַך אָבער לערנען מיר דערפון, אַז אידישע פרויען פלעגען אַנטייל נעהמען אין אַ נצחון־פעסט מיט פּויקען און מיט טענץ*). דאָס ווערט אויך דערצעהלט אין שמואל א (י"ח 6, 7), אַז אידישע פרויען זיינען ארויסגעגאַנגען אַנט־

*) זעה אויבען זייט 66.

קעגען שאול'ען מיט פויקען און מיט טענץ און זיי האבען געזונגען א לידעל:

שאול האט געשלאגען זיינע טויזענדער
און דוד זיינע צעהנטויזענדער.

דער געזאנג פון דער זון און דער לבנה.

דעמאלט האט גערעדט יהושע צו יהוה, אינים טאג ווען יהוה האט איבערגעגעבען דעם אמורי פאר די קינדער פון ישראל, און ער האט געזאגט פאר די אויגען פון ישראל:

„זון, שטעה שטיל אין גבעון,
און לבנה אין טאל אילון“.
און די זון איז שטיל געשטאנען,
און די לבנה איז שטעהן געבליבען.

ביז דאס פאלק האט נקמה גענומען פון זיינע פיינד. דאס שטעהט געשריבען אין „ספר הישר“. און די זון איז געשטאנען אין האלבען הימעל און זיך ניט געאיילט אונטערצוגעהן א גאנ־צען טאג. און ס׳איז ניט געווען אזא טאג ווי יענער ניט פאר איהם און ניט נאך איהם, אז יהוה זאל צוהערען די שטים פון א מענ־שען; ווארים יהוה האט מלחמה געהאלטען פאר ישראל.

(יהושע י 12 — 14)

ערקלערונג.

דאס אבשטעלען די זון אין רעכטען העלען טאג האט ארויסגע־רופען א סך קאפ־ברעכעניש ביי די פרומע מבארים פון תנ״ך, וועלכע האבען געזוכט מיט אלערליי פשט׳לעך אויסצוגלייכען דעם דאזיגען נס מיט דער מאדערנער אסטראנאמיע. די אויפקלערער און אפיקורסים ווי־דער האבען עס געברויכט אלס אילוסטראציע, צו ווייזען ווי אבערגלוי־ביש די ביבעל איז. לויט דער מאדערנער וויסענשאפטליכער ערקלערונג פון תנ״ך אבער איז דא ניטא ניט קיין מאדערנע אסטראנאמיע און ניט קיין אבערגלויבען, נור מיר האבען דא פאר אונז אינטערעסאנטע פאר־מען פון געוויסע ליטערארישע טהעטיגקייטען אין די אוראלטע צייטען פון אונזער היסטאריע.

דער וואונדער פון אבשטעלען די זון ווערט דערצעהלט אין יהושע. א טענדענציעזער היסטאָריע־בוך, וואָס זוכט צו בעווייזען, אז אידען אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון יהושע, דעם גבור פון שבט אפרים, האָבען איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד כנען איינס און צוויי, אָהן גרויסע שוועריגקייטען, מחמת גאָט האָט זיי אומעטום געהאָלפען אין זייערע מלחמות.

דער שרייבער פון יהושע, זוכענדיג אומעטום גאָט'ס וואונדער אין דער אידישער פערגאַנגענהייט, דערצעהלט אויך פון גרויסע וואונדער אין א מלחמה ביי גבעון. האָגעל־שטיינער זיינען געפאַלען פון הימעל; נאָך מעהר, ווי לאַנג אידען האָבען נאָכגעיאָגט זייערע פיינד איז די זון געשטאַנען אין מיטען הימעל און זיך ניט אראָבגעלאָזען. אין אָט דעם לעצטען וואונדער שטיצט זיך דער שרייבער פון יהושע אויף א פאָלקס־לידעל, וואָס ער ציטירט פון דעם „ספר הישר“*), און ער דערקלערט גלייך אין פּראָזא, אז די בעדייטונג פון אָט דעם לידעל איז, אז יהושע האָט אָבגעשטעלט די זון אויף א גאַנצען טאָג. אזוי ווי די בעלי־אגדה אין תלמוד און אין מדרש האָבען זיך געשטיצט אומעטום אויף א פסוק אין תנ"ך, אזוי האָבען אויך די שרייבער פון תנ"ך זיך אָפט געשטיצט אויף עלטערע ביכער, אָדער אויף אידישע פאָלק־לאָר פון יענע צייטען. אויב דאָס לידעל האָט טאַקע פון לכתחילה בעדייט אזוי ווי דער שריי־בער פון יהושע דערקלערט עס, איז שווער צו בעשטימען. אין דער צייט ווען דער ספר יהושע איז געשריבען געוואָרען איז שוין מעגליך דאָס לי־דעל אַלט געווען עטליכע הונדערט יאָהר און זיין אמת'ע בעדייטונג האָט שוין דעמאָלט לאַנג געמעגט זיין פערגעסען. וואהרשיינליך איז עס, אז לכתחילה האָט דאָס לידעל קיין שייכות ניט געהאַט צו דער פערזאָן פון יהושע'ן.

---

*) זעה אויבען ז. 40.

דער געזאנג פון טייך ארנון.

דערום ווערט געזאָגט אינ׳ם בוך „די מלחמות פון יהוה“:

והב אין סופה און די טאָלען פון ארנון,
און דעם אראָבפאל אין די טאָלען וואָס ציהט זיך ביז ער,
און אָנגעשפארט אָן דעם גרעניץ פון מואב.

(במדבר כ״א 14, 15)

ערקלערונג.

דער זין פון די דאָזיגע דריי פערזען איז אין גאנצען טונקעל. דאָס איז א פראגמענט פון אן אלטען קריגס־ליד, וואָס האָט וואהרשיינליך דערצעהלט, אז אידען האבען אמאל אין א מלחמה פערנומען אָט די אויסגערעכענטע געגענדען.

וועגען דעם בוך „די מלחמות פון יהוה“, וואָס דער ליד־פראגמענט איז פון איהם ציטירט, זעה אויבען זייט 40.

דער געזאנג אויף דעם קעניג סיחון.

חשבון איז געווען די שטאָדט פון סיחון דעם מלך פון דעם אמורי, און ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט דעם ערשטען מלך פון מואב און צוגענומען זיין גאַנץ לאַנד פון זיין האַנד ביז'ן ארנון. דערום זאָגען די מושלים[34]:

קומט קיין חשבון; זאָל אויפגעבויט
און אויפגעריכט ווערן סיחון'ס שטאָדט.
דען אַ פייער איז אַרויס פון חשבון,
אַ פלאַם פון סיחון'ס שטאָט;
האָט פערצעהרט ער פון מואב,[35]
האָט פערברענט די הויכען פון ארנון.[36]
וועה צו דיר, מואב!
ביסט פערלאָרען פאָלק פון כמוש![37]
וואָס האָט אָוועקגעגעבען זיינע זיהן אלס אַנטלאָפענע,
און זיינע טעכטער אין געפאַנגענשאַפט.
(צום קעניג פון אמורי, סיחון.)[38]
און מיר האָבען אויף זיי געשאָסען!
חשבון איז פערלאָרען ביז דיבון;
און מיר האָבען זיי פערוויסט
ביז נפח און ביז מידבא.[39]

(במדבר כ"א 26—31)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

דער געזאנג אויף דעם קעניג סיחון איז אַ שפּאָט־ליד, פערפאַסט פון די „מושלים", די שפּאָט־ליד־מאַכערס ביי אידען אין דער אוראַל־

טער צייט*). אויב אט דער ליד פלעגט אין יענע צייטען געזונגען ווערן אויסווענינ, אדער ער איז אויף, ווי דער ליד פון דער זון און דער לבנה און דער ליד פונ'ם טייך ארנון, פערשריבען געווען אין אן אלטען ליי־דער־בוך, קען מען נים ווימען. דער סטיל פונ'ם ליד איז זעהר פשוט און פאלקסטימליך. ער גיט איבער פאקטען אהן וואסערע פאעטישע פארבונג.

דער שרייבער פון חומש דערקלערט דעם ליד ווי פאלגט: אין דער אורצייט, ווען אידען זיינען נאך אינ'ם מדבר געווען, האט א קעניג פון די אמורים מיט'ן נאמען סיחון בעזיגט דעם מלך פון מואב און צוגענומען זיין גאנצע לאנד ביז'ן טייך ארנון (במדבר כ"א 26). שפעטער זיינען אידען געקומען פונ'ם מדבר אונטער דער אנפיהרער־שאפט פון משה'ן און איינגענומען דאס גאנצע לאנד פון סיחון מלך האמורי מיט זיין הויפטשטאדט חשבון. דער געזאנג בעציהט זיך לויט דעם אויף די מפלה פון סיחון מלך האמורי אין זיין מלחמה מיט די אידען.

דער אנהויב פונ'ם געזאנג שיקט זיך גאנץ גוט לויט דער דאזיגער ערקלערונג. אבער ווען מיר לעזען אביסעל ווייטער, זעהען מיר באלד קלאר, אז דער הויפט־מאטיוו פונ'ם געזאנג איז ניט די מפלה פון די אמורים, נור די מפלה פון מואב, דאס פאלק פונ'ם גאט כמוש. טא איז דאך א קשיה, ווי קומט עס וואס א אידישער פאלקס־פאעט נעהמט אלס מאטיוו פאר זיין ליד א מלחמה, וואס זאל האבען פארגעקומען אין די אוראלטע צייטען צווישען צוויי ניט־אידישע פעלקער? און וואס פאר אן אינטערעס קאן א פאעט בכלל האבען אין מואב'ס מפלה דורך די אמורים, נאכדעם ווי די לעצטע זיינען שוין לאנג בעזיגט געווא־רען דורך אידען? דער גאנצער נצחון פון סיחון מלך האמורי אין דער אורצייט איבער מואב איז שוין דאך דעמאלט, נאך דער מפלה פון די אמורים אין משה'ס צייט, געווען אהן וועלכע בעדייטונג פאר די דא־מאלסטדיגע געגענווארט.

*) זעה אויבען ז. 66.

פיעל ביבעל־קריטיקער האלטען דערפאר, אז דער פראזא־שרייבער פון חומש האט דא שלעכט פערשטאנען דעם ליד וואס ער ציטירט. דער סיחון פונ׳ם ליד איז, נאך זיי, נים קיין קעניג פון די אמורים, נור א קעניג פון מואב, און דער גאנצער ליד האט לחלוטין נים צו טאן מיט משה׳ס מלחמות געגען די אמורים, נור מיט דער מלחמה און מיט דעם נצחון פון אידען געגען מואב אין דער צייט פון עמרי מלך ישראל (מלכים ב, קאפ. ג; דער געדענקשטיין פון מישע מלך מואב, וואס מ׳האט ענטדעקט אין 1868 ביי דיבון אין עבר הירדן, דערצעהלט אויך פון עמרי׳ס זיג איבער מואב). אידען האבען דעמאלט איינגענומען חשבון, די הויפטשטאדט פון מואב, און פון חשבון האבען זיי נאכהער איינגענומען נאך א סך שטעדט. דערום רופט דער פאלקספאעט קיין חשבון, פון וואנעט ס׳איז ארוים א פייער און פערצעהרט די שטעדט פון מואב און פערברענט די הויכע פלעצער ביים טייך ארנון.

לויט אט דער ערקלערונג מוזען מיר ארויסווארפען די שורה „צום קעניג פון אמורי סיחון". דאס האט צוגעשריבען דער שרייבער פון חומש אלס אן איינענע אנמערקונג, אז וואס מואב׳ס זיהן און טעכטער זיינען געגאנגען אין געפאנגענשאפט איז עס געווען צום קעניג פון אמורי, פון וועמעס מלחמה מיט די אידען ער, דער שרייבער פון חומש, דערצעהלט דארטען אין זעלבינען קאפיטעל.

קולט- און רעליגיעזע געזאַנגען

אינהאלט:

דער געזאַנג פון אַרון
די ברכה פון כהן
שלמה׳ם געזאַנג פון חנוכת הבית
חנה׳ם תפלה

אלגעמיינע איינפיהרונג.

אין דער אוראַלטער צייט האבען אידען קיין ספּעציעל רעליגיעזע לידער ניט געהאט, מחמת דאָס גאַנצע לעבען איז דעמאָלט געווען רע־ליגיעז. דער ריז שמשון איז א „נזיר צו גאָט", און די גבורה וואָס ער בעווייזט אין שלאָגען די פּלשתים, וועלכע האָבען איהם געשטערט אין זיינע ליבעס־פּערהעלטניסע, איז נור מיט „יהוה'ס גייסט", וואָס בע־הערשט איהם. די מלחמות, וועלכע אידען פיהרען, הייסען „די מלחמות פון יהוה". גאָט איז בכלל ניט געווען דעמאָלט אויפ'ן זיבעטען הי־מעל, נור האָט געוואוינט צווישען זיינע מענשען אויף דר'ערד. אלע אי־דישע לידער פון יענער צייט זיינען דערום אין א געוויסען זין געווען רעליגיעזע לידער.

אויב אידען אין יענע צייטען זיינען אלע מאָל און אומעטום גע־ווען ענג פערבונדען מיט גאָט, האָט זיך אָבער אָט די פערבינדונג זיי־ערע אם שטאַרקסטען אויסגעדריקט אין די מאָמענטען פון קולט, פון גאָט'ס־דינסט, אין א געוויסען הייליגען אָרט. דער קולט ביי אידען, ווי ביי אלע אנדערע פעלקער אין דער אלטער צייט, איז בעשטאַנען אין געוויסע האנדלונגען. מ'פלעגט ברייגגען אלערליי קרבנות און דורכ־פיהרען פערשידענע צערעמאָניעס. ביי אָט די גאָט'ס־דינסטליכע צע־רעמאָניעס פלעגען אידען פון די עלטסטע צייטען אָן זינגען און שפּי־לען לידער.

פון אָט די אלטע קולט־לידער זיינען אונז גאַנץ ווייניג דערהאַלטען געבליבען. שפּעטער האָט זיך פון'ם קולט־ליד ענטוויקעלט דער רעלי־גיעזער ליד, אין וועלכען דער פרומער איד האָט ביחידות אָדער צו־זאמען מיט נאָך אנדערע פרומע אויסגעדריקט זיינע רעליגיעזע געפיה־לען און שטימונגען. דער רעליגיעזער ליד איז ניט געשאַפען געוואָרען דוקא צום זינגען, ווי דער קולט־ליד, נור אָפט אויך צום לעזען אליין. ער האָט אויך קיין שייכות ניט געהאט מעהר צום הייליגען אָרט און צו דער פּריסטערליכער צערעמאָניע, נור איז געווען דער אויסדרוק

פונ'ם אינערליכען לעבען פון דעם איינצעלנעם אידען. אין פארליעגענ־דען בוך האבען מיר דריי עלטערע קולט־געזאנגען און איין רעליגיעז־לי־רישען געזאנג, „חנה'ס תפלה". די ביבעל ענטהאלט א גרעסערע זאמלונג פון אזוינע רעליגיעז־לירישע געזאנגען אין „תהלים".

דער געזאַנג פון ארון.

און עס איז געווען, ווי דער ארון האָט זיך גערירט, פלעגט משה זאָגען :

שטעה אויף, יהוה,
און דיינע פיינד זאָלען צוטריבען ווערן!
און דיינע שונאים זאָלען צולויפען!
(פון דיין פנים) 1).

און ווי ער האָט זיך אָבגעשטעלט, פלעגט ער זאָגען :

קעהר צוריק, יהוה,
צו די צעהנטויזענדע פון די שבטים2) פון ישראל!

(במדבר י 35, 36)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

די ערשטע דריי פערזען פלעגען אידען זינגען אין די אוראלטע צייטען, ווען זיי פלעגען טראגען דעם ארון אין שלאכטפעלד, די לעצטע צוויי פערזען, ווען מ׳פלעגט איהם אוועקשטעלען צוריק אין היילינטום.

דער ארון איז געווען הייליג ביי אידען אין יענער צייט, ניט מחמת אין איהם זיינען געלעגען די לוחות, ווי די שפּעטערדיגע טראדיציע פון דער ביבעל דערצעהלט, נור ווייל זיי האָבען דעמאָלט געגלויבט, אז וואו דער ארון געפינט זיך, דאָרטען איז אויך יהוה אנוועזענד. עס הייסט, דער ארון אז און פאר זיך איז פאר זיי געווען א הייליגע זאך. זיי פלעגען איהם דערפאר מיטנעהמען אויפ׳ן שלאכטפעלד, כדי צו זיין זיכער, אז יהוה וועט זיי העלפען צושלאָגען דעם פיינד. אָט אזוי האָ־

בען אידען אין דער צייט פון עלי הכהן געבראכט דעם ארון אין קריגס־לאגער אין א מלחמה געגען די פלשתים, ווי ס'איז געשילדערט אין שמואל א (קאפ. ד). אויך אין שאול'ס ערשטער מלחמה געגען די פלשתים איז דער ארון געווען אויפ'ן מלחמה־פלאץ (שמואל א, י"ד 18). ווען מיר לעזען אט דאס פרימיטיווע לידעל שפירען מיר נאך די הייליגע, נאאיווע בעגייסטערונג, וואס אידען פלעגען פיהלען אין יענע אוראלטע צייטען, ווען זיי פלעגען געהן אין שלאכט מיט'ן בע־וואוסטזיין, אז זייער גאט געהט זיי פאראויס און צושלאגט זייערע פיינד.

נאכדעם ווי שלמה האט אריינגעשטעלט דעם ארון אין בית המקדש אויפ'ן בארג ציון, האט מען איהם, ווי עס שיינט, מעהר פון דארטען ניט ארויסגעטראגען. דאס לידעל מוז אלזא שטאמען נאך פון פאר שלמה'ס צייט.

די ברכה פון כהן.

און יהוה האָט צו משה׳ן אזוי גערעדט: רייד אזוי צו אהרן און צו זיינע זיהן: אזוי זאָלט איהר בענטשען די קינדער פון ישראל, זאָגט צו זיי:

בענטשען זאָל דיך יהוה און דיך בעהיטען!
אַ ליכטיג פנים זאָל יהוה דיר ווייזען און דיך לייטזעליגען!
אויפהייבען זאָל יהוה זיין פנים צו דיר און מאַכען דיר פרידען!

און זיי זאָלען ארויפטאָן מיין נאָמען אויף די קינדער פון ישראל און איך וועל זיי בענטשען[3].

(במדבר ו 22—27)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

דער פערפאסער פון אַט דער ברכה איז וואהרשיינליך געוועזן א כהן, וועלכער האָט געפיהרט א פרומען, עניוות׳דיגען לעבען אין א הייליגען אָרט, דען ס׳איז ניטאָ אין דער ברכה קיין שפור פון שטאַלצקייט און נאַציאָנאַלער גרויסקייט. ער האָט זיך אויך ווייניג געקימערט וועגען פאָליטישען לעבען פון זיין צייט, ווארים ס׳איז ניטאָ אין דער ברכה קיין רמז אויף׳ן נאַציאָנאַלען און פאָליטישען לעבען פון וואָסער עס איז פעריאָדע אין דער אַלטער אידישער פערגאַנגענהייט.

דער דאָזיגער כהן האָט בעזעסען אין א הויכען גראַד די קונסט פון וואָרט. די ברכה איז אויסגעדריקט אין א שענער ריטמישער פאָרם און מאַכט דעריבער א זעלטענעם איינדרוק אויפ׳ן אויער פון דעם הערער. זי ענטהאלט אין גאַנצען פופצעהן ווערטער (אין אָריגינאַל) און בעשטעהט פון דריי בעזונדערע שפּרוכען. איטליכער שפּרוך איז צוטיילט אין צוויי העלפטען, און אין אלע דריי שפּרוכען ענטהאלט די

ערשטע העלפט גאט'ס נאמען און איז גרעסער פאר די צווייטע העלפט. די שפרוכען ווערן וואס ווייטער אלץ גרעסער מיט צוויי ווערטער (אין אריגינאל). דער ערשטער שפרוך בעשטעהט פון דריי ווערטער, דער צווייטער פון פינף און דער דריטער פון זיבען, אזוי אז די ווערטער האבען זיך געגאסען פון כהן'ס ליפען אויף דער פערזאמעלטער געמיינדע ווי וואסער פון א קוואל, וואס ווערט אלץ שטארקער און שטראמי-גער.

שלמה'ס געזאַנג פון חנוכת הבית.

דעמאָלט האָט געזאָגט שלמה:

די זון האָט ער אין הימעל געשטעלט,[4]
יהוה האָט געזאָגט ער וועט אין טונקעלקייט וואוינען.
געבויט האָב איך אַ הויז, א וואוינונג פאַר דיר,
אַן אָרט פאַר דיר אויף אייביג צו וואוינען.

(מלכים א, ח 12, 13)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

אין דעם געזאנג דערקלערט שלמה, אז יהוה האָט אריינגעשטעלט די ליכטיגע זון אין הימעל, אָבער ער גופא האָט זיך אויסגעקליבען צו וואוינען אין טונקעלקייט. אין יענער אַלטער צייט האָבען זיי געגלויבט, אז יהוה בעווייזט זיך אין א פינסטערן וואָלקען. ווען ער האָט זיך ענט־פּלעקט אויפ'ן בארג סיני, איז דערצעהלט אין דער סדרה „יתרו", זיי־נען געווען דונערן און בליצען און אַ שווערער וואָלקען אויפ'ן בארג. דאָס פאָלק איז געשטאַנען פון ווייטען, נור משה אליין איז צוגעגאנגען נאָהנט צום געדיכטען וואָלקען וואו גאָט איז געווען (שמות י"ט 16; כ 21). א תהלים־זינגער זאָגט אויף יהוה, אז „ער נייגט דעם הימעל און נידערט אראָב און אַ געדיכטער וואָלקען איז אונטער זיינע פיס" (תהלים י"ח 10). שלמה דערקלערט דערפאַר, אז ער האָט געבויט א הויז, וואו יהוה זאָל אויף אייביג וואוינען לויט זיין נאַטור אין דער טונקעל־קייט, דען דער „דביר" אָדער „קדש הקדשים" איז געווען א פינסטערער קאַמער, וואו קיין שטראַהל פון ליכטיגקייט האָט זיך ניט געקאָנט אריינ־שפּארען.

אין דער צייט פון ערשטען בית־המקדש איז ביי אידען זעהר פער־שפּרייט געווען דער דינסט פון שמש, דעם גאָט פון דער זון ביי די סע־

מיטישע פעלקער. יאשיהו האט צובראכען די בראנזשענע פערד און רייטוועגען פונ׳ם גאט שמש, וועלכע זיינען געשטאנען אין ארייננאנג פון בית־המקדש אין ירושלים (מלכים ב, כ״ג 11). יחזקאל שילדערט ווי פינף און צוואנציג אידען שטעהען אין ארייננאנג פון בית־המקדש און בוקען זיך צום גאט פון דער זון (יחזקאל ח 16). דאס פאלק האט, ווי עס שיינט, בעטראכט „שמש" און „יהוה" אלס צוויי גאטהייטען, וועלכע שליסען זיך געגענזייטיג אויס; מחמת איינער וואוינט אין בלישצענדיגען הימעל און דער אנדערער אין א פינסטערן וואלקען. דערפאר האט שלמה דערקלערט אין זיין חנוכת־הבית־געזאנג, אז יהוה גופא האט עס אריינגעשטעלט די ליכטיגע זון אין הימעל, כאטש ער גופא וויל וואוינען נור אין דער טונקעלקייט. דאס פאלק זאל דערום ניט דינען דעם זון־גאט שמש ווי די שכנים־פעלקער ארום, ווארים „יהוה" און „שמש" זיינען איין און דיזעלביגע זאך.

ווען מען פערגלייכט אט דאס קורצע לידעל, וואס שטאמט נאך פון שלמה׳ם צייט, מיט דער לאנגער תפלה, וועלכע ווערט אויך צוגעשריבען שלמה׳ן, אבער איז באמת פערפאסט געווארען שוין ניט לאנג פאר׳ן ערשטען חורבן, ארום פיער הונדערט יאהר נאך שלמה׳ן, זעהט מען דעמאלט דעם געוואלדיגען פארטשריט וואס אידען האבען געמאכט אין זייער השגה פון גאט אינ׳ם משך פון אט די עטליכע הונדערט יאהר. אין דער תפלה הייסט עס שוין ניט מעהר, אז יהוה וואוינט אין דער טונקעלקייט. ער וואוינט איבערהויפט אין ערגעץ ניט אויף דר׳ערד, ער איז פול איבעראל. אפילו אלע הימלען זיינען ניט גענוג אויפצוהאל־טען זיין געטליכע מאיעסטעט, א פשיטא שוין א געבויטע הויז. דער בית־המקדש איז לויט דער תפלה בלויז אן ארט וואוהין אידען זאלען שיקען זייערע תפלות אין שלעכטע צייטען, און יהוה וועט פון די אויי־בערסטע הימלען צוהערען זייער געבעט און זיי מוחל זיין די זינד.

שלמה׳ס געזאנג און שלמה׳ס תפלה, וועלכע שטעהען אין ספר מלכים איינע ביי די אנדערע, זיינען זעהר אינטערעסאנט פאר איטלי־כען, וואס וויל שטודירען די ענטוויקלונג פון דעם רעליגיעזען געדאנק ביי אידען אין דער עלטערער ביבלישער צייט.

חנה׳ס תפלה.

אונ חנה האָט תפלה געטאָן און געזאָגט:

עס פרעהט זיך מיין האַרץ מיט יהוה,
מיין האָרן איז דערהויבען דורך מיין גאָט[5]
ברייט עפענט זיך מיין מויל געגען מיינע פיינד,
דען איך פרעה זיך מיט דיין הילף.
ניטאָ אַזאַ הייליגער ווי יהוה,
ניטאָ קיין אַנדערער אויסער דיר[6].
און ניטאָ קיין פעלז ווי אונזער גאָט.[7]
רעדט ניט פיעל קיין הויכע רייד,
זאָל ניט אַרויס קיין האָפערדיגעס פון אייער מויל,
וואָרים יהוה איז אַ גאָט פון וויסען,
און ביי איהם זיינען געוואויגען די מעשים[8].
דער בויגען פון גבורים ווערט צובראָכען,
און געשטרויכעלטע גורטען זיך אָן מיט קראפט.
זאטע פערדינגען זיך פאר ברויט,
און הונגעריגע הערען אויף אַרבייטען[9].
אָן עקרה האָט געבוירען זיבען[9],
און די פון פיעל קינדער טרויערט.
יהוה מאַכט טויט און לעבעדיג,
מאַכט נידערען אין שאול[10] און ברייגנט ארויף.
יהוה מאַכט אָרים און רייך,
דערנידעריגט און אויך דערהייבט.
פון שטויב הייבט ער אויף דעם אָרימאַן,
פון מיסט דערהייבט ער דעם אביון,
צו זעצען זיי מיט פירסטען,
און ער שענקט זיי אַ טראָן פון עהרע:
דען צו יהוה געהערען די זיילען פון דער ערד,

און ער האָט אויף זיי געשטעלט די וועלט.
די פיס פון זיינע פרומע היט ער,
און רשעים — אין פינסטערניש געהען זיי אונטער,
ווארים ניט מיט כוח זיגט אַ מענש:
יהוה צושמעטערט זיינע פיינד,[11]
דער העכסטער אין הימעל צוברעכט זיי.[12]

יהוה וועט משפטין די ענדען פון דער ערד,
וועט געבען מאַכט זיין קיניג,
און וועט דערהייבען דעם האָרן פון זיין משיח[13].

(שמואל א, ב 1—10)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

חנה׳ס געזאנג האָט קיין שום שייכות ניט צו דער פערזאָן פון חנה׳ן און צו די אומשטענדען פון איהר לעבען. אַ שפּעטערדיגער איבערשרייבער פון ספר שמואל האָט אַט דעם רעליגיעזען ליד צוגעשריבען חנה׳ן, דער מוטער פון שמואל הנביא, אלס איהרע אַ תפלה, בלויז צוליב דעם וואָס עס ווערט געזאָגט דערין, אַז גאָט קאָן מאַכען, אַז אַן עקרה זאָל געבוירען פיעל קינדער, אַ זאַך וואָס, לויט ווי עס ווערט דערצעהלט אין ספר שמואל, האָט עס אויך פּאַסירט מיט חנה׳ן.

חנה׳ס געזאנג איז ריינע רעליגיעזע ליריק, דער אויסדרוק פון רעליגיעזען געפיהל אין מענשען, זיין פרייד מיט גאָט און זיין בעוואונדערונג פאַר גאָט׳ס הייליגקייט און גרויסקייט. די געלעגענהייט וואָס האָט פעראורזאַכט דעם פּאָעט צו שאַפען זיין ליד איז אַ נצחון, וואָס אידען האָבען אַבגעהאַלטען איבער זייערע פיינד און וואָס האָט געבראַכט אַן איבערקעהרעניש אין גאַנצען לעבען אַרום. דאָס איז אַלזאָ אַ נצחון־געזאנג, אָבער דער סטיל און דער טאָן איז ניט ווי פון די „געזאנגען פון קריג און נצחון" פון דער עלטערער צייט, נור ווי פון די שפּעטערדיגע פרומע תהלים־לידער, צו וועלכע אויך אָט דער געזאנג געהערט. נישט

די גבורה פון מענשען ווערט דאָ בעזונגען פון דעם פּאָעט, נור זיין בטחון אין גאָט; וואָרים ניט דורך כוח איז מעכטיג א מאן. דוקא דער בויגען פון די שטארקע ווערט צוברּאָכען, און די געשטרויכעלטע גורטען זיך אָן מיט קראפט. אויך אין די נצחון־געזאנגען פון דער עלטערער צייט העלפט גאָט אידען אין זייערע מלחמות געגען זייערע פיינד, אָבער יענער גאָט איז אַ גאָט פון מלחמה, בעת דער גאָט פון חנה'ס געזאנג איז א הייליגער און אליץ־וויסענדער, וועלכער וועגט די מעשים פון דעם מענשען. דערום איז ער דער גאָט פון משפט איבער אלע זינד פונ'ם מענשען, בפרט איבער די שווערסטע זינד: די העזה'דיגע גאוה פון דער בעשעפעניש געגען איהר בעשעפער. און ווייל גאָט איז אלמעכטיג, דערום איז ער בכוח צו שטראָפען ; אין זיין האַנד ליגט דער שיקזאל פון די מענשען.

אַט דעם געדאנק פיהרט דורך דער פּאָעט מיט אילוסטראציעס פון לעבען, שטעלענדיג איינס געגען דאָס אנדערע, ווי דער רייכער ווערט אָרים און דער אָרימער רייך, און אַזוי ווייטער.

קלאָג־לידער

אינהאלט:

דוד'ם קלאג־ליד אויף שאול און יהונתן
דוד'ם קלאג־ליד אויף אבנר'ן

דוד'ס קלאָג־ליד אויף שאול און יהונתן.

און דוד האָט געקלאָגט דעם דאָזיגען קלאָג-ליד אויף שאול און אויף זיין זוהן יהונתן. דאָס שטעהט געשריבען אין „ספר הישר", אום צו לערנען די קינדער פון יהוה. און ער האָט געזאָגט: 1)

אויף דיינע בערג, ישראל,
ליעגט די צירונג דערשלאָגען!
ווי זיינען די העלדען געפאלען!

זאָגט עס ניט אין גת,2)
ברייננגט ניט די בשורה אין די גאַסען פון אַשקלון,2)
טאָמער וועלען זיך פרעהען די טעכטער פון די פלשתים,
טאָמער וועלען יובלען די טעכטער פון די ערלים!

בערג פון גלבע! ניט קיין טוי,
און ניט קיין רעגען אויף אייך, פאלשע פעלדער!3)
ווייל דאָרטען איז בעשמוצט געוואָרען דער פאַנצער פון גבורים.
איז ניט שאול'ס פאַנצער ווי מיט אויל געזאלבט
פון בלוט פון דערשלאָגענע, פון פעטס פון גבורים?
יהונתן'ס בויגען האָט זיך ניט געצויגען צוריק,
און שאול'ס שווערד האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט ליידיג.
אין לעבען ווי אין טויט האָבען זיי זיך ניט צושיידט:
שאול און יהונתן, די ליבע און די טייערע,
פאר אדלערס זיינען זיי געוועזען פלינקער,
פאר לייבען זיינען זיי געוועזען שטאַרקער.

טעכטער פון ישראל, אויף שאול'ען וויינט,
וואָס האָט אייך געקליידט אין פורפור און ליין,(4
וואָס האָט ארויפגעטאָן גאָלדענע צירונג אויף אייער געוואנד!
ווי זיינען גבורים געפאלען אין מיטען קאמף!

יהונתן ליעגט טויט אויף דיינע בערג!
עס טוט מיר וועה אויף דיר, מיין ברודער יהונתן!
ביזט מיר זעהר ליב געוועז,
דיין ליבע צו מיר איז געוועזן וואונדערליכער
ווי די ליבע פון פרויען!

ווי זיינען געפאלען גבורים,
און עס זיינען צו נישט געוואָרען די געוועהר פון מלחמה!

(שמואל ב, א 17—27)

ערקלערונג.

דוד'ס קלאָגליד אויפ'ן טויט פון שאול און יהונתן צייכענט זיך אוים מיט דעם טיפען מענשליכען געפיהל און דעם שטארקען פערזענליכען שמערץ, וועלכע זיינען אויסגעדריקט דערין אין אן איינפאכער און דאך אזא שעהנער פאָרם. די צארטע, וועהמאגדיגע שטימונג פונ'ם זינגער בעהויכט דעם גאנצען ליד. א בעזונדערע שעהנקייט פונ'ם ליד ליעגט אין פאַרשטעלען די בערג פון גלבע און די געוועהר פון מלחמה אלס לעבעדיגע בעשעפענישען, עפּעס ווי זיי וואָלטען שולדיג געוועזן אינ'ם טויט פון שאול און יהונתן, און אין ריידען צו אלעמען אין דער צווייטער פערזאָן, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך אלע געפונען ארום איהם: די בערג, די אנזאגער, די טעכטער פון ישראל און די געפאלענע העלדען.

דער ליד לויט זיין גאנצען אינהאלט פאסט זיך צו זיין פערפאסט פון קיין אנדערן ניט ווי פון דוד'ן גופא, און עס ווייזט אויף די געוואלדיגע, רייכע פערזענליכקייט פון דוד'ן, וועלכער איז געוועזן ניט

בלויז א גבור און אן עראָבערער, נור אויך א „דיכטער פון גאָטעס גנאַ־דען".

די קאָמפּאָזיציע פון דעם געזאַנג.

דוד'ס קלאָג־ליד אויף שאול און יהונתן צופאַלט אין זיבען סטראָ־פעס. די ערשטע סטראָפע בעקלאָגט די מפּלה פון דעם אידישען חיל, וועלכער ווערט בעצייכענט פונ'ם זינגער אלס די צירונג פון ישראל. ווי־פיעל רייכע האָפנונגען, וויפיעל טיפע שמערצען ליעגען אין אָט דעם אויסדרוק! די יונגע קאמף־פעהיגע מענער זיינען אומעטום די „בליהונג" פון פאָלק. און דאָ האָט זיי דער מלחמה־שטורם אומגעבראכט, אזוי פריה, נאָך אין אייגענעם לאנד, איידער זיי האָבען נאָך בעטראָטען דעם פרעמ־דען באָדען. אָבער נאָך העכער ווי דאָס וועהגעשריי פון די פרויען פון זיין געליבטען פאָלק קלינגט דעם זינגער אין אויער דער נצחון־געזאַנג פון דעם שונא אין דער צווייטער סטראָפע. ער ווינשט זיך, אז די טעכטער פון די פלשתים זאָלען דערפון נישט ערפאהרען. אין דער דריטער סטראָפע שילט ער די בערג פון גלבע, זיי זאָלען אויף אייביג פערטרי־קענט בלייבען, אזוי ווי דאָס וואָלט זייער שולד געווען. נאָכדעם ווי אין דער פירטער סטראָפע ווערן שאול און יהונתן צוזאַמען פערהערליכט, בעזינגט די פינפטע סטראָפע דעם קעניג אליין, זיינע גרויסע נצחונות, וועלכע פלעגען איהם איינברייגנגען אזויפיעל רויב, און זיין נדבנות, ווען ער פלעגט שענקען צו די אידישע טעכטער פראכטיגע מלבושים און גאָל־דענע תכשיטים פון דעם שונא'ס לאנד. די זעקסטע סטראָפע איז דער קלימאקס, דער העכסטער פונקט, פונ'ם ליד, וואָס ווערט דערגרייכט פאר'ן ענד. דאָ ברעכט זיך דורך דאָס פערזענליכע געפיהל פונ'ם זינ־גער. ער זוכט א פאסענדען אויסדרוק פאר זיינע געפיהלען פון פריינד־שאפט. ער ענדיגט אבער ניט מיט דעם קלימאקס, נור זעצט צו אן אלגעמיינע זיבעטע סטראָפע, וועלכע קעהרט זיך ווידער צוריק צו דער ערשטער סטראָפע און קלינגט אויס אין א קלאָג איבער די פערניכטונג פון די גבורים און די געוועהר פון מלחמה.

דוד'ס קלאָג־ליד אויף אבנר'ן.

און דער קיניג האָט געקלאָגט אויף אבנר'ן און געזאָגט:

זאָל אבנר שטאַרבען מיט אַ טויט פון אַ שאַלקהאַפטיגען?
דיינע הענד זיינען ניט געבונדען געוועזן,
און דיינע פיס ניט אין קייטען געשמידט:
ווי מ'פאַלט פאַר פערברעכער ביסטו געפאַלען!

און דאָס פאָלק האָט נאָך מעהר געוויינט אויף איהם.

(שמואל ב, ג 33, 34)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

אין דעם קלאָג־ליד אויף אבנר'ן דריקט אוים דוד זיין אויפריכטי־געם בעדויערען וואָס אבנר איז געפאַלען דורך אַ פערברעכערישע האנד, ניט דערמאָנענדיג אויסדריקליך דעם נאָמען פון דעם פערברעכער, יואב'ן. אויך דער קלאָג־ליד, אָדער פיליכט דער פראַגמענט פונ'ם קלאָג־ליד, אויף אבנר'ן טראָגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון דוד'ס פערזענליכקייט, און ס'איז קיין גרונד ניטאָ צו צווייפלען, אז דאָס איז דוד'ס אן אייגענע פערפאַסונג.

ברכות, קללות און נבואות

אינהאלט:

נח'ס ברכה און קללה

די נביאות אויף יעקב און עשו

יצחק'ס ברכה און קללה

יעקב'ס ברכה

משה'ס ברכה

בלעם'ס ברכות און נבואות

אלגעמיינע איינפיהרונג.

אין חומש געפינען זיך א סך ברכות, קללות און נבואות אויף פעל־קער און שבטים אריינגעלעגט אין מויל פון א פאטריארך אדער א לע־גענדארער פערזאן פון דער אלטער צייט. עס פערשטעהן וויסענשאפט־ליך הייסט, אז ניט יצחק, יעקב, בלעם און משה זאגען פאראויס ווי אי־דען וועלען לעבען עטליכע הונדערט יאהר נאך זייער טויט, נור א אי־דישער פאלקס־פאעט אין א שפעטערדיגער תקופה, ווען אידען זיינען שוין לאנג געזעסען אין ארץ ישראל, שילדערט די צושטענדע פון זיין צייט אין דער פארם פון א ברכה, א קללה אדער א נבואה ארויסגעזאגט פון א מאן אין דער אוראלטער פערגאנגענהייט.

דער פרומער איד גלויבט נאך היינט אויך אין דער מאכט פון אן אויסשפרוך פון געוויסע פערזאנען. נאך היינט לאזט מען זיך בענטשען פון אן אלטען זיידען, א רבי'ן, אדער גלאט א צדיק, און מ'דערקלערט געוויסע צושטענדע אלס א רעזולטאט פון אזא ברכה אדער קללה. אין אידישע שטעדטלעך געהען נאך ארום ביז איצט א סך אזוינע לעגענ־דעס. למשל, די און די שטעדטעל ברענט קיינמאל ניט, ווייל א צדיק האט איהר אמאל געבענטשט, אז קיין פייער זאל איהר קיינמאל ניט שא־דען. דער און דער פריץ איז געשטארבען מיט א שלעכטען טויט, ווייל דער אלטער רב פון שטעדטעל האט איהם פערשאלטען איבער זיין רשעות.

אין דער אוראלטער צייט איז אט דער גלויבען נאך פיעל שטארקער געווען. וואס א פאטריארך אדער א געטליכער מאן (איש האלהים) זאגט ארויס פון זיין מויל, האבען זיי דעמאלט געגלויבט, מוז מקוים ווערן. אידישע פאעטען האבען דערום דערקלערט די פאליטישע און עקאנאמי־שע צושטענדע פון שבטים און גאנצע פעלקער אלס א רעזולטאט פון אזוינע ברכות אדער קללות. למשל, ארץ ישראל, דאס לאנד פון יעקב'ס קינדער, איז פרוכטבאר און אידען זיינען פאליטיש שטארק, ווייל יצחק האט געבענטשט יעקב'ן מיט מאטעריעלער רייכקייט און פאליטישער

מאכט; און אדום דאגעגען, דאס לאנד פון עשו'ס קינדער, איז אונ־
פרוכטבאר און די אדומים זיינען אונטערוואַרפען אונטער די אידען,
וייל יצחק האט אזוי געוואונשען עשו'ן, און אזוי ווייטער.

מיר מוזען אלזא האלטען אין זינען, אז די ברכות און קללות זיינען
פאעטישע שילדערונגען פון דער צייט און דער סביבה, אין וועלכער דער
פאעט האט געלעבט. דער פאעט האט דא געהאט צו טאן אויסשליסליך
מיט זיין געגענוואַרט. די דאזיגע פאעמען האבען דעריבער ניט נור א
ליטעראַרישען ,נור אויך א היסטאַרישען ווערט, מחמת זיי גיבען אונז
א בילד פון אידישען לעבען אין ארץ ישראל אין פערשידענע תקופות
פון דער ביבלישער היסטאַריע.

נח׳ס ברכה און קללה.

און ער האָט געזאָגט:

פערשאָלטען זאָל כנען זיין
אַ קנעכט פון קנעכט
זאָל ער זיין ביי זיינע ברידער!

בענטש, יהוה, שם׳ס געצעלטען,1)
און כנען זאָל זיין אַ קנעכט ביי איהם!2)

געראם זאָל גאָט מאַכען יפת׳ן,3)
און ער זאָל וואוינען אין שם׳ס געצעלטען,4)
און כנען זאָל זיין אַ קנעכט ביי איהם!2)

(בראשית ט 26—28)

ערקלערונג.

לויט דעם געזאנג האבען נח׳ס זיהן געהייסען: שם, יפת און כנען. די שפּעטערדיגע זאגע האָט געמאכט כנען׳ען פאַר אַ זוהן פון חם׳ען. די דאָזיגע זיהן נח׳ס שטעלען פאַר פעלקער. שם שטעלט פאַר אידען, כנען שטעלט פאַר די כנענים, די אוראיינוואוינער פון ארץ ישראל, וועלכע זיינען אונטערוואָרפען געוואָרען פון אידען. וואָס פאַר אַ פאָלק יפת שטעלט פאַר איז אונבעשטימט. מאנכע נעהמען אָן, אז ער שטעלט פאַר די פלשתים, מאנכע בעהויפּטען, אז ער שטעלט פאַר די פהעניציער, די כנענים פון צור און צידון.

שם האָט אונטערוואָרפען כנען און הערשט איבער איהם. יפת האָט זעהר אויסגעשפּרייט זיין מאכט, אזוי אז ער וואוינט אין די גע־

צעלטען פון שם („און ער זאל וואוינען אין די געצעלטען פון שם“ בע־ציהט זיך אויף יפת'ן, ניט אויף גאט) ; עס הייסט, יפת האט פערנו־מען אידישע טעריטאריע. אזוי ווי מ'קאן ניט פעסטשטעלען וואס פאר א פאלק דער פאעט האט בעצייכענט מיט'ן נאמען יפת, איז דעריבער אונמעגליך צו שליסען פון דעם אינהאלט פון ליד אויף וועלכע צייט און וועלכע היסטארישע פאסירונגען ער בעציהט זיך.

א שפעטערדיגער שרייבער פון חומש האט אונטער די נעמען פון נח'ס זיהן גרופירט אלע פעלקער, וועלכע זיינען דעמאלט בעקאנט געוועזן (בראשית קאפ. י), דער פאעט פונ'ם ליד האט אבער געמיינט איינצעלנע פעלקער, ניט קיין פעלקער־גרופען.

די בעלי־אגדה האבען דערקלערט די לעצטע צוויי שורות אויף פאל־גענדען אופן : „געראם זאל גאט מאכען יפת'ן,“ דאס בעציהט זיך אויף כרש מלך פרס וואס האט געלאזט בויען דעם צווייטען בית המקדש, אין וועלכען די שכינה האט ניט גערוהט ; „און ער זאל וואוינען אין די געצעלטען פון שם“, דאס בעציהט זיך אויף שלמה'ן, וועלכער איז געוועזן פון שם'ס קינדער און וואס אין דעם בית המקדש וואס ער האט געבויט האט די שכינה יא גערוהט. אנדערע בעלי־אגדה האבען גע־זעהן דערין א רמז אויפ'ן תרגום השבעים, אויף שם'ס תורה, וואס וועט איבערזעצט ווערן אין יפת'עס שפראך, אין גריכיש (זעה אויבען זייט 31). דורך אט דעם מדרש זיינען „שם'ס געצעלטען“ (אהלי שם) און „יפת'עס שענקייט“ (יפיפותו של יפת) געבליבען פאפולער ביי אונז אלס סימבאלישע בעצייכנונגען פאר אידישע תורה און אייראפייאישע קולטור.

די נביאות אויף יעקב און עשו.

און יהוה האָט געזאָגט צו איהר:

צוויי פעלקער זיינען אין דיין לייב,
און צוויי נאַציאָנען וועלען זיך
פון דיינע אינגעווייד צושיידען.
און איין נאַציאָן וועט בעוועלטיגען
די אַנדערע נאַציאָן,
און דער עלטערער וועט דינען דעם אינגערן.

(בראשית כ"ה 23)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

דאָס לידעל האָט די פאָרם און דעם סטיל פון א נביאות, אן אָראַקעל, וואָס א כהן פלעגט געבען אין א געווויסען היילינגען אָרט צו די וואָס פלעגען קומען פרעגען וועגען דער צוקונפט. אלע פעלקער אין דער אַלטער צייט האָבען געהאַט אזעלכענע אָראַקעלס, צוקונפט־טרעפער, און דער כהן איז עס געווען דער, וואָס האָט געוואוסט ווי דעם אָראַקעל צו געברויכען. ווען רבקה אין איהר שוואַנגערשאַפט האָט געפיהלט שמערצען, איז זי געגאַנגען פרעגען וועגען דעם יהוה׳ס אָראַקעל, און דער כהן האָט איהר דערקלערט, אז פון די צוויי קינדער, וועלכע זי טראָגט אין איהרע אינגעווייד, וועלען ארויסקומען צוויי בעזונדערע נאַציאָנען, וואָס וועלען קעמפען איינע מיט די אַנדערע, ביז דער עלטערער וועט אונטערוואָרפען ווערן אונטער דעם אינגערן.

מיר זעהען דערפון, אז אן אראַקעל אין די אלטע צייטען ביי אידען פלעגט געגעבען ווערן אין א פּאָעטישער פאָרם. דער כהן פלעגט זאָגען א פּאָעטישען זאץ, וועלכער האָט ענטהאַלטען אן ענטפער אויף די

פראַגע אין אַן אונקלאָרער פאָרם און אַ געהיימניספולען טאָן. (אויך דער גריכישער אָראַקעל אין דעלפי פלעגט געבען ענטפערס אין אַ פּאַעטישער פאָרם).

אַט דער אָראַקעל־ליד איז געשאַפען געוואָרען אין דער צייט, ווען די אדומים, די קינדער פון עשו, זיינען שוין געווען אונטערוואָרפען אונטער אידען, די קינדער פון יעקב, און ער דערקלערט דעם דאָזיגען צושטאַנד, די הערשאַפט פון אידען איבער אדום, פון אַט דעם אָראַקעל. שוין אין דער אורצייט זאָל יהוה האָבען געזאָגט צו דער מוטער פון דער דאָזיגע צוויי פעלקער, אַז כאָטש זיי זיינען קינדער פון איין טאַטע־מאַמען, עס הייסט: אידען און אדומים זיינען אַזוי נאָהנט פערוואַנדט און אַזוי עהנליך איינע צו די אַנדערע, דאָך וועלען זיי זיך צושיידען אין בעזונדערע פעלקער און דער עלטערער וועט בעהערשט ווערן פון איינ־גערן. עס הייסט: די אדומים וואָס זיינען אַן עלטערע פאָלק פאַר אידען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין זייער לאַנד, שעיר, פריהער איידער אי־דען אין זייער לאַנד, כנען, וועלען זיך נאָכהער מוזען אונטערוואָרפען דער שטאַרקערער מאַכט פון אידען.

אדום איז אונטערוואָרפען געווען אונטער אידען פון דוד'ס צייט ביז יהורם בן יהושפט מלך יהודה. דער אָראַקעל האָט דערום געקאָנט פערפאַסט ווערען ניט פריהער ווי אין דוד'ס צייט און ניט שפּעטער ווי אין דער צייט פון יהורם מלך יהודה (שמואל ב, ח 14; מלכים ב, ח 20־23).

יצחק׳ס ברכה און קללה.

יצחק׳ס ברכה צו יעקב׳ן.

און ער האָט איהם געבענטשט און געזאָגט:

זעה, דער ריח פון מיין זוהן
ווי דער ריח פון דעם פעלד,
וואָס יהוה האָט עס געבענטשט.

און גאָט זאָל דיר געבען
פון דעם טוי פון הימעל,(5
און פון דער פעטקייט פון דער ערד,
און א סך קאָרן און וויין.

עס זאָלען דיר דינען פעלקער,
און זיך בוקען צו דיר נאַציאָנען.
זיי א האַר פאר דיינע ברידער,
און צו דיר זאָלען זיך בוקען
די זיהן פון דיין מוטער.
דיינע שילטער זאָלען זיין פערשאָלטען,
און דיינע בענטשערס זאָלען זיין געבענטשט.

יצחק׳ס קללה צו עשו׳ן.

און זיין פאָטער יצחק האָט געענטפערט און געזאָגט צו איהם:

דיין וואוינונג זאָל וויים זיין
פון דער פעטקייט פון דער ערד,(6
און פון דעם טוי פון הימעל אויבען.

און לעבען זאָלסטו פון דיין שווערד,
און דינען צו דיין ברודער.

(און עס וועט זיין ווען דו וועסט זיך לויז מאַכען, וועסטו צוברעכען זיין יאָך פון דיין האַלז).

(בראשית כ"ז 27—40)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

די ברכה צו יעקב'ן און די קללה צו עשו'ן זיינען אויך, ווי דער אָראַקעל צו רבקה'ן, געשאַפען געוואָרען אין דער צייט, ווען יהודה האָט געהערשט איבער אדום, און זיי שילדערען דעם אָרט לעבען פון די אידען און די אדומים און די נאַטור פון די לענדער וואו זיי האָבען געוואוינט. דאָס אידישע לאַנד איז פעט און פּרוכטבאַר; אידען לעבען פון ערדאַרבייט און בעהערשען פּאָליטיש זייערע שכנים ארום. דאָס לאַנד פון עשו'ן דאַגעגען, דער באַרג שעיר, איז מאַגער און אונפרוכטבאַר, די אדומים לעבען פון שווערד, פון אַנפאַלען און בערויבען די קאַראוואַנען, און זיינען אונטערוואָרפען דער אידישער הערשאַפט.

דער פאָלקס-פּאָעט דערקלערט אָט די צושטענדע אַלס רעזולטאַט פון אַ ברכה און אַ קללה, וואָס די פּאַטריאַרכען פון אָט די צוויי פעלקער האָבען בעקומען אין דער אורצייט פון זייער געמיינזאַמען פאָטער. ער האָט עס זיי אַזוי געוואונשען פאַר'ן טויט, און זיינע רייד זיינען איצטער מקוים געוואָרען.

די אַנדערע העלפט פון פּסוק 40 „און עס וועט זיין ווען דו וועסט זיך לויז מאַכען, וועסטו צוברעכען זיין יאָך פון דיין האַלז" איז צוגעשטעלט געוואָרען שפּעטער אין פּראָזאַ נאָכדעם ווי אדום האָט זיך אָבגעריסען פון יהודה אין דער צייט פון יהורם בן יהושפט. (זעה אויבען ז. 134).

יעקב'ס ברכה.

איינפיהרונג.

יעקב'ס ברכה צו זיינע זיהן איז א סעריע געזאנגען אויף די אידי־שע שבטים. איטליכער געזאנג איז א פאעטישע שילדערונג פונ'ם לעבען פון דעם בעטרעפענדען שבט אין א געוויסער פעריאדע פון דער ביבלי־שער היסטאריע. יעקב שטעלט דא פאר דאס גאנצע אידישע פאלק און זיינע זיהן שטעלען פאר די איינצעלנע שבטים.

דער סטיל פון די געזאנגען איז א געמישטער. דער פאעט שילדערט די צושטענדע פון זיין צייט, ווינקט אויך אן אויף פאסירונגען אין דער אלטער פערגאנגענהייט, וועלכע זיינען געווען בעקאנטע זאכען פאר די מענשען פון זיין צייט (ראובן, שמעון־לוי) און זאגט אויך פאראויס די צוקונפט אין א געהיימניספולען טאן (יהודה).

די געזאנגען פון יעקב'ס ברכה זיינען די איינפאכסטע, ריינסטע נאטורפאעזיע. דער פערפאסער איז געווען א נאטורפאעט, אבער קיין שפור ניט געהאט פון קיין קינסטלער. זיין פאנטאזיע זוכט ניט צו מא־לען קיין בילדער. ער מאכט נור אווארט־שפיל אויף די נעמען פון די שבטים (יהודה—יודוך; דן — ידין; גד — גדוד), אדער ער פער־גלייכט איטליכען שבט מיט א חיה אדער א פלאנצונג. אין דער פער־גלייכונג גיט ער אבער ניט קיין סימנים, קיין כאראקטער־צוגען פון דעם שבט; ער זאגט ניט, למשל, אז יהודה איז אזוי שטארק ווי א לייב, אדער אז יוסף איז אזוי פריש און זאפטיג ווי א יונגער בוים ביי א קוואל, נור גראד ארויס: א יונגער לייב איז א יהודה, א צווייג פון א פרוכטבוים איז יוסף. די פערגלייכונג איז געמאכט מיט איין מאל און דא ענדיגט זי זיך אויך.

דער פאעט האט ניט געהאט קיין שטארקען רעליגיעזען בעוואוסט־זיין. ער רעדט זעהר ווענינ וועגען גאט. דאס אידישע לעבען וואס ער שילדערט איז א ריין מאטעריעלער, אהן וואסערע שפורען פון העבערע

רעליגיעזע אינטערעסען. אַזאַ פּרימיטיווע פּאַעמע פּאַסט זיך צו זיין פערפאַסט פון אַ פּאָעט אַ פּאַסטוך, וואָס האָט זיך געלעבט אַ שטילען, איינענאַרטיגען לעבען אין אַ וועלט פון חיות און פלאַנצען און איז ניט געקומען פיעל אין בעריהרונג מיט דער ציוויליזאַציע פון זיין צייט.

דער פּאָעט שטעלט זיך אָב אַם לענגסטען ביי יהודה, וועמען ער פערגלייכט מיט'ן קעניג פון די חיות, דעם לייב. אַלע קינדער יעקב'ס בוקען זיך צו איהם, עס הייסט: אנערקענען זיין אויבערהערשאַפט. דער פּאָעט האָט לויט דעם געמוזט זיין פון שבט יהודה און האָט גע־לעבט אין דער צייט פון דוד'ן אָדער שלמה'ן, בעת אַלע אידען האָבען געהאַט אנערקענט יהודה'ס העגעמאָניע.

קומט צוזאַמען און איך וועל אייך זאָגען וואָס עס וועט טרעפען מיט אייך ביים ענד פון די טעג.

זאַמעלט זיך צונויף (און האָרכט)[7], יעקב'ס קינדער,
און האָרכט צו ישראל, אייער פּאָטער!

ראובן, מיין בכור ביסטו,
מיין כוח און דער ערשטער פון מיין קראַפט,
דער ערשטער אין שטאָלצקייט,
און דער ערשטער אין שטאַרקייט.
ביסט האַסטיג ווי אַ וואַסער,
דערום זאָלסטו ניט דער ערשטער זיין,
דען דו האָסט דיין פאָטער'ס בעט בעשטייגט,
דו האָסט דעמאָלט בלהה'ס געלעגער פערשוועכט[8].

שמעון און לוי זיינען ברידער,
געצייג פון רויב זיינען זייערע געוועהר.
אין זייערע פלענער זאָל מיין זעל ניט קומען,
מיט זייער פערזאַמלונג מיין כבוד[9] ניט פעראייניגט ווערן!

דען אין צאָרן האָבען זיי גע׳הרג׳עט מענשען,
און מיט מוטוויליגקייט קאַליעטשעט אָקסען.
פערשאָלטען זייער כעס וואָס איז שטאַרק,
און זייער צאָרן וואָס איז הארט,
וועל פערטיילען זיי אין יעקב,
און זיי צושפּרייטען אין ישראל.

יהודה, דיך לויבען דיינע ברידער, (10
דיין האַנד אויפ׳ן געניק פון דיינע פיינד,
ס׳בוקען זיך צו דיר די קינדער פון דיין פאָטער.
אַ יונגער לייב איז יהודה,
פון פערצוקונג ביסטו, מיין זוהן, אויסגעוואַקסען.
האָט געקניהט זיך, האָט געהויערט ווי אַ לייב,
און ווי אַ לייבין, ווער וועט איהם אויפהייבען! (11
עס וועט ניט אויסגעהן קיין צעפּטער פון יהודה,
און קיין הערשער-שטאָק פון זיינע פיס,(12
ביז ער וועט קומען קיין שילה,(13
און פעלקער צו איהם זיך פערזאמלען.(14
ער בינדט זיין אייזעלע צום וויינשטאָק,
און צום וויינצווייג זיין יונגע אייזעלין,
ער וואַשט אין ווייַן זיין קלייד,
און אין טרויבען-בלוט זיין ראָק.
עס פונקלען די אויגען פון וויין,
און ווייס די צייהן פון מילך.

זבולן וואוינט ביים ברעג פון ימ׳ען,(15
און ער — ביים פּאָרט פון שיפען,
און זיין רוקען איז קעגען צידון.

יששכר, אַ שטאַרק-ביינערדיגער אייזעל,

הויערט צווישען די שטאַלען.
און ער האָט געזעהן אַז רוה איז גוט,
און אַז דאָס לאַנד איז וואויל,
האָט ער געבויגען זיין רוקען פאר לאסטען,
און געוואָרען א צינז-ארבייטער.16)

דן זאָל משפט'ן זיין פאָלק,17)
ווי איינער פון ישראל'ס שבטים.
דן זאָל זיין אַ שלאַנג אויפ'ן וועג,
אַ פיפערנאָטער אויפ'ן שטעג,
וואָס ער בייסט די טריט פון פערד,
און הינטערוויילעכס פאלט זיין רייטער.

(אויף דיין הילף ווארט איך, יהוה!) 18)

גד, באַנדעס פאלען איהם אָן,19)
און ער פאלט זיי אָן פון הינטען.

אשר, זיין ברויט איז פעט,20)
און ער גיט געריכטען פאר אַ מלך.

נפתלי איז אַן אויסגעשפרייטער לינדענבוים,21)
וואָס גיט אַרויס שענע צווייגען.22)

אַ צווייג פון אַ פרוכטבוים איז יוסף,23)
אַ צווייג פון אַ פרוכטבוים ביי אַ קוואַל,
די צווייגען קלעטערען אויפ'ן וואנד.
און ביטער האָבען איהם בעקעמפט,
מיט איהם געשטריטען,24)
און איהם געהאַסט,

די פיילען-שיסער.
און זיין בויגען איז שטאַרק געבליבען,
און פלינק די אָרעמס פון זיינע הענד,
דורך די הענד פונ׳ם שטאַרקען פון יעקב,(25
דורכ׳ן נאָמען פונ׳ם פיטערער פון ישראל׳ס שטיין.(26
דורכ׳ן גאָט פון דיין פאָטער און ער וועט דיר העלפען,
און אל שדי און ער וועט דיך בענטשען,(27
די ברכות פון הימעל אויבען,
די ברכות פון תהום וואָס הויערט אונטען,(28
די ברכות פון דער ברוסט און מוטערטראכט.
די ברכות פון דיין פאָטער שטייגען אריבער
די ברכות פון די אייביגע בערג,(29
די פראכט פון די אוראלטע בערגלעך,
קומען זאָלען זיי אויף יוסף׳ס קאָפּ,
און אויפ׳ן שייטעל פון דעם נזיר(30 צווישען זיינע ברידער.

בנימין איז אַ פערצוקענדער וואָלף,
אין דער פריה עסט ער רויב,
און אין אָוועגד פערטיילט ער רויב.

אַט די אַלע זיינען די צוועלף שבטים פון ישראל און דאָס איז וואָס זייער פאָטער האָט צו זיי גערעדט.

(בראשית מ"ט 1ב — 28א)

משה'ס ברכה.

איינפיהרונג.

משה'ס ברכה צו אידען איז אויך, אזוי ווי יעקב'ס ברכה צו זיינע זיהן, א סעריע געזאנגען אויף די אידישע שבטים. אט דיביידע ברכות, איינע אריינגעלעגט פון א אידישען פאלקס־פאעט אין מויל פון דעם אלטען, שטארבענדען פאטריארך און די אנדערע אין מויל פון דעם אלטען, שטארבענדען פאלקס־פיהרער, זיינען אין אלגעמיין ענהליך איי־נע צו דער אנדערער.ביידע געהערען זיי צו דערזעלביגער זארט פאלקס־פאעזיע, און אין ביידע שפּיגעלט זיך אב דאס אידישע לעבען אין דער אלטער, גוטער צייט, ווען קיין פיינד האט נאך ניט געשטראשעט אידען מיט פערניכטונג, ווען אלעס ארום איז געווען גליקליך און פרעהליך, ווען אפילו אויפ'ן האריזאנט איז ניט געווען קיין וואלקען וואס זאל פערטונקלען דעם הימעל אוןווארפען א שאטען אויפ'ן אידישען לעבען.

כאטש אין זייערע אלגעמיינע שטריכען לעזען זיך יעקב'ס און משה'ס ברכות ווי די זעלביגע פאעמע אין צוויי פערשידענע נוסחאות, זיינען זיי אבער אין זייער אינהאלט גרונד פערשידען איינע פון דער אנדערער.

1) אין יעקב'ס ברכה פערנעהמט נאך ראובן א פלאץ צווישען די שבטים, שמעון ווערט נאך דערמאנט אלס זעלבסטשטענדיגער שבט, לוי שפּילט נאך ניט קיין ראלע אלס שבט פון גייסטליכע און יהודה האט די אויבערהערשאפט איבער'ן גאנצען פאלק, בעת אין משה'ס ברכה האלט שוין ראובן אין פערשווינדען אלס שבט, שמעון איז שוין אין גאנצען אסימילירט פון יהודה, לוי שפּילט שוין א גרויסע ראלע ביי אי־דען אלס פריסטער־שבט און די העגעמאניע אין אידישען פאלק האט ניט יהודה נור יוסף, וועלכער איז שוין דעמאלט צוטיילט געווען אין צוויי שבטים. אין „די צעהנטויזענדע פון אפרים און די טויזענדע פון מנשה".

2) משה'ס ברכה האט א פראלאג און אן עפּילאג וואו דער הויפּטגעדאנק איז דאס פערהעלטניס צווישען אידען און זייער גאט.

אויך אין די גנזאנגנגען גופא איז אָפּט בעטאָנט דער רעליגיעזער כאראק־טער פון אידישען לעבען. א שטימונג פון קריג און נצחון הערשט אויך אין משה׳ס ברכה, אבער ניט אזוי שטארק ווי אין יעקב׳ס ברכה. דאָר־טען רעדט זיך ניט פון קיין אנדער זאך א חוץ פון מלחמה און רויב; אין משה׳ס ברכה דאגעגען האָבען אידען א חוץ צו פיהרען מלחמות אויך אנדערע אינטערעסען. זיי זוכען צו געפעלען גאָט, זיי ווילען פיהרען א רוהיגען לעבען, וואוינען אין זיכערקייט, געניסען פון די פרוכטען פון לאנד און האנדלען מיט די אוצרות פון ים. דאָס לעבען איז געוואָרען פרייער און רייכער, און מענשען זיינען געוואָרען פיינער אין געפיהל און מעהר גענייגט צו א העכערער קולטור.

3) אין יעקב׳ס ברכה ווערן דריי שבטים (ראובן, שמעון, לוי) שטארק געטאדעלט, בעת אין משה׳ס ברכה ווערן אלע שבטים אָהן אן אויסנאהם געלויבט און בעזונגען. אידען פיהלען זיך שוין אלס אן איינ־הייטליכעם פאָלק, וואָס וואוינט זיכער און אונאָבהענגיג אין א לאנד פון קארן און וויין. דעם פאָעט איז ליב און טייער יעטווידער טייל פונ׳ם פאָלק. ער בענטשט דערפאר יעדען שבט און פרעהט זיך מיט זיין גליק, און ער בעט אויך ביי גאָט, אז ער זאָל קומען צו הילף יענע שבטים, וואָס געפינען זיך אין א נעדריקטער לאגע (ראובן, יהודה).

4) דער פערפאסער פון יעקב׳ס ברכה איז א ריינער נאטור־פאָ־עט. ער שילדערט דעריבער דאָס מענשליכע לעבען בלויז דורך פער־גלייכונגען מיט חיות און פלאנצען. דער פערפאסער פון משה׳ס ברכה דאגעגען איז וועניגער נאטור־פאָעט, דערפאר אָבער מעהר קינסטלער און אויך מעהר נאַציאָנאַלער זיננער. ער האָט ניט פערבראכט זיין לע־בען מיט חיות און פלאנצען, נור מיט מענשען אין א צענטער פון אי־דישער ציוויליזאציע. ער ניט דערפאר וועניג פערגלייכונגען פון דעם לעבען אין דער נאטור, דערצעהלט אָבער א סך פון דער געגענוואָרט און דער פערגאנגענהייט פון די שבטים און זוכט צו געבען א פאָל־שטענדיגען בילד פון זייער גאנצען לעבען.

פון אָט די פונקטען איז צו זעהן קלאָר, אז די ברכה וואָס ווערט צוגעשריבען משה׳ן שטעלט פאָר א שפּעטערדיגערע תקופה אין דער ביב־

לישער היסטאָריע מיט א העברון, ציוויליזירטערן לעבען איידער די ברכה וואָס ווערט צוגעשריבען יעקב'ן.

יעקב'ס ברכה איז געשאפען געוואָרען אין דער צייט פון דוד אָדער שלמה, משה'ס ברכה אבער האָט ניט געקאָנט געשאפען ווערן פאר שלמה'ס טויט, ווייל יהודה איז דערין געשילדערט אלס אבגעטיילט פון איבעריגען פאָלק און יוסף שפילט די הויפּטראָלע צווישען אלע שבטים. דאָס האָט אלזאָ נור געקאָנט געשאפען ווערן נאָכדעם ווי אידען האָבען זיך צוטיילט אין צוויי בעזונדערע מלוכות, יהודה און אפרים. די אל־געמיינע אידישע לאגע ווי זי שפיגעלט זיך אָב אין משה'ס ברכה איז זעהר א בליהענדיגע. אידען זיינען פּאָליטיש זיכער און מאַטעריעל רייך. אזא צייט איז געווען, נאָך דער פונאנדערטיילונג אין צוויי מלוכות, נור אין די ערשטע יאָהרען פון ירבעם בן נבט, אין דער צייט פון עמרי און אין דער צייט פון ירבעם בן יואש. משה'ס ברכה פאַסט זיך דערום נור פאר איינע פון אָט די דריי תקופות.

דער פערפאסער פון משה'ס ברכה, א פּאָעט פון אפרים, איז געווען א שטארקער פּאטריאָט פון זיין שבט, ווי ס'איז צו זעהן פון די רייכע פארבען, מיט וועלכע ער שילדערט יוסף'ן. ער האָט אבער אויך סימ־פּאַטיע פאר יהודה. ס'איז דערפאר זעהר וואהרשיינליך, אז ער האָט געלעבט אין דער צייט פון עמרי, און מיט די ווערטער „הער צו, יהוה, דעם קול פון יהודה און ברייננ איהם צו זיין פאָלק" האָט ער אויסגע־דריקט דעם וואונש, וואָס איז טאקע דעמאָלט ערפילט געוואָרען, אז יהודה זאָל זיך אנשליסען אן ישראל און יהושפט זאָל ווערן דער וואַ־זאַל פון עמרי.

און דאָס איז די ברכה וואָס משה דער געטליכער מאַן האָט געבענטשט די קינדער פון ישראל פאר זיין טויט.
און ער האָט געזאָגט:

יהוה איז געקומען פון סיני,
און געשטראַהלט צו זיי פון שעיר;

ער האָט ערשיינט פון בארג פארן,
און אָנגעקומען אין מריבת קדש;[31]
פון זיין רעכטער האנד אַ בליציג פייער צו זיי.[32]
יאָ, ער ליבט זיין פאָלק,[33]
אַלע זיינע הייליגע ביי דיין האַנד,
און זיי האָבען דיר נאָכגעפאָלגט דיין פוס,
פערנעהמענדיג דיינע רייד.[34]
(אַ תורה האָט אונז אָנגעזאָגט משה)[35]
אַ ירושה איז געוואָרען די פערזאמלונג פון יעקב,[36]
און ער איז געוואָרען קיניג אין ישרון,[37]
ווען עס האָבען זיך פערזאמעלט די עלטסטע פון פאָלק,
צוזאמען די שבטים פון ישראל.[38]

ראובן זאָל לעבען און ניט שטאַרבען!
און זיינע מענשען זאָלען זיין אַ צאָהל!

און דאָס איז צו יהודה און ער האָט געזאָגט:

הער צו, יהוה, יהודה׳ס שטים,
און ברייננ איהם צו זיין פאָלק!
מיט זיינע הענד האָט ער פאר איהם געשטריטען,[39]
און זיי איהם אַ הילף געגען זיינע דריקער!

און צו לוי האָט ער געזאָגט:

דיינע תומים און אורים צו די לייט פון דיין געטרייען,
וואָס דו האָסט איהם אויסגעפּרופט אין מסה,
מיט איהם געשטריטען ביי די וואַסערן פון מריבה;
וואָס זאָגט פון זיין פאָטער און מוטער:

כ׳האָב איהם ניט געזעהן,
און זיינע ברידער דערקענט ער ניט,
און זיינע קינדער ווייס ער ניט;
וואָרים זיי האַלטען דיין געבאָט,
און היטען דיין בונד;
דיינע משפטים לערנען זיי צו יעקב,
און דיין תורה צו ישראל;
רויכאָפּפער טוען זיי אין דיין נאָז,
און גאַנצאָפּפער אויף דיין מזבח.
בענטש, יהוה, זיין גוטס,
און בעוויליג די טואונג פון זיינע הענד;
צושמעטער די לענדער פון זיינע געגנער,
און זיינע שונאים, אַז זיי זאָלען זיך ניט דערהייבען.

און צו בנימין האָט ער געזאָגט:

דער ליבלינג פון יהוה,
ער וואוינט זיכער ביי איהם;
בעדעקט איהם דעם גאַנצען טאָג,
און צווישען זיינע פּלייצעס וואוינט ער.

און צו יוסף האָט ער געזאָגט:

געבענטשט פון יהוה איז זיין לאַנד
פון דאָס בעסטע פון הימעל אויבען,40)
און פון דעם תהום וואָס הויערט אונטען,
און פון דער בעסטער תבואה פון דער זון,
און פון דאָס בעסטע וואָס ס׳וואקסט פון דער לבנה,
און פון דאָס בעסטע פון די אוראלטע בערג,
און פון דאָס בעסטע פון די אייביגע בערגלעך,

און פון דאָס בעסטע פון דער ערד און איהר פולקייט!
און די בעוויליגונג פון דעם וואָס וואוינט אין דאָרן-בוים
זאָל קומען אויף יוסף׳ס קאָפּ,
און אויפ׳ן שייטעל פון דעם נזיר צווישען זיינע ברידער! (41
זיין ערשטגעבוירענער אָקס — פראכט האָט ער,
און הערנער פון אַ ווילדען אָקס זיינען זיינע הערנער:
מיט זיי שטויסט ער פעלקער,
צוזאמען די ענדען פון דער ערד: (42
און דאָס זיינען די צעהנטויזענדע פון אפרים,
און דאָס זיינען די טויזענדע פון מנשה.

און צו זבולן האָט ער געזאָגט:

פרעה זיך, זבולן, מיט דיין ארויסגעהן,
און יששכר מיט דיינע געצעלטען.
פעלקער לאדען זיי איין אויפ׳ן בארג,
דאָרטען שעכטען זיי שעכטונגען פון רעכט:
דען די שפע פון ים׳ען זויגען זיי אריין,
און די פערבאָרגענסטע אוצרות פון דעם זאמד.

און צו גד האָט ער געזאָגט:

געבענטשט דער וואָס מאכט געראם פאר גד:
ווי אַ לייבין הויערט ער,
און פערצוקט ארעם און שייטעל.
און ער האָט זיך אויסגעזוכט דאָס ערשטע-בעסטע,
וואָרים דאָרטען איז דער חלק פון אַ פיהרער פערבאָרגען. (43
און ער איז געקומען מיט די עלטסטע פון פאָלק; (44
די גערעכטיגקייט פון יהוה געטאָן,
און זיינע משפטים מיט ישראל.

און צו דן האָט ער געזאָגט:

דן איז אַ יונגער לייב,
וואָס שפרינגט אַרוים פון בשן.

און צו נפתלי האָט ער געזאָגט:

נפתלי איז זאַט מיט לייטזעליגקייט,
און פול מיט יהוה׳ס ברכה;
דעם ים און דעם דרום בעזיצט ער!

און צו אשר האָט ער געזאָגט:

דער געבענטשטער פון די זיהן זאָל אשר זיין!
זאָל זיין דער ליבלינג פון זיינע ברידער,
און איינטונקען אין אויל זיין פוס!
אייזען און קופער דיינע שלעסער,
און אויף דיין גאַנצען לעבען זאָל דויערען דיין שטאַרקייט!45)

ניטאָ ווי דער גאָט פון ישרון:
וואָס רייט אין הימעל צו דיין הילף,
און מיט זיין הויכקייט אין די וואָלקענס.
אַ וואוינונג איז דער אוראלטער גאָט,
און פון אונטען — אייביגע אָרעמס;
און ער האָט פאר דיר דעם פיינד פערטריבען,
און געזאָגט: פערטיליג!
און ישראל וואוינט זיכער,
אָבגעזונדערט יעקב׳ס קוואַל,46)
אין אַ לאַנד פון קאָרן און וויין,

און זיינע הימלען טריפען טוי.
וואויל דיר, ישראל!
ווער איז גלייך צו דיר?
אַ פאָלק געהאָלפען דורך יהוה:
דער פאַנצער פון דיין הילף,
און דער שווערד פון דיין שטאָלצקייט:
און עס חנפ׳ענען זיך דיינע פיינד צו דיר,
און דו טרעטסט אויף זייערע הויכען! (47

(דברים ל״ג)

דאָס לעבען פון די שבטים.

(ערקלערונגען צו יעקב׳ס און משה׳ס ברכות).

יעקב׳ס און משה׳ס בּרכות, און צום טייל אויך דבורה׳ס געזאנג, גיבען אונז א בילד פון דעם לעבען פון די אידישע שבטים אין דער אור־אַלטער צייט אין ארץ ישראל. זיי שטעלען אבער פאָר דריי פערשידענע היסטאָרישע סביבות. דער וואָס וויל לעזען ביבלישע פּאָעזיע פון א היס־טאָרישען שטאַנדפּונקט, און וויל פערשטעהן ווי דאָס אידישע לעבען האָט זיך ענטוויקעלט אין יענע ביבלישע צייטען, מוז פריהער לעזען דבורה׳ס געזאנג, דאַן יעקב׳ס ברכה און צולעצט משה׳ס ברכה.

ר א ו ב ן

לויט דער ביבלישער זאגע איז ראובן געווען יעקב׳ס בכור. עס הייסט, אז גאר אין דער אַלטער צייט איז ראובן געווען דער ערשטער, פיהרענדער שבט ביי אידען. אין דער צייט פון דבורה׳ס געזאנג איז ער נאָך געווען א וויכטיגער שבט, וואָרים דער זינגער וואַרפט איהם פאָר פאַרוואָס ער האָט ניט גענומען קיין אנטייל אין דער מלחמה געגען די כנענים. לויט יעקב׳ס ברכה האָט ראובן פערלאָרען די פיהרערשאַפט צווישען די שבטים. אלס גרונד גיט אַן דער פּאָעט וואָס ראובן האָט ביי־געוואוינט זיין פאָטערס קעפּסווייב בלהה. דאָסזעלביגע ווערט אויך דער־צעהלט אין א פּראָזא־זאגע אין חומש (בראשית ל״ה 22). אַזוי ווי די נעמען פון די אורפאָטערס פון אידישען פאָלק שטעלען מעהרסטענס פאָר שבטים און פעלקערשאַפטען אלס איינצעלנע פּערזאָנען, ווערט אָט די זאגע וועגען ראובן׳ען פון מאנכע ביבעל־קריטיקער דערקלערט דער־מיט, וואָס דער שבט ראובן זאָל אין דער פאָרהיסטאָרישער צייט האָ־בען אנגעגריפען און פיליכט אויך פערניכטעט א אידישען שבט מיט׳ן נאָמען בלהה. אין דער צייט פון משה׳ס ברכה איז שוין דער שבט ראובן געווען זעהר שוואך און קליין אין צאָהל. פון איין טייל פון זיין טעריטאָריע אין מזרח־זייט פון ירדן האָט איהם ארויסגעשטופּט דער

שבט גד; נאך א טייל האט צוגענומען מואב. אזוי איז ראובן געווארען גאָס ווייטער אלס שוואכער אין בעדייטונג. דער פּאַעט פון משה'ס ברכה בענטשט איהם דעריבער, אז ער זאָל ווענינסטענס זיין אימשטאנד אויפצוהאלטען זיין קיום און ניט אויסשטארבען אלס שבט ביי אידען.

שמעון און לוי

אין דבורה'ס געזאַנג ווערן שמעון לוי לגמרי ניט דערמאַנט. דאָס דאַרף אונז ניט וואונדערען, ווארים יהודה איז דאָרטען אויך אויס־געלאַזען. די שבטים פון דרום האבען נאָך איבערהויפּט דעמאָלט ניט גע־שפּילט קיין ראָלע אין אידישען לעבען (זעה וועגען דעם ז. 88). יעקב'ס ברכה שטעלט פאר שמעון און לוי אלס צוויי ברידער־שבטים, וועלכע זיינען צוזאמען בעגאַנגען גרויזאַמע, אונמענשליכע מעשים אין מלחמות געגען זייערע פיינד. אין וואָס זיינען בעשטאַנען אט די גרוי־זאמקייטען זייערע, זאָגט ניט דער פּאָעט. עטוואָס געניוערעס ערפאה־רען מיר וועגען דעם פון דער זאגע אין חומש וועגען יעקב'ס טאָכטער דינה (בראשית ל"ד). דאָרטען ווערט דערצעהלט, אז שמעון און לוי זיינען פלוצלונג בעפאלען די כנענישע שטאָדט שכם און זי אין גאנצען פערניכטעט. שמעון און לוי האבען, ווי עס שיינט, שטארק געליטען פון דער נקמה וואָס די כנענים האבען נאָכהער גענומען פון זיי. דאָס האָט אלעס געמעגט פּאסירען אין דער פאָרהיסטאָרישער צייט, לאַנג איידער די מלוכה איז געגרינדעט געווארען ביי אידען. שמעון איז שפּעטער אסי־מילירט געוואָרען פון יהודה און ווערט דעריבער אין משה'ס ברכה אין גאנצען ניט דערמאַנט. לוי האָט לויט יעקב'ס ברכה פערלאָרען צו־זאמען מיט שמעון'ען זיין טעריטאָריע און צושפּרייט געוואָרען אין ישראל. אין משה'ס ברכה ווערט לוי בעזונגען אין זיין ראָלע אלס גייסט־ליכער שבט. אום צו פערשטעהן וויסענשאַפטליך אַט די שווערע שטעל אין משה'ס ברכה, אויף וועלכע אלע מבארים האבען זיך אזוי פיעל גע־מאַטערט און דאָך געלאַזען אונדערקלערט, איז עס נויטיג צו האבען פריהער א וויסענשאַפטליכע אויפפאסונג פון דער ענטוויקלונג פון דער כהונה ביי אידען בכלל.

די שארפע אבשיידונג צווישען כהנים, לויים און ישראלים האט נור עקסיסטירט אין צווייטען בית המקדש. אין דער צייט אבער פון ערש־טען בית המקדש, בעזונדערס אין דער צייט פון די ערשטע מלכים, האט כהן געהייסען יעדערער וואס האט דורכגעפיהרט די אפפער־צערעמאניע אין א הייליגען ארט. מ'איז דעמאלט ניט געוועזן א כהן דורכ'ן אבשטא־מען פון א געוויסער פאמיליע, ווי אין דער שפעטערדיגער צייט, נור יעדערער האט געקאנט זיין א כהן, אויב ער האט געוואוסט ווי מקריב צו זיין דעם קרבן. אט אזוי זיינען דוד'ס זיהן געוועזן כהנים (שמואל ב, ח 18), כאטש זיי זיינען גאר געוועזן פון שבט יהודה. אין דער צייט ווען משה'ס ברכה איז פערפאסט געווארען זיינען, ווי עס שיינט, דער גרעסטער טייל כהנים שוין געוועזן לויים, עס הייסט: האבען זיך מתיחס געוועזן צום שבט לוי. די לויים זיינען שוין דעמאלט געווארען א גייסט־ליכער שבט, זיי זיינען געוועזן כהנים אין די פערשידענע הייליגע ער־טער פון לאנד, די במות, וואו מ'האט זיי געדנע אויפגענומען, מחמת זיי האבען זיך מתיחס געוועזן צו משה'ן, דעם גרינדער פון דער אידישער רעליגיאן, און דערצו האבען זיי אויך בעזעסען די תומים און אורים, אזא מין אראקעל מיט וואס זיי פלעגען פאראוים זאגען די צוקונפט. אין דער צייט פון די לעצטע מלכים זיינען אלע כהנים שוין געוועזן, אדער האבען פרעטענדירט צו זיין, לויים, און דערום הייסען זיי אין דברים־חומש אומעטום „די כהנים די לויים"*). דורך דעם וואס מ'האט אין יאשיהו'ס צייט דערקלערט ירושלים פאר דעם אייציגען הייליגען ארט פאר אלע אידען, וואו מ'מעג מקריב זיין קרבנות, זיינען די כהנים פון ירושלים, וואס האבען זיך מתיחס געוועזן צו צדוק'ן, דעם ערשטען כהן אין שלמה'ס בית־המקדש, געווארען העכער אין ראנג פאר די כהנים פון די אנדערע הייליגע ער־טער, די במות. יחזקאל האט דעריבער פארגעשלאגען, אז „די כהנים די לויים, די זיהן פון צדוק" זאלען אין צוקונפטיגען בית־המקדש זיין די איינציגע פריסטער, וועלכע האבען א רעכט מקריב צו זיין

*) זעה אויבען זייט 16, 17.

קרבנות. דאגעגען די כהנים די לויים פון די במות זאָלען בלייבען גייסטליכע פון א צווייטען ראנג (יחזקאל מ"ד). אָט די צוטיילונג פון די אידישע גייסטליכע אין צווי ראנגען, אין כהנים און לויים, איז אויף יחזקאל'ס איניציאַטיווע דורכגעפיהרט געוואָרען מיט אלע פּרטים אינ'ם „תורת כהנים", וואָס עזרא האָט געבראכט פון בבל קיין ארץ ישראל.

דער פערפאסער פון משה'ס ברכה זאָגט דערפאר וועגען שבט לוי, אז יהוה'ס אראקעל, די תומים און אורים, געהערען צו די לויים, די לייט פון יהוה'ס געטרייען, משה'ן, וועמען ער, יהוה, האָט אויסגעפּרופט אין „מסה" און מיט איהם זיך געשטריטען ביי „די וואסערן פון מריבה". (זעה די ערקלערונג צום פּראָלאָג פון משה'ס ברכה). דאָ איז, ווי מ'זעהט, דערהאלטען געבליבען א שפּור פון אן אלטער אידישער געטער-זאגע, וועלכע זאָל האָבען דערצעהלט פון א קאמף צווישען משה און יהוה, א העראי און א גאָט, וואו דער העראי משה האָט בעזיגט דעם גאָט יהוה און אלס פּרייז פונ'ם זיג האָט איהם יהוה געגעבען די תומים און אורים און איהם פערטרויט דאָס געהיימניס ווי צו טרעפען דערמיט די צוקונפט. אז אידען האָבען געהאט אין דער אורצייט אזעלכענע געטער-זאגען ווי אנדערע פעלקער, דאַרף אונז גאָר ניט וואונדערען, וואָרים מיר געפינען אויך אין אן אנדער שטעל אין חומש אזא מין מעשה, ווי יהוה איז בעפאלען משה'ן, ווען דער לעצטער איז געווען אין אן איבערנעכטיגונג אויפ'ן וועג און איהם געוואָלט טויטען (שמות ד 24). אויך יעקב האָט זיך געראנגעלט מיט א גאָט און איהם בייגעקומען (בראשית ל"ב 25, 26, 29; הושע י"ב 4)

דער לוי אין דער אלטער צייט פלעגט ארומוואנדערען פון אָרט צו אָרט, אָט אזוי ווי דער כהן פון פסל מיכה, וועלכער האָט זיך אנגעגעבען אלס משה'ס אן אייניקעל און האָט געוואנדערט פון בית לחם אין יהודה ביז'ן בארג אפרים. דאָרטען האָט ער בעקומען א שטעל אלס כהן אין מיכה'ס הייליגטום און נאָכדעם גערנע אנגענומען די געלעגענהייט און מיטגעוואנדערט מיט די „זיהן פון דן" ווייט אין צפון פון ארץ ישראל, וואו ער איז געוואָרען דער כהן פון גאנצען שבט (שופטים י"ז, י"ח). דער פּאָעט פון משה'ס ברכה זאָגט דערפאר פון

לוי, אז ער האָט ניט קיין עלטערן, ניט קיין קינדער, ניט קיין פאַמיליע: א פרייער „וואנדער־געזעל“. זיין איינציגע אויפגאבע איז נור צו גע־בען דעם אראקעל צו די וואָס קומען צו איהם פרעגען וועגען דער צו־קונפט, צו לערנען יהוה׳ס משפטים און מקריב צו זיין די קרבנות און די קטורת אויף יהוה׳ס מזבח. ער, דער פּאָעט, בענטשט דערום דעם לוי, אז יהוה זאָל בעוויליגען דאָס ווערק פון זיינע הענד; עס הייסט, זיין אָראקעל זאָל אלעמאָל ריכטיג צוטרעפען. וואָרים דערמיט ווערט זיין הייליגטום בעריהמט אין דעם גאנצען געגענד ארום און דער כהן וואקסט אין כבוד און אין רייכקייט.

יהודה

אין דבורה׳ס געזאנג ווערט יהודה אין גאנצען ניט דערמאָנט. אין יעקב׳ס ברכה ווערט יהודה פערגליכען צו א לייב, און אלע זיינע ברי־דער בוקען זיך צו איהם. ס׳הייסט, ער האָט די הערשאפט איבער׳ן גאנ־צען פאָלק. אין משה׳ס ברכה אויף יהודה איז אויסגעדריקט דער שטאנדפונקט פון א פּאָעט פון אפרים. לויט איהם האָט זיך ניט ישראל אבגעקעהרט פון יהודה, ווי ישעיה בן אמוץ האָט זיך אויסגעדריקט (ישעיה ז׳ 17), נור אומגעקעהרט: יהודה האָט זיך אָבגעטיילט פון ישראל. דעריבער בעט ער יהוה, אז ער זאָל צוריקברייגגען יהודה צו זיין פאָלק (זעה אויבען די איינפיהרונג צו משה׳ס ברכה).

יוסף

אין דבורה׳ס געזאנג איז אפרים דער ערשטער שבט וואָס מאָבי־ליזירט זיך אין דער מלחמה געגען די כנענים. דער פּאָעט פון יעקב׳ס ברכה לויבט יוסף׳ן פאר זיין העלדישען קאמף געגען די פיילען־שיסער און פאר די ברכה וואָס רוהט אויף זיין לאנד. פיעל רייכער אָבער ווי אין יעקב׳ס ברכה איז יוסף געשילדערט אין משה׳ס ברכה. דער פּאָעט פון משה׳ס ברכה, וועלכער איז וואהרשיינליך אליין געווען פון אפרים, בעזינגט יוסף׳ן מיט די שענסטע ווערטער און שילדערט איהם מיט די רייכסטע פארבען. אין יוסף׳ס לאנד וואקסען די אויסדערוועהלטסטע

פרוכטען פון טוי און רעגען פונ'ם הימעל און פון די וואסערן פון די טייכען און קוואלען, וואס זיי האבען דעמאלט געגלויבט, אז זיי קומען פון תהום אונטער דר'ערד. די אייביגע בערג פון אפרים זיינען בעצירט מיט דאס בעסטע וואס וואקסט און בליהט דורך די זון ביי טאג און די לבנה ביי נאכט. אלעס גענימט דארטען די לייטזעליגקייט פון גאט, וואס אין יענע אלטע צייטען האבען זיי געגלויבט, אז ער וואוינט, אדער ער ענטפלעקט זיך, אין א ברענענדיגען דארן־בוים אין מדבר.

און ניט בלויז מיט דער רייכקייט פון זיין לאנד איז אויסגעצייכענט יוסף, נור אויך מיט זיין מיליטערישער מאכט. אפרים, דער בכור פון יוסף (לויט דער מעשה אין בראשית מ"ח 13—21), האט די ווילדע שענקייט פון א יונגען אקס און די שטארקע הערנער פון א ראם, ווען ער פיהרט מלחמות מיט זיינע פיינד. אט די רייכקייט און די מאכט בע־זיצען די צעהנטויזענדע פון גרויסען שבט אפרים און די טויזענדע פון קלענערן שבט מנשה, די צוויי שבטים, אין וועלכע דער אורשפרינגלי־כער שבט יוסף האט זיך שפעטער געשפאלטען.

דא מוז בעמערקט ווערן, אז אין דבורה'ס געזאנג הייסט מנשה מכיר און וואוינט אין מערב־זייט פון ירדן. אין א שפעטערער צייט גע־פינען מיר מכיר'ן אלס א טייל פון מנשה גאר אין גלעד, אין מזרח־זייט פון ירדן (במדבר ל"ב 39, 40).

בנימין

אין דבורה'ס געזאנג שטעהט בנימין דירעקט נאך אפרים צווישען די שבטים, וואס האבען זיך גלייך מאביליזירט אויפ'ן רוף פון ברק און דבורה. אין יעקב'ס ברכה איז בנימין פערגליכען צו א פערצוקענדען וואלף וואס לעבט פון רויב. דערמיט איז וואהרשיינליך געמיינט דאס אנפאלען אויף קאראוואנען וואס פלעגען דורכציהען דורך בנימין'ס טעריטאריע. דער פאעט פון משה'ס ברכה ריהמט בנימין'ען ניט פאר זיין ווילדע גבורה, נור דערפאר וואס יהוה וואוינט ביי איהם; עס הייסט אין בנימין'ס לאנד געפינט זיך א וויכטיגער היילגטום, א הויז פאר יהוה. געמיינט איז דערמיט דער בית המקדש אין ירושלים, ווארים דער

גרעניץ צווישען בנימין און יהודה איז געלעגען אין דרום־מזרח פון ירושלים (יהושע ט"ו 8; י"ח 16), אזוי אז לויט דער שפעטערער אידישער טראדיציע איז דער בית המקדש גופא געשטאנען אין בנימין און דער חצר אין יהודה. אדער ס'איז אויך מעגליך, אז דער פאעט האט דערמיט געמיינט דאס הייליגע הויז אין גבעון, די גרויסע במה וואו שלמה האט געבראכט טויזענד גאנצע אפפער, ווען ער איז געווארען קעניג (מלכים א, ג 4). גבעון איז געלעגען אין דער טעריטאריע פון שבט בנימין.

זבולן און יששכר

זבולון און יששכר האבען ביידע געוואוינט אין צפון פון ארץ ישראל. אין דבורה'ס געזאנג ווערן זיי ביידע געלויבט פאר'ן אנטייל וואס זיי האבען גענומען אין דער מלחמה געגען סיסרא'ן. אין יעקב'ס ברכה דאגעגען ווערט יששכר געטאדעלט, ווארום ער האט ניט געקעמפט פאר זיין פאליטישע אונאבהענגיגקייט. אויף וועלכע צייט אט דער טאדעל בעציהט זיך איז שווער פעסטצושטעלען.

לויט יעקב'ס און משה'ס ברכות האט עס זבולן'ען געצויגען צום ים, צום האנדעל, און יששכר'ען צו לאנדווירטשאפט און האדעוועז בהמות. אזוי ווי זיי האבען ביידע געוואוינט נאהנט צו צידון. דער האנדעלס־מעטראפאלים פון דער מזרח־וועלט, איז עס וואהרשיינליך, אז צו זייערע ימים־טובים, וואס זיי פלעגען אבהאלטען אויף איינעם פון די בערג אין זייער טעריטאריע, פלעגען זיי איינלאדען פיעל פרעמדע. ס'איז מעגליך, אז אט די אפפער־טעג זיינען גלייכצייטיג אויך געווען מארק־טעג, „יריד'ן", וואו מ'פלעגט צונויפקומען פון ווייט ארום צו קויפען און פערקויפען אלערליי סחורות.

זייער עשירות ציהען אט די צפון'דיגע שבטים, לויט'ן פאעט פון משה'ס ברכה, פון דעם ים־האנדעל און פון פאבריצירען גלאז פונ'ם זאמד ארום עכו.

לויט דער תלמודישער טראדיציע האבען זבולן און יששכר גע־

האט אן אבמאך: זבולן זאל ארומפאהרען האנדלען און יששכר זאל זי־צען און עוסק זיין אין דער תורה. זבולן זאל קריגען א העלפט פונ'ם שכר פון יששכר'ס תורה און יששכר דערפאר א העלפט פונ'ם ריוח פון זבולן'ס האנדעל. יששכר'ס געצעלטען זיינען לויט דער תלמודישער אויפפאסונג פון דער ביבעל ניט געצעלטען פון בעדואינער, פון פאסטו־כער, נור געצעלטען פון דער תורה. אויך „שם'ס געצעלטען" זיינען לויט דער תלמודישער טראדיציע בתי מדרשים, וואו שם'ס קינדער זיינען געזעסען און געלערנט גאט'ס תורה.

ג ד

גד איז געווען דער ערשטער שבט זיך צו בעזעצען אין ארץ ישראל אין די פרוכטבארע פיטערנישען אין מזרח־זייט פון ירדן. אין דבורה'ס געזאנג ווערט גד אנגערופען גלעד. אין יעקב'ס ברכה ווערט ער גע־ריהמט פאר זיין העלדישען קאמף געגען די באנדעס וואס פאלען איהם אן. געמיינט זיינען דערמיט וואהרשיינליך די מדינים אדער מואבים. דער פאעט פון משה'ס ברכה מיינט, אז גד'ס חלק אין ארץ ישראל איז אזוי פרוכטבאר, אז עס פאסט זיך פאר א פיהרער פון פאלק. די אידי־שע טראדיציע דערקלערט דעם „טייל פון פיהרער" אלס משה'ס קבר. דאס איז אבער אונוואהרשיינליך, מחמת דער בארג „נבו" און דער „פסגה" ווערן גאר פעררעכענט צו ראובן'ס טעריטאריע (במדבר ל"ב 38; יהושע י"ג 20). גד האט זיך געהאלטען פעסט געגען אלע זיינע פיינד ארום, ביז ער איז געפאלען פאר דער וועלט־מאכט פון אשור (דברי הימים א, ה 26). די גבורים פון גד זיינען געשילדערט מיט „פנימ'ער ווי לייבען און פלינק ווי די הירשען אויף די בערג" (דברי הימים א, י"ב 8).

ד

דן האט לכתחילה געוואוינט אין מערב פון ירושלים, צווישען צרעה און אשתאל. שפעטער האבען זיי אויסגעוואנדערט ווייט אין צפון. די שטאדט דן איז געווען דער ווייטסטער פונקט אין צפון פון ארץ ישראל.

„פון דן ביז באר שבע" איז געווען א געוויסער אויסדרוק אין דער ביב־לישער תקופה צו בעצייכנען גאנץ ארץ ישראל, פון ברעג צו ברעג.

אין דבורה'ס געזאנג ווערט דן געטאדעלט פארוואס ער האט זיך אויפגעהאלטען ביי די שיפען און נים געקומען העלפען אין דער מלחמה. דאס מוז אלזא שטאמען פון דער צייט ווען זיי האבען שוין געהאט אויס־געוואנדערט קיין צפון און דארטען געלעבט אין נאהנטער שכנות מיט די פהעניציער. די פערגלייכונג פון דן צו א שלאנג אויפ'ן וועג אין יעקב'ס ברכה און צו א יונגען לייב פון בשן אין משה'ס ברכה בעציהט זיך מעגליך אויפ'ן פלוצלונגען און געלונגענעם איבערפאל וואס „די קינדער־פון דן" האבען געמאכט אויף די שטאדט „ליש" (שופטים י"ח).

נ פ ת ל י

אין דבורה'ס געזאנג ווערט נפתלי, געלויבט פאר זיין העלדישקייט „אויף די הויכען פון שלאכט־פעלד". אין יעקב'ס און אין משה'ס ברכות ווערט ער געלויבט פאר די פרוכטבארקייט פון זיין לאנד. די טעריטאָ־ריע פון נפתלי, וועלכע האט זיך געצויגען פון בארג לבנון ביז אין דרום־זייט פון ים כנרת, איז געווען אויסערגעוועהנליך פרוכטבאר און האט געהאט א זעלטענעם קלימאט.

א ש ר

לויט דבורה'ס געזאנג וואוינט אשר ביים ים. אין א שפעטערדיגער צייט האט אשר ארויסגעשטופט זבולן'ען פון ברעג ים (יהושע י"ט 24־31). אין דער היסטארישער צייט געפינען מיר זבולן'ען צווישען דעם תבור און דעם כרמל אין צפון פון טאל יזראעל און יששכר'ען אין דרום פון זבולן'ען אין טאל יזרעאל. דארטען איז פארגעקומען לויט דעם א „שבטים־וואנדערונג" אין דער אורצייט, און די ברכות אויף זבולן, יששכר און אשר אין יעקב'ס און אין משה'ס ברכות מוזען לויט דעם שטאמען פון אן עלטערער צייט איידער דבורה'ס געזאנג.

לויט משה'ס ברכה טונקט אשר זיין פוס אין אויל, ווייל אשר'ס טעריטאָריע איז געווען בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט איהרע אויל־

בוימער. אזוי ווי אשר האָט געוואוינט ווייט אין צפון, אין שכנות מיט פרעמדע פעלקער, בענטשט איהם דערפאר דער פּאָעט, אז ער זאָל זיין א גוטער פערטיידיגער, אן אייזערנער ריגעל, פאר זיין לאנד.

דער פראָלאָג און דער עפּילאָג פון משה׳ס ברכה.

דער פראָלאָג פון משה׳ס ברכה איז זעהר וויכטיג, ווען מ׳וויל פערשטעהן די ענטוויקלונג פון דער אידישער רעליגיאָן אין איהר סאמע אנהויב. דאָ ווערט דערצעהלט ווי יהוה האָט זיך ענטפּלעקט צו זיין פאָלק און זיי געגעבען די תורה דורך משה׳ן אויף א גאנץ אנדערן אופן ווי דאָס ווערט געשילדערט פון א שפּעטערן ביבלישען שריפטשטעלער אין דער סדרה „יתרו“. דאָרטען קומען אידען צום בארג סיני, און יהוה בעווייזט זיך צו זיי אין א דיקען נעבעל אויפ׳ן שפּיץ בארג (שמות י״ט 2, 11, 18, 20 ; כ 21). דאָ אבער ווערט דאָס גאנץ אנדערש איבער־געגעבען. אידען זיינען לויט אָט דעם פּראָלאָג ניט געגאנגען צום בארג סיני, נור אומגעקעהרט : יהוה, וועלכער האָט געוואוינט אויפ׳ן פייער־שפּייענדיגען בארג סיני, איז געקומען קיין „קדש“, אָדער „מריבת קדש“ אָדער אויך „מי מריבה“, שטרייט־וואסער. דאָס איז א נאָמען פון א מדבר־אינזעל, אן אאָזיס, מיט א הייליגען קוואל אין דרום פון ארץ ישראל, וואו אידען האָבען זיך זעהר לאנג אויפהאַלטען לויט איין שטעל אין חומש (דברים א 46). אָט אין דער אאָזיס, שילדערט דער פּראָלאָג, איז יהוה געקומען מיט א בליציגען פייער אין זיין רעכטער האנד און געוואָרען דער קעניג פון „ישרון“ (א ביבלישער נאָמען פאר׳ן אידישען פאָלק ווי ישראל) אויף א פערזאמלונג פון די אידישע שבטים צוזאמען מיט זייערע פיהרער.

נאָך א פונקט איז דאָ פון גרויס וויכטיגקייט צו פערשטעהן די ענטוויקלונג פון דער ביבלישער זאגע. דער פּאָעט, וועלכער זוכט אין זיין פּראָלאָג צו פערהערליכען דאָס פערהעלטניס צווישען אידען און זייער גאָט, דערמאָנט דאָ לחלוטין ניט דעם ארויסגאנג פון מצרים. אָנ־

שטאט אנצוהייבען דאָס פערהעלטניס צווישען יהוה און ישראל אין מצרים, הייבט ער עס אָן אין קדש. מ׳זעהט דערפון, אז גאָר אין דער אלטער צייט האָט די זאגע פון יציאת מצרים ניט געשפילט אזא גרויסע ראָלע אין דער אידישער טראדיציע, אזוי אז א אידישער פּאָעט האָט זיך געמענט ערלויבען זי אין גאנצען צו איגנאָרירען.

אין דעם עפּילאָג פאסט דער פּאָעט צוזאמען זיינע ברכות און לויב־נעזאנגען אויף די איינצעלנע שבטים אין א פערהערליכונג פון גאנצען פאָלק ישראל. יהוה איז פאר איהם, ווי פאר אלע ביבלישע שריפטשטע־לער פאר די שריפטליכע נביאים, נור דער גאָט פון ישראל, אבער קיין אנדער גאָט פון קיין אנדער פאָלק קאָן זיך ניט פערמעסטען מיט איהם. ער, דער מעכטיגער גאָט וואָס רייט אויף א כרוב אין הימעל (תהלים י״ח 11), איז א וואוינונג פאר׳ן פאָלק ישראל אין א צייט פון פרידען, און ער האלט זיי אויף אונטער און בעשיצט זיי אין א צייט פון מלחמות מיט זיינע אייביגע ארעמס פון אונטען. און ער האָט טאקע פערטריבען זייערע פיינד און זיי אוועקגעגעבען א פרוכטבארע לאנד, וואו זיי וואוי־נען אבגעזונדערט און זיכער און אונטערוואָרפען אונטער זיך אלע פיינד ארום זיי און ערָאבערען זייערע טעריטאָריעס.

בלעם׳ס ברכות און נבואות.

א י י נ פ י ה ר ו נ ג.

בלעם׳ס נבואות זיינען פון דערזעלביגער זארט פּאעזיע ווי יעקב׳ס ברכה און משה׳ס ברכה. אויך בלעם׳ס נבואות שילדערען דאס אי־דישע פאלק אין א בליהענדיגען צושטאנד פון מאטעריעלער רייכקייט און מיליטערישער מאכט. בעת אבער אין די ברכות פון יעקב׳ן און משה׳ן ווערן בעזונגען די איינצעלנע שבטים, ווערט אין בלעם׳ס נבואות בעזונגען דאס פאלק ישראל אלס א נאציאנאלע איינהייט.

בלעם בן בעור איז העכסט וואהרשיינליך דערזעלביגער בלע בן בעור, וואס ווערט דערמאהנט אין אן אנדער שטעל אין חומש אלס דער ערשטער קעניג פון אדום (בראשית ל״ו 32). ער איז ווי עס שיינט געווען בעריהמט ביי די אדומים אלס א מלך א חכם, ווי שלמה ביי אידען. אזוי ווי שלמה איז לויט דער אידישער זאגע געווען א פּאעט און א צויבערער, וואס האט געהערשט איבער אלע בעשעפענישען פון דער וועלט, אזוי איז אויך בלעם וואהרשיינליך געווען אין דער זאגע פון די אדומים א פּאעט און א צויבערער. א זעהער, א פּאעט און א מכשף זיינען זעהר נאהנט געווען איינע צו די אנדערע אין יענע צייטען. דאס פאלק האט דעמאלט געגלויבט, אז ווען דער פּאעט רעדט ארויס א ברכה אדער א קללה אונטער געוויסע רעליגיעזע צערעמא־ניעס, מוז עס מקוים ווערן. דאס בעגייסטערטע ווארט פון פּאעט האט פאר יענע מענשען געהאט א געטליכע קראפט אין זיך.

די לעגענדארישע פיגור פון בלעם׳ען האבען, ווי עס שיינט, די אי־דען אין דרום פון ארץ ישראל איבערגענומען פון די אדומים, מיט וועמען זיי האבען געלעבט אין נאהנטער שכנות. א אידישער פּאעט בעזינגט דערום די גרויסקייט און די מאכט פון זיין פאלק דורכ׳ן מויל פון יע־נעם אדום׳ישען פּאעט און זעהער, וועלכער האט געלעבט אין דער

אוראַלטער צייט. דער פּערפאסער פון אַט די געזאַנגען האָט וואהר־שיינליך געלעבט אין דער צייט פון דוד'ן, וועלכער האָט אונטעריאָכט מואב און אדום. מעגליך אַז דער דאָזיגער פּאָעט איז געווען אַ הויף־זינגער ביי דוד'ן און מיט אַט די געזאַנגען האָבען אידען עמפּפאַנגען דוד'ס חיל, בשעת ער איז צוריקגעקומען אין ירושלים רייך מיט נצחון און בעלאַדען מיט רויב.

בלעם'ס ברכות און נבואות שפּילען זיך אָב אין דעם געגענד פון בארג נבו, וועלכער צווייגט זיך אָב פון דעם הויכלאַנד פון מואב צו דעם טאָל פון ירדן, אומגעפעהר אין מזרח־זייט פון יריחו. די צייט פון דער פּאַסירונג איז די אוראַלטע, ווען משה פיהרט די אידען דורכ'ן מדבר איינצונעהמען דאָס לאַנד כנען. די אידען האַלטען זייער לאַגער אין די פעל־דער פון מואב. פון די שפּיצען צו־פוסען פון אַט דעם הויכלאַנד, וועלכע טראָגען פערשידענע נעמען, ווי: פסגה, פעור, במת־בעל, קוקט מען אריי־בער דעם ירדן־טאָל ווייט צו דעם הויכלאַנד פון יהודה. אין אַ קלאָרען וועטער זעהט מען נאָך היינט דאָרטען די טורעמס פון הר־הזיתים און די ווייסע הייזער פון בית־לחם. פון יענעם געגענד אויס האָט משה בעַ־קוקט דאָס לאַנד פון זיין פאָלק'ס צוקונפט. פון דיזעלביגע הויכע פעל־צער זעהט בלעם דאָס פאָלק ישראל לאַגערענדיג אונטען און בעטראַכט זיי מיט'ן טיפען קוק פון אַ זעהער.

אין דער שפּעטערדיגער אידישער טראַדיציע ווערט בלעם מעהרס־טענס פערדאַמט און בעצייכענט אלס „רשע“. אבער אפילו פון די בעלי־אגדה האָט איינער געזאָגט, אַז ביי אידען איז מעהר ניט געווען אַזאַ נביא ווי משה, אבער ביי די אומות העולם איז עס יאָ געווען, דאָס איז בלעם. אין דער סדרה „בלק“ איז בלעם יעדענפאַלס פאָרגעשטעלט אלס נביא און בעגייסטערטער זעהער. דער אופן ווי בלעם בעקומט די נבואה, דורך אַן אויסערגעוועהנליכען עקסטאַז, „פאַלענדיג מיט אָפענע אוי־גען“, איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר די אידישע נביאים פון דער על־טערער צייט. שאול, למשל, ווערט פערכאַפּט פון עקסטאַז פון די בני הנביאים און פאַלט צו דר'ערד און רייסט אראָב די קליידער פון זיך אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט (שמואל א, י"ט 24). אלישע בעַ־

קומט אנדערש ניט דעם רוח הנבואה סיידען מ׳ברייננט צו איהם א שפּילער. פון די מוזיק פאלט ער אריין אין אן עקסטאז און הייבט אן צו זאָגען נביאות (מלכים ב, ג 15—19). מיר זעהען דערפון, אז בלעם דער גאָט־זעהער שטעלט פאר די נבואה ביי אידען אין איהר פּרימיטי־ווען צושטאנד, ווען דער נביא איז נאָך געווען א וואונדער־טוער, א צויבערער. די זאגע פון יענער צייט שטעלט דעריבער פאָר משה׳ן, ווי ער בעווייזט פאר פּרעה׳ן אלערליי וואונדער מיט זיין צויבערשטעק־קען. די עלטערע זאגען וועגען שמואל׳ן שטעלען איהם אויך פאָר אלס טרעפער. ווען ביי איינעם איז וואָס פערלאָרען געגאנגען, פלעגט ער קומען צו שמואל׳ן, דעם זעהער, און ער פלעגט איהם שוין זאגען וואו די זאך געפינט זיך (שמואל א, ט 6—9). די פיגור פון בלעם׳ען, ווי זי שטעהט פאר אונז אין די געזאנגען און אין די זאגען פון חומש, איז דערפאר זעהר אינטערעסאנט, ווען מ׳וויל פערשטעהן ווי די נבואה האָט זיך ביי אידען ענטוויקעלט פון איהרע ערשטע פּרימיטיווע פאָרמען, ביז זי האָט דערגרייכט איהר העכסטען פונקט אין די גרויסע שריפט־ליכע נביאים פון דער אשור׳ישער און כאלדעאישער עפּאָכע.

בלעם׳ס נבואות זיינען ניט ערשט שפּעטער צוגעשריבען געוואָרען בלעם׳ען, נור זיינען לכתחילה אלס אזוינע פערפאסט געוואָרען. אין משה׳ס ברכה, למשל, זאָגט בלויז דער צונויפשטעלער פון חומש, אז דאָס איז די ברכה וואָס משה האָט געבענטשט אידען; דער טעקסט גופא אבער האָט צו משה׳ן קיין שייכות ניט. עס הייסט: פריהער איז געשאפען געוואָרען די פּאָעמע און נאָכהער, ווען זי איז שוין פּאָ־פּולער געווען, האָט מען זי צוגעשריבען משה׳ן. אין בלעם׳ס נבואות אבער, אפילו ווען עס שטעהט ניט ביים אָנהויב, אז בלעם האָט אויפ־געהויבען זיין משל און געזאָגט, קען מען זעהן פון זייער אינהאלט גופא, אז דאָס רעדט בלעם אין זיי. דער פּאָעט האָט זיך געשטיצט, ווי עס שיינט, אויף אן אלטער זאגע וועגען בלק׳ן און בלעם׳ען. אויב ער האָט די זאגע געלעזען אין דער פאָרם ווי מיר האָבען זי אין חומש, אָדער ער האָט זי געהערט אויסוועניג. לאנג איידער זי האָט נאָך געהאט א שריפטליכע פאָרם און ערשט א שפּעטערדיגער שרייבער האָט אויפ־

געשריבען די זאגע און זי צונויפגעוועבט מיט די געזאנגען. דאס קען מען ניט בעשטימען. יעדענפאלס אבער קאן מען איצט ניט אבשיידען די בלעם־געזאנגען פון די שטיקער פראזא וואס בינדען זיי צוזאמען.

און בלק האט געהערט, אז בלעם קומט, איז ער איהם ארויס־געגאנגען אנטקעגען אין ער מואב[48], וואס איז ביים גרעניץ פון ארנון, וואס איז ביים ברעג פון גרעניץ. און בלק האט געזאגט צו בלעם׳ען: „האב איך דען ניט געשיקט צו דיר דיך רופען, ווארום ביסטו ניט געגאנגען צו מיר? קען איך דיר דען ניט אבגעבען כבוד?“ און בלעם האט געזאגט צו בלק׳ן: „אט בין איך איצטער געקומען צו דיר, קאן איך דען עפעס רעדען? דאס ווארט וואס גאט וועט ארייגלעגען אין מיין מויל, דאס וועל איך ריי־דען“. און בלעם איז געגאנגען מיט בלק׳ן און זיי זיינען געקומען אין קרית חצות[48]. און בלק האט געשאכטען רינדער און שאף און געשיקט צו בלעם׳ען און צו די הארען וואס זיינען געווען מיט איהם. און ס׳איז געווען אין דער פריה, האט בלק גענומען בלעם׳ען און איהם ארויפגעבראכט אויף במות־בעל[49], און ער האט געזעהן פון דארטען דעם זוים פון פאלק[50]. און בלעם האט געזאגט צו בלק׳ן: „בוי מיר דא אויף זיבען מזבחות און גרייט מיר דא אן זיבען יונגע אקסען און זיבען ווידערס“. און בלק האט געטאן ווי בלעם האט געזאגט, און בלק (און בלעם) האט ארויפ־געבראכט א יונגען אקס און א ווידער אויף א מזבח. און בלעם האט געזאגט צו בלק׳ן: „בלייב דא שטעהן ביי דיין גאנצאפפער און איך וועל אוועקגעהן, אפשר וועט מיר קומען יהוה אנטקעגען, און וואס פאר א זאך ער וועט מיך לאזען זעהן, וועל איך דיר זאגען“: און ער איז געגאנגען אליין[51]. און גאט איז געקומען בלעם׳ען אנטקעגען און ער האט צו איהם געזאגט: „די זיבען מזבחות האב איך צוגעריכט און האב ארויפגעבראכט א יונגען אקס און א ווידער אויף א מזבח“. און יהוה האט ארייגעלעגט א ווארט אין בלעם׳ס מויל און געזאגט: „קעהר צוריק צו בלק׳ן

און אזוי זאָלסטו רײדען". און ער האָט צוריקגעקעהרט צו איהם, און נון, ער שטעהט נאָך ביי זיין גאַנצאָפּפער, ער און אלע הארען פון מואב. און ער האָט אויפגעהויבען זיין משל(52 און געזאָגט:

פון אדום(53 פיהרט מיך בלק,
מואב׳ס קיניג — פון די מזרח-בערג(54:
„קום, שילט פאר מיר יעקב,
און קום, פלוך פאר מיר ישראל!"
ווי קאָן איך שילטען ווען גאָט שילט ניט?
און ווי קאָן איך פלוכען ווען יהוה פלוכט ניט?

דען פון שפּיץ פון פעלזען זעה איך איהם,
און פון בערגלעך קוק איך איהם אָן —
דאָס איז אַ פאָלק וואָס וואוינט בעזונדער,
און ווערט ניט גערעכענט צווישען די פעלקער(55.

ווער האָט געצעהלט דעם שטויב פון יעקב,
און ווער האָט געצעהלט די צעהנטויזענדע פון ישראל?(56
זאָל שטאַרבען מיין זעל דעם טויט פון די רעכטפערטיגע,(57
און מיין סוף זאָל זיין אַזוי ווי זיינער!

און בלק האָט געזאָגט צו בלעם׳ען: „וואָס האָסטו מיר גע-טאָן? צו שילטען מיינע פיינד האָב איך דיך גענומען, און נון, בענטשען האָסטו גאָר געבענטשט". און ער האָט געענטפערט און געזאָגט: „פאָרוואָהר, וואָס יהוה וועט אריינלעגען אין מיין מויל, דאָס וועל איך היטען צו ריידען". און בלק האָט צו איהם גע-זאָגט: „קום מיט מיר אין אַן אנדער אָרט(58, וואָס דו וועסט איהם זעהן פון דאָרטען, אָבער נור דעם זוים פון איהם וועסטו זעהן, אָבער אין גאַנצען וועסטו איהם ניט זעהן, און שילט איהם פאר מיר פון דאָרטען." און ער האָט איהם גענומען קיין שדה-

צופים, אויפ׳ן שפיץ פון פסגה, און ער האָט אויסגעבויט זיבען מזבחות און האָט ארויפגעבראכט אַ יונגען אָקס און אַ ווידער אויף אַ מזבח. און ער האָט געזאָגט צו בלק׳ן: „בלייב דאָ שטעהן ביי דיין גאַנצאָפּפער און איך וועל דאָ געהן אנטקעגען״. און יהוה איז געקומען בלעם׳ען אנטקעגען און אריינגעלעגט אַ וואָרט אין זיין מויל און געזאָגט: „קעהר צוריק צו בלק׳ן און אַזוי זאָלסטו ריידען״. און ער איז געקומען צו איהם, און נון, ער שטעהט נאָך ביי זיין גאַנצאָפּפער און די הארען פון מואב מיט איהם. און בלק האָט צו איהם געזאָגט: „וואָס האָט יהוה גערעדט?״ און ער האָט אויפגעהויבען זיין משל און געזאָגט:

שטעה אויף, בלק, און האָרך,
נייג מיר צו אַן אויער, זוהן פון צפור!
גאָט איז ניט קיין מענש, וואָס זאָל זאָגען ליגען,
און ניט קיין זוהן פון אדם, וואָס זאָל חרטה האָבען.
אַז ער האָט געזאָגט, צו וועט ער ניט טאָן?
און אַז ער האָט גערעדט, צו וועט ער עס ניט אויספיהרען?

נון, צו בענטשען בין איך געבראכט געוואָרען:
וועל איך בענטשען און ניט צוריקנעהמען.
מ׳קוקט ניט אָן קיין אומגליק אין יעקב,
און מ׳זעהט ניט קיין צרות אין ישראל.
יהוה, זיין גאָט, איז מיט איהם,
און דער יובעל פון מלך איז אין איהם(59).

גאָט פיהרט איהם ארויס פון מצרים,
הויכע הערנער האָט ער ווי אַ ווילדער אָקס.
(ניטאָ קיין טרעפעריי אין יעקב,
און קיין כשוף אין ישראל,
אין דער צייט ווערט געזאָגט צו יעקב,

און צו ישראל וואָס גאָט טוט(60).
דאָס איז א פאָלק וואָס שטעהט אויף ווי א לייבין,
און ווי אַ לייב דערהייבט ער זיך:
ער הויערט ניט ביז ער עסט ניט קיין רויב,
און טרינקט ניט קיין בלוט פון דערשלאָגענע.

און בלק האָט געזאָגט צו בלעם'ען: „ניט שילט איהם, ניט בענטש איהם!" און בלעם האָט געענטפערט און געזאָגט צו בלק'ן: „פאררוואָהר, איך האָב געזאָגט צו דיר אַזוי: אַלץ וואָס יהוה וועט זאָגען, דאָס וועל איך טאָן". און בלק האָט געזאָגט צו בלעם'ען: „קום, כ'וועל דיך נעהמען אין אַן אַנדער אָרט און שילט איהם פאר מיר פון דאָרטען". און בלק האָט גענומען בלעם'ען אויפ'ן שפּיץ פון פעור, וואָס קוקט ארוים אויפ'ן פלאַך פון דער וויסטעניש(61). און בלעם האָט געזאָגט צו בלק'ן: „בוי מיר דאָ אויף זיבען מזבחות און גרייט מיר דאָ אָן זיבען יונגע אָקסען און זיבען ווידערס". און בלק האָט געטאָן ווי בלעם האָט געזאָגט און געבראכט אַ יונגען אָקס און אַ ווידער אויף אַ מזבח. און בלעם האָט געזעהן, אַז ס'איז וואויל אין די אויגען פון יהוה צו בענטשען ישראל, און ער איז ניט געגאנגען ווי די פריהערדיגע מאָל זוכען כשוף-צייכענס, און ער האָט געקעהרט זיין פנים צום מדבר(62). און בלעם האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און געזעהן ווי ישראל לאגערט שבטים'ווייז, איז אָנגעקומען אויף איהם דער גייסט פון גאָט. און ער האָט אויפגעהויבען זיין משל און געזאָגט:

דאָס איז די רייד פון בלעם, דער זוהן פון בעור,
און די רייד פון דעם מאַן וואָס זיין אויג איז אנטפלעקט;
די רייד פון דעם וואָס הערט גאָט'ס ווערטער,
וואָס די זעהונג פון שדי(63) טוט ער זעהן,
ער פאלט און זיינע אויגען זיינען אָפען.

ווי ליב זיינען דיינע געצעלטען, יעקב,
דיינע וואוינונגען, ישראל!
ווי טאָלען וואָס ציהען זיך ווייט אַוועק,
ווי גערטנער ביי אַ טייך,
ווי בשמים-בוימער[64] וואָס יהוה האָט געפלאַנצט,
ווי צעדערן ביי אַ וואַסער.
וואַסער פליסט פון זיינע עמערס,
און זיין זאָמען איז אין פיעל וואַסערן,
און איבער אגג'ן דערהייבט זיך זיין קיניג,[65]
און דערהויבען ווערט זיין קיניגרייך.

גאָט פיהרט איהם ארויס פון מצרים,
הויכע הערנער האָט ער ווי אַ ווילדער אָקס,
ער פערצעהרט פעלקער, זיינע דריקער,
און זייערע ביינער צוברעכט ער,
און זייערע לענדען צושמעטערט ער[66].
ער קניהט און הויערט ווי אַ לייב,
און ווי אַ לייבין: ווער קאָן איהם אויפהייבען?

דיינע בענטשערס זאָלען זיין געבענטשט,
און דיינע שילטער זאָלען זיין פערשאָלטען.

און בלק'ס צאָרן האָט זיך צוברענט געגען בלעם'ען, און ער האָט געפּאַטשט מיט זיינע הענד. און בלק האָט געזאָגט צו בלעם'ען: „צו שילטען מיינע פיינד האָב איך דיך גערופען, און נון, בענטשען האָסטו גאָר געבענטשט שוין דריי מאָל. און איצט אַנטלויף דיר צו דיין אָרט, האָב געמיינט איך וועל דיר אָבגעבען כבוד, און נון האָט יהוה דיך פערמיידט פון כבוד". און בלעם האָט געזאָגט צו בלק'ן: „פאַרוואָהר, שוין צו דיינע שלוחים וואָס דו

האָסט געשיקט צו מיר האָב איך געזאָגט אזוי : אויב בלק וועט מיר אפילו געבען זיין הויז פול מיט זילבער און גאָלד קאָן איך ניט אריבערטרעטען יהוה׳ס בעפעהל צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס פון מיין הארץ; וואָס יהוה רעדט, דאָס רייד איך. און איצט געה איך צו מיין פאָלק; קום, איך וועל דיר ראָטען וואָס דאָס דאָזיגע פאָלק וועט טאָן צו דיין פאָלק ביים ענד פון די טעג". און ער האָט אויפגעהויבען זיין משל און געזאָגט:

דאָס איז די רייד פון בלעם, דער זוהן פון בעור,
און די רייד פון דעם מאָן וואָס זיין אויג איז אָנטפּלעקט :
די רייד פון דעם וואָס הערט גאָט׳ס ווערטער,
און וויים דאָס וויסען פון דעם העכסטען,
די זעהונג פון שדי[63] טוט ער זעהן,
ער פאָלט און זיינע אויגען זיינען אָפען.

איך זעה איהם, אָבער ניט איצטער,
איך קוק איהם אָן, אָבער ניט נאָהנט:
עס געהט אויף אַ שטערן פון יעקב,
עס דערהייבט זיך אַ צעפּטער פון ישראל,
און צושמעטערט די שלייפען פון מואב,
און דעם שייטעל פון אלע קינדער פון שת[67].
און אדום ווערט א ירושה[68],
און ישראל זאמעלט קראפט:
און יעקב בעהערשט זיינע פיינד,
און פערטיליגט דעם אנטרונענעם פון שעיר[69].

און ער האָט געזעהן עמלק, האָט ער אויפגעהויבען זיין משל און געזאָגט:

דער אָנהויב פון די פעלקער איז עמלק,
און זיין ענד איז צום אונטערגאנג.[70]

און ער האָט געזעהן דעם קיני, האָט ער אויפגעהויבען זיין משל און געזאָגט:

שטאַרק איז דיין וואוינונג,
און אין פעלז דיין נעסט געבויט;[71]
דאָך וועט קין פערטיליגט ווערן,[72]
ווי לאַנג נאָך, וועט אשור דיך נעהמען געפאנגען.

און ער האָט אויפגעהויבען זיין משל און געזאָגט:

וועה, ווער קאָן לעבען ווען גאָט טוט אַזוי וואָס![73]
און שיפען קומען פון כתים,
און זיי פייניגען אשור און פייניגען עבר,
און אויך ער וועט אונטערגעהן.

און בלעם איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאנגען און צו־ריקגעקעהרט צו זיין אָרט און אויך בלק איז אַוועקגעגאנגען אויף זיין וועג.

(במדבר כ"ב 36 — כ"ד 25)

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

די דריי קורצע נבואות אויף עמלק, קיני און אשור און עבר האָבען צו בלעם'ען קיין שייכות ניט און האָבען אויך לכתחילה קיין פערבינדונג ניט געהאט מיט די בלעם־געזאנגען. ערשט שפּעטער זיינען זיי פעראייניגט געוואָרען אין איין גרופּע לידער.

די אשור פון די דאָזיגע נבואות איז ניט די גרויסע וועלט־מלוכה פון נינוה, נור א געגענד ווייט אין דרום פון ארץ ישראל. די נאָמאדען פון אָט דעם געגענד זיינען עס די אשורים, וועלכע ווערן דערמאָנט צווישען קטורה'ס קינדער (בראשית כ"ה 3; זעה אויך תהלים פ"ג,

9). עבר איז דער געביט אין מערב פון וואדי סוראן ביז וואדי אריש (נחל מצרים אין תנ"ך, מוצרי ביי די מאָדערנע ביבעל־קריטיקער).

אויף וועלכע פּאסירונגען און צושטענדע די נבואות בעציהען זיך איז שווער צו זאָגען. ס'איז מעגליך, אז זיי בעציהען זיך אויף די מלחמות וואס שאול און דוד האָבען געפיהרט געגען די נאָמאָדען־שבטים אין דרום פון ארץ ישראל (זעה שמואל א, ט"ו; כ"ז 7—11). יעדענפאלס אבער שטאמען זיי פון א גאנץ אלטער צייט.

די קאָמפּאָזיציע פון בלעם'ס געזאַנגען.

בלעם'ס געזאנגען צופאלען אין דריי סצענעס, וואס יעדערע פון זיי שפּילט זיך אָב אין אן אנדער אָרט. אויף די ערשטע צוויי סצענעס קומט אוים צו איין געזאנג, אויף די דריטע סצענע אבער קומען אוים צוויי געזאנגען.

ערשטע סצענע: בלק און בלעם קומען אן אין במת־בעל. בלעם לאָזט צוערשט בלק'ן אויפבויען זיבען מזבחות און אויף איטליכען מזבח אָפּפערען א יונגען אָקס און א ווידער, און אליין געהט ער אוועק קריגען גאָט'ס גייסט. יהוה טרעפט זיך צו איהם. ער קעהרט צוריק צו בלק'ן און דערקלערט אין א געזאנג, אז ער קאן אידען ניט שילטען, מחמת יהוה האט פאר זיין פאלק בלויז ברכות, אבער נישט קיין קללות. דאן לויבט ער אידען, ווי זיכער זיי זיינען געגען זייערע פיינד און ווי רייך זיי זיינען אין צאָהל.

צווייטע סצענע: בלק מאכט בלעם'ען א פאַרוואורף פאַרוואס אנ־שטאָט שילטען בענטשט ער גאר די אידען, אבער ער האפט אויף א גינסטיגע ווענדונג דורך א „שנוי המקום". ער פיהרט אוועק בלעם'ען אויפ'ן שפּיץ פון פסגה, בויט ווידער אוים זיבען מזבחות און אָפּפערט א יונגען אָקס און א ווידער אויף איטליכען מזבח. אָבער בלק בלייבט אויך דעם מאָל ענטוישט. בלעם קעהרט צוריק און דערקלערט אין זיין צווייטען געזאנג, אז ווען יהוה האט איינמאָל בעשלאָסען צו בענטשען אידען, וועט ער שוין דעם בעשלוס ניט מעהר ענדערען. ער לויבט דאן

דעם בליהענדיגען צושטאנד פון אידען און זייערע גרויסע ערֿאָבערונגען, וואָס קומען דערפון וואָס יהוה איז אלעמאל מיט זיי.

דריטע סצענע: בלק האָט נאָך אלץ ניט אויפגעגעבען די לעצטע האָפנונג ארויסצוקריגען א קללה אויף אידען פון בלעם'ס מויל. דערווארטענדיג ווידער א גינסטיגע ווענדונג פון א „שנוי המקום", פיהרט ער ענדליך ארויף דעם פּאָעט און זעהער אויפ'ן שפּיץ פון פּעור, וואָס אויף איהם שטעהענדיג קוקט זיך אָב דער גאנצער טאָל אונטער דעם הויכלאנד פון מואב און מ'קאן בעקוקען דאָס גאנצע אידישע פאָלק, ניט בלויז איין טייל פון איהם, ווי אין די פריהערדיגע צוויי סצענעס. בלק פאלגט בלעם'ען און ברייגגט ווידער דיזעלביגע קרבנות ווי אין די פריהערדיגע סצענעס, אבער דעם מאל געהט בלעם ניט אוועק צו בעקומען צייכענס פאר זיין נביאות. ווי ער דערזעהט נור דאָס פאלק ישראל אונטען אין טאָל, ווערט ער גלייך פול מיט גאָט'ס גייסט, און אין א צושטאנד פון עקסטאז זאָגט ער ווידער ארויס א ברכה אויף אידען. ער לויבט צוערשט די שענקייט פון ישראל'ס געצעלטען און הייזער; אין זיינע פערגלייכונגען זוכט ער אויס דאָס שענסטע וואָס האָט דענסטמאָל דערפרעהט דאָס מענשליכע הארץ: וואסער און בוימער. וואו עס שפּרייטען זיך אויס פרוכטבארע טאָלען, דורכגעשטראמט מיט זילבערנע טייכלעך, וואו מעכטיגע בוימער ביי א טייך הייבען אויף זייערע ריזיגע קעפּ קעגען הימעל — דאָרטען איז געוועזען גאָט'ס גארטען פאר די אידען פון דער ביבלישער צייט. אט די שענע, געלוסטיגע בוימער, האָבען זיי דעמאלט געגלויבט, האָט יהוה אליין געפלאנצט מיט זיין אייגענער האנד. נאָך דער פרוכטבארקייט פון ישראל'ס לאנד לויבט דער זינגער ישראל'ס מיליטערישע מאכט און שאול'ס טריאומף איבער אגג מלך עמלק.

איצט איז בלק אין גאנצען ענטוישט. זיין צאָרן צינדט זיך אָן וועגען בלעם'ען, וועמען ער הייסט שנעל זיך אָבטראָגען פון דאנען. אבער איידער בלעם געהט אוועק אהיים, לאָזט ער נאָך בלק'ן הערען זיין פיערטען געזאנג, אין וועלכען זיין לויב פון ישראל'ס גרויסקייט און מאכט דערגרייכט דעם העכסטען פונקט. ער שילדערט אין א געהיימ־

ביספולען טאָן, ווי ער זעהט פון ווייטען הינטערגרונד זיך ארויסהייבענדיג די געשטאַלט פון צוקינפטיגען אידישען קעניג. צוערשט איז די געשטאַלט גאנץ טונקעל, אָהן בעשטימטע פארמען; ביסלעכווייז ווערט זי אָבער אַלץ דייטליכער און קלערער, ביז צום סוף זעהט ער זי לייכטענדיג מיט׳ן גלאַנץ פון א שטערן. זי האלט א צעפּטער אין האנד און צושמעטערט דערמיט צוויי פעלקער: בלק׳ס פאלק, מואב, און בלעם׳ס פאָלק, אדום.

דידאַקטישע געזאַנגען

אינהאַלט:

משה׳ס גנזאנג
דוד׳ס לעצטע רייד

משה'ס געזאנג.

איינפיהרונג.

דער געזאנג וואס ווערט צוגעשריבען משה'ן און הייסט דערום „משה'ס געזאנג" איז א גאנץ אנדער זארט ליד איידער די סעריע ברכות וואס ווערט אויך צוגעשריבען משה'ן און ווערט דערום אנגע־רופען משה'ס ברכה. משה'ס ברכה, ווי אויך יעקב'ס ברכה, זיינען פאעמען פון דער ערשטער פעריאדע פון דער ביבלישער ליטעראטור, פון יענער אלטער, גוטער צייט, ווען אידען זיינען געווען שטארק און זיכער און האבען קיין מורא ניט געהאט פאר קיין פיינד ארום. ניטא דערפאר אין זיי קיין ווארט מכוח אראבגעהן פון ריכטיגען וועג און דינען פרעמדע געטער. איטליכע שורה אטעמט מיט צופרידענקייט און פרייד. משה'ס געזאנג דאגעגען איז א פאעמע פון דער נייער, קריי־טישער צייט, וועלכע האט זיך אנגעהויבען מיט'ן אכטען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). יעטווידע שורה אטעמט מיט ביטערקייט און פערצווייפלונג. אידען געפינען זיך אין א מורא'דיגען קריזיס. זיי שטעהען ביים ברעג פון אן אבגרונד. עס פעהלט ניט פיעל און זיי פערשווינדען אין גאנצען פון דער וועלט אלס בעזונדערע פאלק. אט די שרעקליכע לאגע דערוועקט די מוזע פון דעם גרויסען ביבלישען זינגער, און ער שאפט א דערהויבענע פאעמע, פול מיט בלוטיגער ערנסטקייט און רעליגיעזער בעגייסטערונג. אזוי שטארק און איינדרוקס־פול איז אט די פאעמע, אז א צונויפשטעלער פון חומש האט צוגעשריבען צו איהר אן איינפיהרונג אין פראזא, וואו ער דערקלערט זי אלס משה'ס „שוואנענגעזאנג". פאר'ן שטארבען, דערצעהלט אט דער פראזא־שרייבער, האט דער גרויסער פאלקס־פיהרער צוזאמענגערופען אלע אידען און זיי פארגעלעזען דעם דאזיגען געזאנג און זיי געהייסען איהם אויסלערנען אויף אויסווענדיג, כדי דאס זאל בלייבען פאר אן עדות אין שפעטערדיגע, שלעכטע צייטען.

די פּאָעמע איז פול מיט שטרייגנגען מוסר און ביטערע פאַר־וואורפען. אבער דאָך איז די ביטערקייט דורכגענומען מיט א זיסער צערטליכקייט, און ביים ענד ווארפט דער פּאָעט אין גאנצען דעם טאָן פון א שטראַפער און געהט אריבער אין טרייסטונגען און פערשפּרע־כונגען אויף א בעסערער, גליקליכער צוקונפט.

דער פערפאסער פון משה׳ס געזאנג איז ניט אזוי פיעל א פּאָעט ווי א רעליגיעזער לעהרער און א געשיכטס־פילאָזאָף, און זיין פּאָעמע איז דורך און דורך דידאקטיש, בעלעהרענד; זי איז ניט אזוי פיעל פּאָעזיע ווי געשיכטס־פילאָזאָפיע אין א פּאָעטיש־קינסטלערישער פאָרם. ער רופט דעריבער אין פּראָלאָג דעם הימעל און די ערד, זיי זאָלען איהם אויפמערקזאם צוהערען; וואָרים ער איז ניט קיין פּאָעט וואס זינגט לידער פון פרייד און נצחון. ער וויל, אז זיינע רייד זאָלען טריפען ווי רעגען אויף גראז, זיי זאָלען אריינדרינגען אין די הערצער פון די קינדער פון זיין פאלק און זיי ארויספיהרען אויף א בעסערן וועג אין זייער צוקינפטיגען לעבען.

בעשטימען גענויער ווען משה׳ס געזאנג איז פערפאסט געווארען איז ניט מעגליך, מחמת עס שפּיגעלט זיך דערין אָב א פּאָליטישער קריזיס אין אידישען לעבען מיט א גוטער אויסזיכט אויף דער צו־קונפט. אזעלכענע קריזיסען האָבען געהערשט פיעל מאָל ביי אידען אין פערשידענע תקופות פון דער ביבלישער היסטאָריע. מאנכע בי־בעל־קריטיקער נעהמען אָן, אז דער געזאנג שטאמט פון דער צייט פון יהואחז בן יהוא מלך ישראל (מלכים ב, י״ג) און ער האָט שטארק בעאיינפלוסט די ערשטע שריפטליכע נביאים. לויט אנדערע ביבעל־קריטיקער איז ער פערפאסט געווארען קורץ פאר׳ן חורבן פון שמרון אָדער פאר׳ן חורבן פון ירושלים, און ניט די שריפטליכע נביאים זייי־נען בעאיינפלוסט געוועזן פון דעם פּאָעט, נור אומגעקעהרט: דער פּאָעט האָט אויסגעדריקט אין א פּאָעטיש־קינסטלערישער פאָרם דעם תמצית פון דער לעהרע פון די נביאים. אז דער געזאנג זאָל האָבען פער־פאסט געווארען ביים ענד פון גלות בבל, בעת אידען האָבען געהאפט צוריקצוקעהרען באלד אין זייער לאנד, ווי מאנכע ביבעל־קריטיקער

בעהויפּטען, איז זעהר אונוואהרשיינליך; מחמת לויט דעם געזאנג שטעהט אידען בלויז פאָר א געפאהר אונטערצוגעהן, אָבער זיי האָבען נאָך דערוויל זייער פּאָליטישע זעלבשטענדיגקייט ניט פערלאָרען.

און יהוה האָט געזאָגט צו משה'ן: דו לעגסט זיך מיט דיינע פאָטערס[1], און דאָס דאָזיגע פאָלק וועט אויפשטעהן און זיך אָבקעהרען צו פרעמדע געטער (פון לאנד וואָס ער איז דאָרטען אריינגעקומען אין איהם), און ער וועט מיך פערלאָזען און פערשטערען דעם בונד וואָס איך האָב געשלאָסען מיט איהם. און עס וועט זיך צוברענען מיין צאָרן אויף איהם אין יענעם טאָג (און איך וועל זיי פערלאָזען און מיין פנים פערבאָרגען פון זיי, און זיי וועלען ווערן אַ רויב[2] און עס וועלען איהם טרעפען אומגליקען פיעל און צרות, און ער וועט זאָגען אין יענעם טאָג: פאַרוואָהר, ווייל מיין גאָט איז אין מיר ניטאָ האָבען מיר געטראָפען די דאָזיגע אומגליקען. (און איך וועל טאָן פערבאָרגען מיין פנים אין יענעם טאָג איבער אַל דאָס בייז וואָס ער האָט געטאָן, וואָרים ער האָט זיך אַוועקגעקעהרט נאָך פרעמדע געטער). און איצטער פערשרייב זיך[3] דעם דאָזיגען געזאנג און לערען איהם די קינדער פון ישראל, לעג איהם אריין אין זייער מויל, כדי עס זאָל מיר דער דאָזיגער געזאנג זיין אַן עדות געגען די קינדער פון ישראל, (וואָרים איך וועל איהם ברייגנען אין דאָס לאנד וואָס איך האָב צוגעשוואָרען זיינע פאָטערס, וואָס רינט אַריבער מיט מילך און האָניג, און ער וועט עסען, און וועט זאַט ווערן, און וועט פעט ווערן, און וועט זיך אַוועקקעהרען נאָך פרעמדע געטער, און זיי וועלען זיי דינען און מיך פערוואַרפען און פערשטערען מיין בונד. און עס וועט זיין ווען עס וועלען איהם טרעפען אומגליקען פיעל און צרות, וועט דער דאָזיגער געזאנג זיך אָנרופען געגען איהם אלס עדות) דען ער וועט ניט פערגעסען ווערן פון מויל פון זיינע קינדער; וואָרים איך וויים זיין געדאנק[4] וואָס ער שאפט שוין היינט, נאָך איידער איך ברייגג איהם אין דאָס לאנד וואָס

איך האָב צוגעשוואָרען. און משה האָט אויפגעשריבען דעם דאָזיגען געזאנג אין יענעם טאָג און איהם געלערענט די קינדער פון ישראל.

און ס׳איז געווען ווען משה האָט געענדיגט שרייבען די רייד פון אָט דעם געזאַנג[5] אויף אַ בוך[6], ביז זייער סוף, האָט משה אָנגעזאָגט די לויים, וועלכע טראָגען דעם ארון פון יהוה׳ס בונד, אַזוי: נעהמט דאָס דאָזיגע בוך פונ׳ם געזאנג[5] און לעגט עס אַוועק ביי דער זייט פון ארון פון דעם בונד פון יהוה, אייער גאָט, און זאָל עס דאָרטען זיין געגען דיר אלס עדות. וואָרים איך וויים דאָך דיין ווידערשפעניגקייט און דיין הארטנעקיגקייט; אָט היינט, ווען איך לעב נאָך מיט אייך, זייט איהר ווידערשפעניגערם געווען געגען גאָט, אַ פשיטא שוין נאָך מיין טויט. פערזאמעלט צו מיר אלע עלטסטע פון אייערע שבטים און אייערע אויפזעהער, און איך וועל ריידען אין זייערע אויערן די דאָזיגע רייד, און איך וועל שטעלען פאר עדות געגען זיי די הימלען און די ערד. וואָרים איך וויים נאָך מיין טויט, אז פערדארבען וועט איהר פערדארבען (און איהר וועט אראָבגעהן פון דעם וועג וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט, און עס וועט אייך טרעפען דאָס אומגליק ביים ענד פון די טעג, ווען איהר וועט טאָן וואָס ס׳איז שלעכט אין די אויגען פון יהוה, איהם צו דערצאָרענען מיט דער טואונג פון אייערע הענד). און משה האָט גערעדט אין די אויערן פון דער גאַנצער פערזאמלונג פון ישראל די רייד פון דעם דאָזיגען געזאנג ביז זייער סוף.

נייגט צו אן אויער, הימלען, און איך וועל ריידען,
און זאָל די ערד הערען די זאָג פון מיין מויל!
זאָל טריפען ווי רעגען מיין לערנונג,
זאָל רינען ווי טוי מיין זאָג,
ווי אַ גוסרעגען אויף גרינס,
און ווי אַ שפריירעגען אויף גראָז!

וואָרים יהוה׳ס נאָמען[7] וויל איך רופען:
גיט גרויסקייט צו אונזער גאָט!

דער פעלז! גאַנץ איז זיין ווערק:
וואָרים אַלע זיינע וועגען זיינען מיט רעכט.
אַ גאָט פון טריישאַפט און אָהן אומרעכט:
גערעכט און גראַד איז ער!

פערדאָרבען האָבען זיי געגען איהם —
ניט זיינע קינדער, זייער שאַנדפלעק! —
אַ קרומער און פערדרעהטער דור.

אַזוי פערגעלט איהר עס צו יהוה,
איהר, שאַלקהאַפטיג און אומקלוג פאָלק?
ער איז דאָך דיין פאָטער וואָס האָט דיך בעשאַפען,
וואָס האָט דיך געמאַכט און דיך בעפעסטיגט.

געדיינק די טעג פון דער אורצייט,
בעטראַכט די יאָהרען פון די פערגאַנגענע דורות![8]
פרעג דיין פאָטער, און ער וועט דיר דערצעהלען,
דיינע אַלטע לייט, און זיי וועלען דיר זאָגען:

„ווען דער אויבערסטער האָט געגעבען פעלקער זייער אַרב,
„ווען ער האָט צושיידט די קינדער פון אדם,
„האָט ער אַוועקגעשטעלט די גרעניצען פון די פעלקער
„נאָך דער צאָהל פון די קינדער פון ישראל.[9]

„וואָרים יהוה׳ס חלק איז זיין פאָלק:
„יעקב איז דער טייל פון זיין אַרב.

„ער האָט איהם געפונען אין אַ מדבר-לאַנד,
„און אין אַ ווילדער, וואָיענדיגער וויסטעניש:

„ער האָט איהם ארומגערינגעלט, ער האָט איהם אויפגעפּאַסט,
„ער האָט איהם אָבגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון זיין אויג.

„ווי אַן אָדלער וועקט זיין נעסט,
„איבער זיינע אָדלערלעך שוועבט ער,
„ער צושפּרייט זיינע פליגלען, ער נעהמט איהם,
„ער טראָגט איהם אויף זיין פליגעל-אָרעם:

„יהוה אַליין האָט איהם געפיהרט,
„און ניט געוועזן מיט איהם קיין פרעמדער גאָט.

„ער האָט איהם געלאָזט רייטען אויף די הויכען פון לאַנד[10],
„און איהם געשפּייזט מיט די פּרוכטען פון פעלד; [11]
„און ער האָט איהם געלאָזט זויגען האָניג פון פעלז,
„און אויל פון קיזעלשטיין:

„שמאַנט פון רינדער און מילך פון שאָף,
„מיט פעטס פון שעפּסען און ווידערס,
„פון סטאַדעס פון בשן און בעק,
„מיט נירען-פעטס פון ווייץ;
„און ווייץ טרינקסטו, בלוט פון טרויבען".

און ישרון איז פעט געוואָרען און זיך אויסגעבריקט:
— ביסט געוואָרען פעט און דיק און בעלייבט!
און ער האָט פערלאָזען דעם גאָט וואָס האָט איהם בעשאַפען,
און פערמאוס'ט דעם פעלז פון זיין הילף.

זיי האָבען איהם אייפערזיכטיג געמאַכט מיט פרעמדע,
מיט אומווירדיגקייטען האָבען זיי איהם דערצאָרענט.

זיי האָבען געשאָכטען צו שדים[12], ניט קיין גאָט,
געטער וואָס זיי האָבען ניט געקענט,

נייע, ערשט געקומענע,
וואָס אייערע פֿאָטערס האָבען פֿאר זיי ניט געציטערט[13].

דעם פעלז וואָס האָט דיך געבוירען האָסטו פֿערגעסען,
און דו האָסט פֿערלאָזען דעם גאָט,
וואָס האָט דיך מיט וועהען אויף דער וועלט געבראכט[14].

און יהוה האָט עס געזעהן און זיי פֿערוואָרפֿען,
פֿון צאָרן איבער זיינע זיהן און זיינע טעכטער.

און ער האָט געזאָגט:
„איך וועל פֿערבאָרגען מיין פּנים פֿון זיי,
„איך וועל זעהן וואָס וועט זיין זייער סוף:
„וואָרים אַ פֿערקעהרטער דור זיינען זיי,
„קינדער וואָס אין זיי איז קיין טריישאפֿט ניטאָ.

„זיי האָבען מיך אייפֿערזיכטיג געמאַכט מיט אן אומגאָט,
„האָבען מיך דערצאָרענט מיט זייערע נישטיגקייטען,
„און איך וועל זיי אייפֿערזיכטיג מאַכען מיט אן אומפֿאָלק,
„מיט א שאלקהאפֿטיגער נאַציאָן וועל איך זיי דערצאָרענען[15].

„דען אַ פֿייער האָט זיך צופֿלאמט אין מיין נאָז,
„און עס האָט געברענט ביז טיף אין שאול[16];
„און עס האָט פֿערצעהרט די ערד און איהר געוויקס,
„און עס האָט צופֿלאקערט די גרונטען פֿון בערג.

„וועל אָנזאמלען אויף זיי אומגליקען,
„וועל אויסשיסען אויף זיי גאָר מיינע פֿיילען:

„אויסגעצעהרטע פֿון הונגער,
„און אויפֿגעפֿרעסען פֿון פֿעסט-היץ
„און פֿון ביטערן פּלאָג:

„און דעם צאָהן פון ווילדע חיות וועל איך נאָך אָנשיקען אויף זיי,
„מיט גיפט פון די קריכעדיגע אויף דר׳ערד:

„פון דרויסען וועט טויטען דער שווערד,
„און פון אינעווייניג — אַן אימה;
„דעם בחור ווי די בתולה,
„דאָס זויגקינד ווי דעם גראהען מאַן.

„איך האָב געזאָגט: כ׳וועל זיי פערניכטען[17],
„כ׳וועל אויסראָטען פון מענשען זייער געדעכעניש:

״מעהר ניט איך שרעק זיך פאר׳ן כעס פון פיינד,
„טאָמער וועלען זייערע דריקער עס שלעכט פערשטעהן
„טאָמער וועלען זיי זאָגען: אונזער האַנד איז דערהויבען,
„און ניט יהוה האָט דאָס אליץ געטאָן״.

וואָרים זיי זיינען אַ פאָלק וואָס האָט פערלאָרען יעדע עצה,
און ניטאָ אין זיי קיין פערשטאַנדיגקייט:

וואָלטען זיי קלוג געווען, דאָס בעטראכט,
וואָלטען זיי פערשטאַנען זייער סוף.

ווי קאָן איינער נאָכיאגען טויזענד,
און צוויי — צוטרייבען צעהנטויזענד,
אויב זייער פעלז וואָלט זיי ניט פערקויפט,
און יהוה וואָלט זיי ניט איבערגעגעבען?

וואָרים ניט אַזוי ווי אונזער פעלז איז זייער פעלז,
דאָס קאָנען אונזערע פיינד אורטיילען!

דען פון וויינשטאָק פון סדום איז זייער וויינשטאָק,
און פון די פעלדער פון עמורה:
זייערע וויינטרויבען זיינען גיפטיגע וויינטרויבען,
ביטערע הייגגלעך האָבען זיי.

די גיפט פון פיפערנאָטערס איז זייער ווייַן,
און די אונדערבארימליכע גיפט פון שלאַנגען.

דאָס איז בעהאלטען מיט מיר,
פערזיגעלט אין מיינע אוצרות,

פאר דעם טאָג פון נקמה און פערגעלטונג[18],
פאר די צייט ווען זייער פוס וועט זיך אויסגליטשען:
דען נאָהנט איז דער טאָג פון זייער בראָך,
און עס איילט זיך דאָס צוגעגרייטע פאר זיי.

וואָרים יהוה וועט פאר זיין פאָלק האָבען אַ משפט,
און וועגען זיינע קנעכט וועט ער זיך בעדיינקען,
ווען ער וועט זעהן, אַז ס׳איז אויסגעגאנגען הילף,
און נישטאָ קיין געבונדענע און קיין פרייע.[19]

און ער וועט זאָגען:
„אַוואו זיינען זייערע געטער,
„דער פעלז וואָס זיי האָבען זיך בעשיצט אין איהם?

„וואָס די פעטס פון זייערע שעכטונגען האָבען זיי געגעסען,
„זיי האָבען געטרונקען די וויין פון זייערע גיסאָפּפער —
„זאָלען זיי איצט אויפשטעהן און אייך העלפען,
„זאָלען זיי זיין פאר אייך אַ בעשיצונג.

„זעהט איצט, אַז איך, איך בין עס,
„און ניטאָ קיין גאָט נעבען מיר,
„איך טויט און מאַך לעבעדיג,
„איך צושלאָג און הייל אויך אויס.
„און קיינער ראטעוועט ניט פון מיין האַנד.

„דען איך הייב אויף צום הימעל מיין האַנד,

„און זאָג: אַזוי וואָהר ווי איך לעב אייביג —

„האָב איך געשארפט מיין בליציגען שווערד,
„און האָט מיין האַנד זיך גענומען פאר משפּט,
„וועל איך זיך נוקם זיין אָן מיינע דריקער,
„און מיינע שונאים וועל איך בעצאָהלען.

„מיינע פיילען וועל איך אָנשכור׳ען מיט בלוט,
„און מיין שווערד וועט פרעסען פלייש,
„בלוט פון דערשלאָגענע און געפאנגענע,
„קעפּ מיט לאַנגע האָר פון פיינד[20].“

„מאכט זינגען, [21] נאציאָנען, זיין פאָלק:
„דען פאר דאָס בלוט פון זיינע קנעכט וועט ער נקמה נעהמען,
„און נקמה וועט ער צוריקגעבען זיינע דריקער,
„און אָבווישען די זינד פון זיין לאַנד, זיין פאָלק[22].

(דברים ל״א 16 — ל״ב 43).

די איינפיהרונג אין פּראָזא צו דעם געזאנג.

ווען מיר נעהמען ארויס פון דברים קאפּיטעל ל״א דעם פסוק כ״ג, וועלכער איז נישט מעהר ווי א ווידערהוילונג פון פסוק ז, בלייבען אונז דעמאלט, פון פסוק ט״ז ביז׳ן ענד פון קאפּיטעל, צוויי איינפיהרונגען צו משה׳ס געזאנג. אָט די צוויי איינפיהרונגען זיינען בעצם איין זאך, נור אין צוויי עטוואָס פערשידענע נוסחאות. מיר מעגען זיי דעריבער צוזאמענפאסען און בעצייכענען בלשון יחיד אלס די איינפיהרונג. א שפּעטערדיגער איבערשרייבער האט, ווי עס שיינט, אין מאנכע שטעלען אין דער איינפיהרונג צוגעזעצט אייגענע, נייע שטיקער, כדי שטארקער צו מאכען דעם איינדרוק. אָט די הוספות זיינען אין אונזער טעקסט געשטעלט אין האלבע לבנות. ווען מיר לאָזען זיי אויס, בלייבט אונז דעמאלט די איינפיהרונג אין איהר וואהרשיינליכען ערשטען נוסח.

די קאמפאזיציע פון דעם געזאנג.

דער געזאנג הייבט זיך אן מיט א פראלאג, אין וועלכען דער פאעט גרייט צו זיינע הערער פאר די ערנסטקייט און וויכטיגקייט פון זיין טהעמע. ער שטעלט דאן אויף אלס צוויי קאנטראסטען די פולקר־מענהייט און טריישאפט פון יהוה און די פעהלערהאפטיגקייט און טריילאזינקייט פון ישראל. אום צו בעווייזען ווי גוט און טריי יהוה איז געוועז צו זיין פאלק, הייסט ער די אידען פון זיין צייט זיך ווענדען צו די אלטע לייט, וועלכע האבען זיך זעהר פיעל אנגעהערט מיט גע־שיכטעס פון די אוראלטע צייטען. עס פאלגט דער ענטפער פון די אל־טע לייט, וואס זיי דערצעהלען פון דער אלטער אידישער פערגאנגענ־הייט. ווען די אלטע לייט ענדיגען זייער שילדערונג פון דער רייכ־קייט און מאכט, וואס יהוה האט געגעבען אידען אין זייער לאנד, זעצט דער פאעט פארט זיין רעדע צו צייגען די אומטריישאפט פון אידען, וועלכע האבען אלץ מעהר פערגעסען זייער גאט, וואס רייכער און מעכטיגער זיי זיינען געווארען אין זייער לאנד. דער דירעקטער רע־זולטאט דערפון איז געוועזן: גאט׳ס שטראף. יהוה האלט דאן א לאנ־גען מאנאלאג, אין וועלכען ער דערקלערט זיין בעשלוס צו ברייננגען א חורבן אויף אידען און זיי לאזען אויסשטעהן די ביטערסטע ליי־דען. יהוה ענדיגט זיין מאנאלאג דערמיט, אז דאס וואס ער האט ניט אין גאנצען פערטיליגט אידען פון דער וועלט, איז נאר מחמת ער האט זיך געשראקען, אז די אידישע פיינד וועלען שלעכט אויפפאסען די גאנצע זאך און וועלען צושרייבען אלץ זייער אייגענער מאכט, ניט יהוה׳ס ווילען.

ווען יהוה׳ס מאנאלאג איז געענדיגט זעצט דער פאעט פארט זיין וכוח מיט די קינדער פון זיין דור, ווארים זיי ווילען ניט איינ־זעהן, אז ס׳איז ניט אומזיסט, וואס א קליין הייפעל פון די שונאים האבען צושלאגען גרויסע אידישע מחנות. אויב יהוה וואלט זיי ניט אומישנע איבערגעגעבען אין די הענד פון זייערע פיינד, דעמאלט וואלט זייער פעלז, ס׳הייסט זייער גאט, זיך קיינמאל ניט געקאנט פער־מעסטען אין מאכט מיט יהוה, דעם פעלז פון ישראל. מ׳וואלט אפשר

געקענט טענה'ן, אז די אידישע שונאים זיינען בעסער איידער אידען, דעריבער העלפט זיי יהוה. אויף דעם ארגומענט שלאגט אב דער פּאָעט. אידען, זאגט ער, זיינען בלויז געווארען שלעכט; אבער זיי, די פיינד, זיינען שלעכט און פערדארבען פון זייער נאטור אויס, זייער וויינשטאָק אין א גיפטיגער.

דאָ ענדיגט דער פּאָעט זיינע שטראָף־רייד און הייבט אָן צו שיל־דערען א ליכטיגערע, גליקליכערע צוקונפט פאר זיין פאלק. סוף־כל־סוף וועט יהוה זיך דאך אננעהמען פאר זיין פאלק און זיי העלפען אין זייער קריטישער לאגע. ער וועט ריידען צו זיי דורך זייערע ליידען און זיי צווינגען זיך מודה צו זיין, אז זייערע נייע געטער, אויף וועל־כע זיי האָבען זיך פערלאזען, זיינען גארניט ניט ווערט. דענסטמאָל: ווען אידען וועלען אָט דאס אלץ איינזעהן, וועט יהוה אויסהיילען אלע וואונדען, וואָס זיי האָבען בעקומען פון זייערע פיינד און אונטער־דריקער. דער פּאָעט ענדיגט מיט אן עפּילאָג, אין וועלכען ער הייסט אלע פעלקער גראטולירען אידען; דען זייער גאָט וועט זיך באלד ווי־דער אננעהמען פאר זיי. ער וועט זיך אברעכענען מיט אלעמען וואס האָבען פערגאסען אומשולדיגע אידישע בלוט, און דאָס אידישע פאָלק און דאָס אידישע לאנד, רייניגעוואשען פון אלע זינד, וועלען ווידער אויפבליהען אין זייער פולען גלאנץ ווי אין די אלטע גוטע טעג.

דוד׳ס לעצטע רייד.

אונ דאָס זיינען די לעצטע רייד פון דוד׳ן:

דאָס איז די רייד פון דוד, דער זוהן פון ישי,
און די רייד פון דעם הויכגעשטעלטען מאַן,
דער געזאלבטער פון גאָט פון יעקב,
און דער ליבלינג פון די געזאנגען פון ישראל[23].

דער גייסט פון יהוה רעדט אין מיר,
און זיין וואָרט איז אויף מיין צונג.
ס׳האָט געזאָגט דער גאָט פון יעקב[24],
צו מיר האָט גערעדט דער פעלז פון ישראל:

אַ הערשער אַ צדיק איבער מענשען,
אַ הערשער אין פורכט פון גאָט,
איז ווי דאָס ליכט וואָס שיינט אין מאָרגען,
ווי די זון אין אַ מאָרגען אָהן וואָלקענס
מאַכט שפּראָצען[25] נאָכ׳ן רעגען גרינס פון דר׳ערד.

איז ניט אַזוי מיין הויז, וואָס האלט זיך מיט גאָט?
וואָרים אן אייביגען בונד האָט ער געשלאָסען מיט מיר,
צוגעריכט מיט אלץ און בעהיט,
דען אַלע הילף און אלע וואונשען מיינע מאַכט ער וואקסען[26].

און די שאלקהאפטיגע ווערן אַלע אַוועקגעוואָרפען ווי דערנער,
וואָס מ׳נעהמט זיי ניט אָן מיט׳ן האַנד[27],
און ריהרט זיי איינער אָן,
האַלט ער אַ שפּיז פון אייזען און האָלץ,

און אין פייער ווערן זיי פערברענט[28].

(שמואל ב, כ"ג 1 — 7).

ע ר ק ל ע ר ו נ ג.

דוד'ס לעצטע רייד געהערט אויך צו דער דידאקטישער פּאָעזיע פון דער ביבעל. דער פערפאסער זוכט דאָ אויסצודריקען ניט זיינע גע־פיהלען, נור זיינע געדאנקען איבער'ן לעבען. ער איז דערום מעהר חכם ווי פּאָעט, מעהר לעהרער ווי זינגער. דאָך רעדט ער ניט מיט'ן סטיל פון דעם חכם אין די ביבלישע חכמה־ספרים פון די שפּעטערע צייטען, נור מיט איינפאכע ווערטער און מיט א נאאיווער, הארציגער פרומקייט. דער גאנצער ליד צייכענט זיך אוים מיט זיין פשוט'קייט אין פאָרם און אין אינהאלט.

די טהעמע פונ'ם ליד איז דער קאָנטראסט צווישען דעם גוטען גאָטספארכטיגען הערשער און דעם טיראן. דעם גוטען קעניג פער־גלייכט דער פּאָעט צו דער זון אין דער פריה נאָך א רעגען, וועלכע מאכט אלץ וואקסען און בליהען, און דעם טיראן פערגלייכט ער צו א דאָרן, וועלכען קיינער וואגט ניט אנצוריהרען סיידען מיט אן איי־זען אין האנד, און ווען ער ווערט פערטריקענט פערברויכט מען איהם אלס ברען־האלץ. ער ענדיגט מיט א לויב אויף זיין, דוד'ס, הויז, וועל־כע האָט א בונד מיט גאָט אויף אלע צייטען.

דער ליד איז וואהרשיינליך פערפאסט געוואָרען לאנג נאָכ'ן טויט פון קעניג דוד, ווען זיין פיגור האָט שוין א גרויסען פּלאץ פער־נומען אין דער אידישער זאגע און אין דער אידישער פּאָעזיע, ווער ער איז שוין געווען „דער ליבלינג פון די געזאנגען פון ישראל".

טעקסט-בעמערקונגען

געזאַנגען פון אַלגעמיינעם לעבען.

דער געזאַנג פון נקמה.

1) דער „למד" פון „לפצעי", „לחברתי" האָט די בעדייטונג פון „פאַר", „צו־ליב" (לשם יהוה, ירמיה ג 17; למען־ל—, ישעיה נ"ה 5; למולות, שמות ד 26; לדם, במדבר ל"ה 33).

2) „יוקם" הייסט ניט: מ'זאָל זיך אָן איהם נוקם זיין, ווי רש"י זאָגט, נור: מ'זאָל פאַר איהם נקמה נעהמען; אזוי אין זעלביגען קאַפּיטעל, פּסוק 15, „לכן (לא כן) כל הורג קין שבעתים יוקם".

דער געזאַנג פון ברונים.

3) דער שרייבער פון במדבר־חומש, ווען ער קומט צו אַ רוהע־פּלאַץ אין מדבר מיט'ן נאָמען „באר", ברונים, מאַכט ער אַ בעמערקונג, אַז דאָס איז דער־זעלביגער ברונים, וואָס יהוה האָט געזאָגט צו משה'ן: פערזאַמעל דאָס פאָלק און איך וועל זיי געבען וואַסער; און ער ציטירט גלייך נאָכהער אַ ברונים־געזאַנג, מיט דער איינפיהרונג: דעמאָלט, עס הייסט ווען זיי זיינען געקומען אין אָט דעם אָרט „באר", האָבען די אידען געזונגען דעם פאָלגענדען געזאַנג. דער אַלטער פאָלקס־ליד פּאַסט אָבער זעהר שלעכט אין דעם פּראָזא־ראַהם, אין וועלכען דער שרייבער פון חומש האָט איהם אריינגעשטעלט.

4) „מחוקק" הייסט דער פיהרער פון שבט, דער „שעיך" (דער וואָס שרייבט פאַר געזעצען, וואָס קריצט זיי איין אין שטיינערנע טאָוולען). ס'איז אָבער אויך אַ בעצייכענונג פאַר דעם שטאָק, דעם צעפּטער פון דעם פיהרער. אַ ראיה: דאָ איז עס אַ שם־נרדף (סינאָנים) פון „משענת" און אין בראשית מ"ט 10, אַ שם־נרדף פון „שבט".

5) „וממדבר מתנה" איז כלו מוקשה. אויב אפילו „באר" איז געווען אַ סטאַציאָן אינ'ם מדבר, איז דאָך אָבער „מדבר" ניט געווען קיין נאָמען פון אַ

סטאציאן. דער תרגום השבעים לעזט דערפאר „ומבאר מתנה“. אבער „מתנה“ פאסט דאך געוויס ניט פאר א נאמען פון א סטאציאן אינ׳ם מדבר. אויף אט די קשיה איז שוין אויפמערקזאם געוועזן די אידישע טראדיציע. דער תרגום אונקלוס פערטייטשט דערום „וממדבר מתנה“ מיט „וממדברא אתיהיבת להון“, און רש״י זאגט דערויף „וממדבר נתנה להם“. די וויסענשאפטליכע ערקלערונג פון קארל בודדע, וועלכע איז אנגענומען געווארען אין אונזער בוך, גלייכט אויס די אלע קשיות, דערמיט וואס דער „ו“ פון „וממדבר“ געהערט לויט איהר צום פריהער־דיגעןווארט, וואס דארף הייסען „במשענותימו“, און „ממדבר מתנה“ געהערט צום טעקסט פון ליד. אין פסוק 19 דארף שטעהן „ומבאר נחליאל“.

געזאנגען פון קריג און נצחון.

דבורה׳ס געזאנג.

1) אין די אוראלטע צייטען איז עס געווען א מנהג ביי אידען, ווי ביי די סעמיטען בכלל, זיך צו לאזען אנוואקסען לאנגע האר אלס סימן, אז מ׳האט זיך צו־געזאגט א נדר צו גאט. בעזונדערס איז דאס א מנהג געווען פאר א מלחמה. די דאזיגע לאנגהאריגע האט מען גערופען „נזירים“. מעגליך, אז דער פאעט שילדערט דא ווי אין דעם נצחון־פאראד מארשירען די דאזיגע נזירים מיט זייערע לאנגע קעפ האר און דאס פאלק טראגט נאך די מתנות, וואס זיי האבען זיך צוגע־זאגט צו אפפערען צו יהוה, אויב ער וועט זיי געבען א נצחון.

„פרע“ הייסט א פולע קאפ מיט לויזע האר (ראשו לא יפרע, ויקרא כ״א 10; ופרע לא ישלחו, יחזקאל מ״ד 20) און „פרעות“ איז דער רבים פון „פרע“, ווי „שערות“ פון „שער“. דער ריכטיגער טייטש פון „פרוע“ (וירא משה את העם כי פרוע הוא, שמות ל״ב 25) איז ניט „ווילד“, נור „צולאזען“, אהן דיסציפלין, ווייל דאס שטאמט פון צולאזענע האר.

מאנכע איבערזעצען „בפרוע פרעות“, ווען פיהרער פיהרען. דאס איז נור לויט אן אראבישער אנאלאגיע, אין העברעאיש אבער איז ניטא קיין סמך אויף „פרע“ — פיהרער.

2) אידען האבען אין יענער צייט געגלויבט, אז יהוה, אזוי ווי א מענש,

האט א בעשטימטען ארט וואו ער וואוינט, דאס איז דער בארג חורב אדער סיני. די שפעטערדיגע טראדיציע האט דערקלערט א בארג אויפ'ן האלב-אינזעל סיני אלס אט דעם „גאטעס-בארג". די דאזיגע טראדיציע איז אבער ניט ריכטיג. ווארים אט שטעהט דא גאר, אז יהוה קומט פון שעיר און פון אדום'ס פעלד. אויך אין „וזאת הברכה" איז „סיני" א שם-נרדף (סינאנים) פון „שעיר" (יהוה מסיני בא, וזרח משעיר למו). ס'איז קענטיג דערפון, אז דער בארג סיני פון דער ביבעל איז געלעגען אין דרום פון ארץ ישראל אין דעם לאנד פון אדום. ווען אידען האבען געזעהן א פייער מיט א רויך אויפ'ן שפיץ פון אט דעם בארג, וועלכער איז וואהרשיינליך געווען א ווולקאן, אדער א געוויטער-וואלקען מיט דונערן און בליצען, איז דאס פאר זיי געווען אן ענטפלעקונג פון דער געטליכער מאיעסטעט. דער פאעט שילדערט דערום ווי יהוה קומט פון זיין וואוינארט אין שעיר העלפען אידען אין דער מלחמה, און אונטער זיינע טריט, ווי אונטער די טריט פון א געוואלדיגען ריז, שאקעלט זיך די ערד, די הימלען צוגיסען זיך און פון די בערג לויפען שטראמען וואסער. אויך א שפעטערדיגער תהלים-זינגער דריקט זיך אוים וועגען יהוה, אז „ווען ער גיט א קוק אויף דער ערד, הייבט זי אן צו ציטערען, ער טהוט א ריהר די בערג און זיי רייכערען" (תהלים ק"ד 32).

נאך פון אליהו הנביא ווערט דערצעהלט, אז ווען ער האט געוואלט זעהן גאט, איז ער געגאנגען ביז דעם גאטעס-בארג חורב. דארטען אבער, דערצעהלט די ביבלישע זאגע, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז יהוה ערשיינט ניט אין ערדציטערניש, ניט אין שטורם און ניט אין פייער, נור אין א שטים פון א דינער שטילקייט (מלכים א, י"ט). שפעטער אין דער צייט פון די ליטערארישע נביאים, ווען יהוה איז דערקלערט געווארען אלס גאט פון דער גאנצער וועלט, האט זיך די הייליגקייט פון בארג סיני פערוואנדעלט אין דער ביבלישער זאגע; פון א בארג וואס גאט וואוינט אויף איהם, איז ער געווארען א בארג וואס גאט האט זיך בלויז איין מאל אויף איהם ענטפלעקט צו די אידען און זיי געגעבען די צעהן געבאטען.

3) מאנכע לעזען „הרים נזולו" און איבערזעצען „בערג האבען זיך געוואקעלט". ווי ס'איז אבער צו זעהן ווייטער פון דער שילדערונג פון דער שלאכט בייס טייך קישון, איז דער טייך אנגעשוואלען געווארען פון די שטראמען וואסער וואס

האבען זיך פון די בערג געגאסען. ס׳איז דעריבער וואהרשיינליכער, אז דער פאעט שילדערט דא ווי עס גיסען זיך שטראמען וואסער פון די בערג.

4) „זה סיני" איז צוגעשטעלט געווארען שפעטער אלס א בעמערקונג פון אן איבערשרייבער, דערום שטעהט עס אין האלבע לבנות. עס אונטערברעכט אויך דעם פאראלעליזם פון די גלידער. אזעלכענע שפעטערע בעמערקונגען מיט א „זה" געפינען זיך אויך אין אנדערע שטעלען אין תנ"ך, ווי, למשל, אין שמות ל"ב 1, „כי (זה משה) האיש".

לויט ווינקלער איז דאס ניט קיין שפעטערע בעמערקונג; נור „זה" איז פערגרייזט געווארען פון „רגז", און דער אורשפרינגליכער נוסח איז געווען:

הרים נזלו מפני יהוה,
רגז סיני מפני אלהי ישראל.

5) אויך א שפעטער צוגעשריבענע בעמערקונג, מחמת זי צוברעכט דעם פאראלעליזם.

6) ניט ארחות, מיט א קמץ אונטער׳ן אלף, נור אורחות, מיט א חולם. דער־זעלבינער גרייז קומט אויך פאר אין איוב ו 19, „ארחות תמא".

7) זעה שופטים ט 25.

8) זעה „דער פערפאסער פון דעם געזאנג", ז. 90—91.

9) „יבחר אלהים חדשים", ער האט זיך אויסגעקליבען נייע געטער, האט דא קיין זין ניט. דער פאעט פון אט דעם פרימיטיווען געזאנג איז גאנץ ווייט פון רעליגיעזע גריבלערייען. אפילו אין שפעטערדיגערע פאעמען, ווי למשל אין משה׳ס ברכה, איז נאך אויך קיין שפור ניטא פון מוסר־זאגעריי וועגען פערלאזען יהוה און דינען פרעמדע געטער, א פשיטא שוין אין אזא׳ן אוראלטען ליד ווי „ותשר דבורה". דער פראבלעם פון דינען פרעמדע געטער קומט ערשט אויף ביי אידען אין דער תקופה פון די נביאים און געפינט זיין שטארקסטען אויסדרוק אין משה׳ס געזאנג (האזינו). אין אלע ביבלישע געזאנגען פון פאר דער תקופה פון די נביאים הערשט דאס בעסטע פערהעלטניס צווישען יהוה און ישראל. מ׳זעהט דערפון קלאר, אז א סופר, עס הייסט אן איבערשרייבער, איז א פערהעלטניסמעסיג פיעל שפעטערע

צייט פון דער ביבלישער עפאכע האט ניט געקאנט גוט איבערלייענען אויף זיין אבגעמעקטען פארמעט די ווערטער וואס זיינען דא לכתחילה געשטאנען און האט אויפגעשריבען „יבחר אלהים חדשים", וואס איז איהם בעקאנט געווען פון „האזינו" (דברים ל"ב 17). די מעהרסטע מאדערנע מבארים האבען דעריבער אנגענומען די אויסבעסערונג „זבחי אלהים חדלו". עס האט דאן א דירעקטע פערבינדונג מיט'ן פאלגענדען פערז און עס פאסט זיך זעהר גוט אין צוזאמענהאנג פון גאנצען ליד.

10) „אז לחם שערים", דאן א מלחמה אין די טויערן, האט קיין זין ניט. ערשטענס איז „לחם" אין גאנצען תנ"ך ברויט, ניט א מלחמה. צווייטענס איז די מלחמה געווען אויפ'ן פרייען פעלד, ניט אין די טויערן פון שטאדט. די מעהרסטע מאדערנע מבארים לעזען דעריבער לויט דעם תרגום השבעים „אזל לחם שעורים". גערשטען־ברויט איז געווען די געוועהנליכע שפייז פון דעם אידישען פויער אין ארץ ישראל. (זעה שופטים ז 13; שמואל א, ט 7).

11) „חוקקי" ווי „מחוקקי". זעה בעמערקונג 4 צו די „גענאנגען פון אל־געמיינעם לעבען".

12) „נדיבי העם, ברוכי יהוה", לויט קארל בודדע, „דאס בוך דער ריכטער".

13) „מריו" איז דער רבים פון „מד" מיט אן אראמעאישער ענדונג. מאנכע איבערזעצען „זאטלען", די מעהרסטע אבער — „טעפיכער".

14) קימטעל איז זיין העברעאישער ביבעל בעסערט אוים „שיחו" אויף „שירו". לויט מאנכען האט „שיחו" גופא די בעדייטונג פון זינגען (תהלים ק"ה 2).

דער זינגער אונטערשיידט דא דריי קלאסען אידען. 1) די הארען און מיוחסים, וואס וועלען איצט נאכ'ן זיג קענען פריי און אומגעהינדערט ארומרייטען אויף זייערע ווייסע אייזלען איבער'ן לאנד, 2) די וואס וועלען קענען געניסען פון פרידען זיצענדיג אומגעשטערט אויף די טעפיכער אין זייערע הייזער, 3) די וואס פאהרען ארום אונטערוועגענס האנדלענדיג וועלען איצט ווידער קענען בע־נוצען די ברייטע וועגען און ניט דארפען זוכען קיין זייטשטעגלעך.

15) „משחקים" לויט קארל בודדע, „מחצצרים" לויט גרעטץ. דער „מם"

אין „מקול" בלייבט א קשיה. דאס איינציגע מיטעל איז: איהם ארויסוואַרפען.

16) „פרזון" ענטוועדער ווי „פרזות", דערפער, אפענע שטעדט אהן מויערן ארום (מגלת אסתר ט 19), אדער א שם־עצם: בויערנטום, דארפ־בעפעלקערונג.

צווישען די ברונימער, וואו די אידישע פאסטוכער רופען די סטאדעס מיט זייערע פאסטוך־פייפלעך, דערצעהלען זיי זיך מעשיות פון די וואוילטהאטען, וואס יהוה האט געטאן מיט אידען אין די פערגאנגענע צייטען.

„אז ירדו לשערים עם יהוה" געהערט ניט דא, נור ווייטער, אין פסוק 13.

17) „ושבה שוביך", לויט די מעהרסטע מאדערנע מבארים. ברק ווערט דא דערמונטערט זיך גוקם צו זיין אן די כנענים, וועלכע האבען איהם אמאל גע־האלטען אין געפאנגענשאפט. (פערגלייך „והיו שובים לשוביהם", ישעיה י"ד 2).

18, 19) אז ירד ישראל לשערים,
עם יהוה ירד לו בגבורים.
לויט בודדע, קיטטעל און אנדערע מאדערנע מבארים.

20) מני אפרים שרו בעמק. „בעמק" אנשטאט „בעמלק" לויט'ן תרגום השבעים; „שרו" אנשטאט „שרשם" לויט ווינקלער.

21) „אחיך" אנשטאט „אחריך" לויט'ן תרגום השבעים. צווישען דיינע פעלקער, עס הייסט: צווישען דיינע שבטים. מאנכע מאדערנע מבארים לעזען „בעמך".

22) אין העברעאישען טעקסט שטעהט „מושכים בשבט סופר". לויט מלכים ב, כ"ה 19, איז סופר געווען דער בעאמטער וואס האט צוזאמענגערופען, מאבילי־זירט, דאס פאלק צו געהן אין מלחמה און האט געפיהרט די ביכער, אדער בעסער די מגלות, וואו עס זיינען געווען פערשריבען די נעמען פון אלע וואס דארפען צו־זאמענגערופען ווערן. אויב אזא בעאמטער איז געווען ביי אידען שוין אין דער צייט פון דבורה און ברק איז עס זעהר אונוואהרשיינליך. יעדענפאלס האבען דאך ניט געקאנט זיין א סך אזוינע בעאמטע אין דעם איין שבט זבולן. די מעהרסטע ביבעל־קריטיקער ווארפען דערום ארויס דעם „סופר" פון אט דער שורה. ער צו־ברעכט אויך דעם ריטם פון די פערזען. מאנכע ווילען פערבינדען דעם „סופר" מיט דעם פאלגענדען פערז, דאס איז אבער צו שווער.

23, 24) דער צווייטער יששכר שטעהט ניט אין תרגום השבעים. ברק איז לויט דער פּראָזאַ־ערצעהלונג אין שופטים ד געוועזן פון שבט נפתלי. לויט די פעהרסטע מאָדערנע מבארים מוז מען אויסבעסערען דעם טעקסט ווי פאָלגט:

ושרי יששכר עם דבורה,

ונפתלי עם ברק,

בעמק שרו ברגליו.

די שורה „בפלגות ראובן גדולים חקקי (חקרי) לב" געהערט דאָ ניט. זי איז דאָ בטעות אריינגעפאַלען פון פאָלגענדען פסוק.

25) „לפלגות", טיילען פון שבט, קלאַנען, משפחות. „גלעד" הייסט דאָ דער שבט גד. ווי עס ווייזט אויס פון אַט די פערזען האָט אין דער צייט פון דבורה'ס געזאַנג בלויז דער שבט גד געוואוינט אין מזרח־זייט פון ירדן. מכיר, וואָס האָט שפּעטער געוואוינט אין גלעד (לויט במדבר ל"ב 39, 40), וועט דאָ נאָך דער־מאָנט נעבען אפרים און בנימין צווישען די שבטים פון מערב־זייט פון ירדן. דאָס וואָס דער פּאָעט זאָגט בלויז פון גלעד־גד, אז ער האָט געוואוינט אויף יענער זייט ירדן לאָזט אָרט פאַר דער השערה, אז ניט בלויז מכיר, נור אויך ראובן האָט נאָך אין דער צייט פון דבורה'ס געזאַנג געוואוינט אין כנען און ערשט שפּעטער אויסגעוואַנדערט אין עבר הירדן. (באריכות וועגען דעם אין שטייערנאַגעל'ס „די איינוואַנדערונג דער איזראַעליטישען שטעממע אין כנען").

26) לויט מאַנכע מאָדערנע מבארים „נחל קברים", אדער „נחל קרבות". ווינקלער בעסערט עס אויס אויף „נחל דמים".

27) אויב „הלמו", זיי האָבען צושלאָגען, פעהלט דאָך דאָ דער אָביעקט פון זאַץ: וואָס האָבען די הופען פון פערד צושלאָגען? מ'מוז דעריבער לעזען „הולמו", זיי זיינען צושלאָגען געוואָרען. די הופען פון די פערד זיינען צוקלאַפּט געוואָרען, מחמת זייערע רייטערס זיינען שנעל געלאָפען מיט זיי.

28) א שפּעטערדיגע צוגעשטעלטע בעמערקונג, וואָס צושטערט דעם פּאַראַ־לעליזם פון די פערזען.

29) „חכמת שרותיה", לויט די מעהרסטע מאָדערנע מבארים.

30) „שגל" אנשטאט „שלל", אנגענומען לויט עוואלד פון די מעהרסטע מאָדערנע מבארים.

דער געזאַנג פון ים-סוף.

31) לויט דעם תרגום השבעים „עזי וסתרתי", מיין שטארקייט און בעשר צונג.

32) „יה", לויט די מעהרסטע מאָדערנע מבארים, אן אבקירצונג פון „יהוה".

33) „נהל", פיהרען און „נוה", א וואוינונג זיינען אויסדרוקען געברויכט אין תנ"ך אין פאסטוכער-לעבען. דער פאעט דריקט דאָ אויס מיט אט די ווערטער, אז יהוה איז דער מעכטיגער פאסטוך, וועלכער האט געפיהרט זיין סטאדע, דאס פאָלק ישראל, אין זיין הייליגער וואוינונג, אין דאס לאנד כנען.

דער געזאַנג אויף דעם קעניג סיחון.

34) „מושלים" פאָלקסדיכטער, פערפאסערס פון משלים, פון שפּאט-לידער, ביי אידען אין דער אוראלטער צייט. מעהר באריכות וועגען די „מושלים" אויף זייט 66—67. זעה אויך אנמערקונג 52 צו „ברכות, קללות און נבואות".

35) „ער" א נאָמען פון א געוויסען ארט אין מואב. מאנכע מאָדערנע מבארים לעזען „ערי מואב", די שטעדט פון מואב.

36) „בערה במות ארנון," לויט'ן תרגום השבעים. „במות" האט דאָ ניט די בעדייטונג פון הייליגע ערטער, נור די הויכע ברעגעס פון טייך ארנון.

37) „כמוש" איז געווען דער פאָלקס-גאָט פון מואב, ווי „יהוה" דער פאָלקס-גאָט פון ישראל. די מואבים האבען זיך דערום גערופען „דאס פאָלק פון כמוש", ווי אידען „דאס פאָלק פון יהוה". (זעה שופטים י"א 24).

38) א שפּעטערדיגע בעמערקונג פון דעם פּראָזא-שרייבער פון חומש. זעה די ערקלערונג צום געזאנג.

39) דער העברעאישער טעקסט איז דאָ פערגרייזט. א סך מאָדערנע מבארים

מאכען דא פערשידענע אויסבעסערונגען, אבער זיי זיינען אלע צו־וויטלויפיג. „מידבא" אלס א נאמען פון אן ארט אין מואב איז דערהאלטען געבליבען ביז אויף היינט (מאדעבא), „נפח" אבער איז אין גאנצען אונבעקאנט.

קולט־ און רעליגיעזע געזאנגען.

דער געזאנג פון ארון.

1) „מפניך" שטעהט ניט אין תרגום השבעים. עס צושטערט אויך די גלייכקייט און די הארמאניע פון די פערזען.

2) „אלפי", שבטים, אדער בעסער טיילען פון שבטים, „הנה אלפי הדל במנשה", שופטים ו 15.

די ברכה פון כהן.

3) זיי זאלען רופען יהוה ביי זיין נאמען, דעמאלט וועט זיי שוין יהוה אליין בענטשען. מיט'ן אנרופען די גאטהייט ביי איהר נאמען האט מען א סך געקאנט ווירקען אויף איהר, לויט די השגות פון יענע צייטען. דער וואס האט געוואוסט ווי ריכטיג ארויסצורייידען גאט'ס נאמען, דעם „שם המפורש", האט דערום געקאנט מאכען די גרעסטע וואונדער אין דער וועלט. נאך אין שפעטען מיטעלאלטער האט דער מהר"ל מפראג געמאכט א ליימענעם גולם מיט'ן שם המפורש.

שלמה'ס געזאנג פון חנוכת הבית.

4) די ערשטע שורה האט א שפעטערדיגער איבערשרייבער ארויסגעווארפען פון העברעאישען טעקסט. זי איז אבער געבליבען אין דער סעפטואגינטא (תרגום השבעים). דארטען שטעהט אויך ביים ענד „דאס שטעהט געשריבען אין בוך פון געזאנג". דער דאזיגער ליד פון שלמה'ן איז אלזא ציטירט פון אן עלטערער לידער־זאמלונג, וואס האט געטראגען דעם נאמען „ספר השיר", „בוך פון געזאנג". מעגליך, אז דער גריכישער איבערזעצער האט דא א טעות געמאכט און

געלעזען „ספר השיר" אנשטאט „ספר הישר", און שלמה'ס געזאנג איז ציטירט פון דעמזעלבינגען לידער־בוך, פון וועלכען עס זיינען אויך ציטירט דער געזאנג פון דער זון און דער לבנה און דוד'ס קלאג־ליד אויף שאול און יהונתן. (זעה זייט 40—41).

חנה'ס תפלה.

5) לויט די מעהרסטע מאדערנע מבארים:

עלץ לבי ביהוה.

רמה קרני באלהי,

אויסצוגלייכען דעם פאראלעליזם פון די פערזען.

6) ס'איז וואהרשיינליך, אז לכתחילה איז געשטאנען:

אין קדוש כיהוה,

ואין צור כאלהינו.

נור א שפעטערדיגער איבערשרייבער, א שטרענגער מאנאטעאיסט, האט צו־געשריבען „כי אין בלתך" אום צו בעטאנען, אז נים יהוה איז דער הייליגסטער און שטארקסטער צווישען אלע געטער, נור אז ער אליין איז הייליג און שטארק, ווייל ער איז איינער און קיין אנדער גאט איז איבערהויפט ניטא א חוץ איהם.

7) דער טיטעל „סעלו" פאר גאט קומט פאר זעהר אפט אין תנ"ך („צור ישראל", אויך „אבן ישראל", בראשית מ"ט 24).

8) לויט'ן תרגום השבעים „ואל תוכן עלילות", און גאט וועגט די מעשים.

9) שבעים בלחם נשכרו,

ורעבים חדלו עבוד.

עקרה ילדה שבעה, א. אז. וו.

לויט יעקב רייפמאן, ציטירט ביי דרייווער און ביי פיעל אנדערע מאדערנע מבארים.

10) „שאול" די אונטערוועלט, וואס די אידען ווי אויך די באבילאניער האבען געגלויבט, אז די טויטע וואוינען דארטען. א שילדערונג פון דער דאזיגער

אונטערוועלט געפינט זיך אין ישעיה י״ד און יחזקאל ל״ב.

11) „יהוה יחת מריביו״, לויט׳ן תרגום השבעים.

12) עליון בשמים ירועם״ לויט קיטטעל, גאוואק און פיעל אנדערע מאָדערנע מבארים.

13) דער אידישער קעניג פון דער געגאנוואַרט, אויב דער געזאַנג שטאַמט נאָך פון פאר׳ן גלות בבל; דער צוקינפטיגער אידישער קעניג, דער משיח, אויב דער געזאַנג איז פערפאַסט געוואָרען נאָכ׳ן גלות בבל.

קלאַג־לידער.

דוד׳ס קלאַג-ליד אויף שאול און יהונתן.

1) דער העברעאישער טעקסט איז דאָ צומישט. עס דאַרף שטעהן אין פסוק 18 „הנה כתובה על ספר הישר, ללמד את בני יהודה. ויאמר״.

דאס וואָרט „קשת״ האָט דאָ קיין שום זין ניט. לויט וועללהויזען איז עס דאָ בטעות אריינגעפאַלען פון פסוק 6, וואו עס האָט בעדאַרפט שטעהן „והנה הרכב, הפרשים ובעלי הקשת הדביקוהו״; ווארים „בעלי הפרשים״ האָט אויך קיין זין ניט. דורך אָט די אומשטעלונג ווערן אלזאָ ביידע פסוקים מיט איינמאל פערענטפערט. „ללמד בני יהודה״ איז אויך פשוט. דוד האָט געהייסען לערנען אָט דעם ליד די קינדער פון יהודה, זיי זאָלען עס וויסען אויף אויסוועגיג (פערגלייך „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה את בני ישראל, שימה בפיהם״, דברים ל״א 19). מאנכע מאָדערנע מבארים דערקלערען דעם „ללמד״ אלס געזאַנג־בעצייכנונג (ווי „מכתם לדוד ללמד״, תהלים ס 1), און „בני יהודה קשת״ לעזען זיי „ביני, יהודה, קשות!״, פערגעהם, יהודה שלעכטע בשורות (ווי „וידבר אתם קשות״). ג. א. שמיטה לעזט אנשטאָט „בני״ — „בכי״ און אנשטאָט „הצבי״ — „העצבי״:

בכי, יהודה,
העצבי, ישראל,
על במותיך חלל!

(ווייז, יהודה,
טרויער, ישראל,
אויף דיינע בערג ליעגען דערשלאגענע!)
ווענען דעם „ספר הישר", פון וואנען דער ליד איז ציטירט, זעה ז. 40.

2) שטעדט פון די פלשתים ביים מיטעללענדישען ים.

3) „שדי תרמית", לויט די מעהרסטע מאדערנע מבארים. מאנכע לעזען „שדי מות", פעלדער פון טויט.

4) לויט גרעטץ און קלאסטערמאנן „סדינים" אנשטאט „ערנים".

ברכות, קללות און נבואות.

נח'ס ברכה און קללה.

1) „ברוך, יהוה, אהלי שם", אז אויסבעסערונג פון גרעטץ'ן, וועלכע איז אנגענומען געווארען פון די מעהרסטע מאדערנע מבארים.

2) „למו", צו זיי, און אויך צו איהם ווי „לו", לויט געזעניוס־קויטש, העברעאישע גראממאטיק (1909), זייט 103. דאסועלביגע „מסגד למו", ישעיה מ"ד 15.

3) „יפת — יפת" א פאעטישער ווארטשפיל.

4) דער זין איז, אז יפת זאל וואוינען אין שם'ס געצעלטען, זאל זיך אויסשפרייטען אין זיין טעריטאריע. (פערגלייך תהלים ע"ח 55; דברי הימים א, ה 10).

יצחק'ס ברכה און קללה.

5) טוי איז אין פאלעסטינא די ערשטע נויטווענדיגקייט פאר א גוט געוועטעניש, מחמת זי איז אזוי ארים אין וואסער.

6) דער ביבלישער פאעט האט דא געמאכט א שפיל אין ווערטער. יצחק שילט עשו'ן, אבער די קללה איז לפנים ניט אזוי שטארק קענטיג. ער געברויכט

איינענטליך דיזעלביגע ווערטער ווי ביי יעקב'ן, נור אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג. אויך צו עשו'ן זאָגט ער „מטל השמים ומשמני הארץ", דאָ שטעהט אָבער ניט פריהער קיין „ויתן לך", ווי ביי יעקב'ן, נור נאָכהער שטעהט „יהיה מושבך". דאָ־דורך בעקומען די ווערטער דעם זין פון „ווייט אַוועק פון דעם טוי פון הימעל און פון דער פעטקייט פון דער ערד זאָלסטו וואוינען".

יעקב'ס ברכה.

7) „שמעו" אין ערשטען האַלבען פסוק איז אַ צושטעלונג פון אַ שפּעטער־דיגען איבערשרייבער, מחמת עס צושטערט דעם פּאַראַלעליזם פון די פערזען.

8) „אז חללת יצועי בלהה", לויט קיטטעל און פיעל אַנדערע מאָדערנע מבארים.

8) אַ סך מאָדערנע מבארים לעזען „כבדי", מיין לעבער אַנשטאַט „כבודי", מיין עהרע, לויט דעם תרגום השבעים און לויט באַביל‏אַנישע פערגלייכונגען. אין לעבער, האָבען זיי דעמאָלט געגלויבט, וואוינט דעם מענשען'ס זעל. די זעלביגע אויסבעסערונג דאַרף מען אויך מאַכען אין תהלים ז 6 און ט"ז 9. זעל און לעבער זיינען אין אָט די דריי שטעלען שמות־נרדפים (סינאָנימען).

10) „יהודה — יודוך — ירך", אַ דריי־פאַכיגער ווערטשפּיל.

11) פריהער איז יהודה געווען אַ יונג לייבעל. נאָכהער איז ער דורך פיעל רויב אויסגעוואַקסען גרויס. דער שטאַרקער, געזעטיגטער לייב ליעגט דאַן אין זיין הייהל, און קיין בעשעפעניש אין וואַלד וואַגט ניט איהם צו שטערען פון זיין רוה.

12) דער הערשער האַלט דעם מיט עמבלעמס בעפּוצטען שטאַק צווישען זיינע פיס. וועגען „מחוקק" זעה אַנמערקונג 4 צו די „געזאַנגען פון אַלגעמיינעם לעבען".

13) איבער קיין פסוק אין תנ"ך איז ניט אַזוי פיעל געשריבען געוואָרען ווי איבער אָט דעם „עד כי יבוא שילה". ביז אין דער נייערער צייט האָט מען געוועהנליך גענומען „שילה" פאַר דעם סוביעקט און „יבוא" פאַר דעם פּרעדיקאַט

פון זאַץ, און מ'האָט געטייטשט „ביז שילה וועט קומען". ווער איז דאָס דער „שילה"? פון תרגום אונקלוס אַז האָט מען דאָס אויסגעטייטשט אויף משיח'ן. „עד כי יבוא שהמלוכה שלו", ביז דער וועט קומען, וועמען די מלוכה וועט געהערען (שילה־שלו). אידישע מבארים און מיסטיקער האָבען געזוכט דערין אַ „רמז" אויפ'ן „קץ". קריסטליכע טעאָלאָגען און אידישע משומדים (דער בעקאַנטסטער צווישען די לעצטע איז געווען יהושוע הלורקי, אין אַנהויב פופצעהנטען יאָהרהונדערט) אין זייערע וכוחים מיט אידען האָבען געבראַכט אַ ראיה פון אָט דעם פּסוק, אַז משיח איז שוין לאַנג געקומען. מאַנכע קריסטליכע טעאָלאָגען אין מיטעלאַלטער האָבען זיך געסטאַרעט צו בעווייזען, אַז „שילה" איז פון לשון „שליה", אין וועלכער דער פאָטער האָט קיין חלק ניט, און האָבען דערין געזעהן אַ רמז, אַז משיח וועט גע־באָרען ווערן פון אַ הוילער מאַמען, אָהן אַ טאַטען. אין איטליכער פּעריאָדע פון דער געשיכטע איז אָט דער פּסוק אַלץ אַנדערש אויסגעטייטשט געוואָרען לויט די טעאָלאָגישע אַנשויאונגען וואָס האָבען דעמאָלט געהערשט. אַ אידישער געלעהרטער אין דייטשלאַנד, אַדאָלף פּאָזנאַנסקי, האָט לעצטענס געשריבען אַ בוך איבער די געשיכטע פון דער אויסטייטשונג פון „שילה". דאָס בוך ענטהאַלט 500 זייטען און ענדיגט זיך מיט'ן אויסגאַנג פון מיטעלאַלטער. פאָרטצוזעצען אָט די טהעמע ביז אויף דער געגענוואַרט פאָדערען זיך נאָך אַזוינע צוויי בענדער צו 500 זייטען יעדערער.

פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט אַז (זינט הערדער) האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע תקופה אין דער אויסטייטשונג פון „שילה". מ'האָט אידענטיפיצירט „שילה" מיט דער שטאָדט אין אפרים, וואו דאָס הייליגע הויז איז געשטאַנען אין דער צייט פון עלי און שמואל (משכן שילה). די ברכה און נבואה אויף יהודה איז לויט דעם געשעפען געוואָרען אין דער צייט, ווען דוד האָט געקיניגט אין חברון איבער יהודה אַליין. דער פּאָעט זאָגט דערום נביאות, אַז דוד'ס קיניגטום וועט קיינמאָל ניט אויפ־הערען, אַז עס וועט ניט אויסגעהן קיין צעפּטער פון יהודה ביז ער (יהודה, ס'הייסט דוד) וועט קומען קיין „שילה" אין אפרים, און דאָרטען וועלען זיך צו איהם פערזאַמלען אַלע פעלקער, עס הייסט אַלע שבטים פון ישראל און איהם קרוינען אַלס זייער קעניג און אַנערקענען יהודה'ס העגעמאָניע איבער גאַנץ ישראל. די דאָ־זיגע אויסטייטשונג איז ניט אין גאַנצען נייע, מ'געפינט שוין דאָס דערמאָנט אין אבן עזרא, נור אויף אַ דאָגמאַטישען אופן.

נאר די מאדערנע ביבעל־קריטיקער, די יונגע, האבען פערוואָרפען אָט די ערקלערונג. זייער הויפּט־טענה איז, אז „שילה" האט אין דער צייט פון דער אידישער מלוכה קיין ראָלע ניט געשפּילט אין אידישען פּאָליטישען לעבען. מיר לעזען וועגען „רמה", „גבעה", „גלגל", „שכם", אבער ניט וועגען „שילה". זיי דער־קלערען דערום „שילה" טאַקע אלס דעם משיח, אבער ניט קיין בעשטימטען משיח, נור אין אלגעמיין דעם צוקינפטיגען אידישען קעניג, וועלכער וועט אידען מאַכען פאר א מעכטיגע נאציאָן און וועט הערשען איבער אלע פעלקער. לויט זיי, הייסט עס, האבען אידען געהאט די משיח־אידעע שוין גאר אין דער אַלטער צייט, ניט ווי מ'נעהמט געוועהנליך אָן, אז די דאָזיגע אידעע האט זיך ביי אידען ענטוויקעלט ערשט נאכ'ן גלות בבל, ווען זיי האבען פערלאָרען זייער פּאָליטישע מאכט. לויט אָט די ביבעל־קריטיקער בעציהען זיך די פאָלגענדע פסוקים אויך אויף דעם משיח; ער וועט עס בינדען זיין אייזעל צום ווייַנשטאָק, און אזוי ווייטער. די דאָזיגע מבארים זיינען אבער געצוואונגען צו ענדערען דאס וואָרט „שילה" אויף „מושלו", זיין הערשער, אדער אין עפּעס אַן אנדער וואָרט. וויל מען אבער דעם העברעאישען טעקסט ניט ענדערען, בלייבט ניט קיין אנדער ברירה ווי זיך האַל־טען ביי די עלטערע ביבעל־קריטיקער און אידענטיפיצירען דעם „שילה" פון יעקב'ס ברכה מיט דער שטאָדט „שילה".

14) לויט'ן תרגום השבעים „תקות עמים", די האפנונג פון פעלקער.

15) דער אורשפּרינגליכער נוסח איז וואהרשיינליך געווען „זבולן לחוף ימים יזבול". „זבולן — יזבול", א וואָרטשפּיל ווי „יהודה — יודוך".

16) „מס" הייסט ארבייטען פאר איינעם געצוואונגענערהייד, אוים אונטער־וואַרפענקייט. פערגלייך מלכים א, ה 27.

17) ס'הייסט: זיין שבט. דן זאָל בכוח זיין אויפצוהאלטען זיין קיום אלס זעלבשטענדיגער שבט.

18) א שפּעטערדיגע צושטעלונג, האט ניט קיין צוזאמענהאנג ניט מיט די פריהערדיגע און ניט מיט די נאכפאָלגענדע פסוקים.

19) „גד — גדוד — יגודנו", א דריי־פאכיגער וואָרטשפּיל.

20) דער „מם" פון „מאשר" געהערט צום לעצטען ווארט פון פריהערדיגען פסוק. „והוא יגוד עקבם. אשר שמנה לחמו" איז געווען דער אורשפּרינגליכער נוסח. זעה אויבען זייט 28.

21) ניט „אילה", אז אינד, נור „אילה", א לינדענבוים, דיזעלביגע אותיות, נור מיט אנדערע נקודות, לויט'ן תרגום השבעים.

22) „אמרי" פון „אמיר", א צווייג. מאנכע בעסערען עס אויס אין „אמירי".

23) לויט מאנכען „בן פרת" א יונגער אקס, מלשון „פרה".

24) „ויריבוהו" לויט'ן תרגום השבעים.

25) „אביר יעקב" דער שטארקער פון יעקב. מאנכע ביבעל־קריטיקער פערבינדען דעם „אביר" מיט דעם הייליגען קאלב. „אביר", אן אקס („האכל בשר אבירים", תהלים נ 13). מעגליך, אז אידען האבען אין דער אורצייט גערופען דעם הייליגען אקס, דעם „עגל הזהב", „אביר יעקב". דאס איז אבער נאטירליך ניט מעהר ווי א השערה.

26) דער היטער פון ישראל'ס שטיין. „צור ישראל" איז אן אפּטע בע־צייכנונג פאר גאט אין דער ביבעל. פיליכט ישראל'ס שטיין: דער הייליגער שטיין אין בית אל. דער זין פון אט דעם פסוק איז יעדענפאלס טונקעל. מאנכע ביבעל־קריטיקער דערקלערען, אז דער הייליגער שטיין, די מצבה, אין בית אל איז לכתחילה געווען א נאטהייט, וועלכע האט געטראגען דעם נאמען יעקב אדער ישראל.

„משם", פון דעם נאמען, דער „שין" מיט א צירה.

27) „ואל שדי ויברכך", לויט'ן תרגום השבעים. „אל שדי" איז אן אלטער, פרימיטיווער נאמען פאר גאט. איבערזעצט ווערט עס געוועהנליך „גאט אלמאכטי־גער". באמת ווייסען מיר אבער גאר ניט די אורשפּרינגליכע בעדייטונג פון'ם ווארט „שדי". לויט איין דאקומענט אין חומש, דעם אזויגערופענעם פּריסטערלי־כען דאקומענט, האבען אידען איידער זיי האבען זיך בעקענט מיט'ן גאט יהוה, גע־דינט דעם „אל שדי". (שמות ו 3).

28) „רובץ־רובצת", הויערט, ווערט געברויכט אין תנ"ך בלויז פאר א חיה.

„תהום“, אדער אויך „תהום רבה“ הייסט ניט א געוועהנליכער אבגרונד, נור דאס איז אן אויסדרוק געבליבען פון דער אלטער סעמיטישער מיטאלאגיע. ס'איז דאס־זעלבינע ווי תיאמאת ביי די אלטע באבילאניער, די פערזאניפיצירונג פונ'ם אור־כאאס, דעם וועלט־אקעאן, וואס פון איהם איז די וועלט ענטשטאנען, פארגעשטעלט אלס א לעבעדיגע זאך, אלס א מורא'דיגער מאנסטער. דערום געפינט זיך אין גאנצען תנ"ך ניט „תהום“ מיט א ה' הידיעה, מחמת ס'איז ניט קיין גאטונגס־נא־מען (שם עצם כללי), נור אן אייגען־נאמען (שם עצם פרטי). אין דעם זאץ „תהום רובצת תחת“ גיט דער פאעט א לעבעדיגען, קאנקרעטען בילד פון וואסער־מאנס־טער, דעם תהום, ווי ער הויערט אונטער דר'ערד ווי א ריזיגע, ווילדע חיה. (דער לויתן און די לויתן'טע זיינען משרתים, אונטערהעלפערס, ביי דעם „תהום“. לויט מאנכע געלעהרטע איז „לויתן“, אזוי ווי „רהב“, ניט מעהר ווי א שם־נרדף פון „תהום“).

29) „על ברכות הררי עד, תאות גבעות עולם“, לויט'ן תרגום השבעים.

30) „נזיר“ פארקעמפער פון ישראל. איינער וואס גיט אב זיין לעבען אין פיהרען יהוה'ס מלחמות, ווי, למשל, שמשון הגבור. מאנכע מבארים דערקלערען „נזיר“ פון „נזר“, א קרוין, און איבערזעצען „נזיר אחיו“ — דעם געקרוינטען צווישען זיינע ברידער.

משה'ס ברכה.

31) „ואתא מריבת קדש“, לויט עוואלד, אנגענומען פון די מעהרסטע מאדערנע מבארים.

32) „אש דת“ האט ניט געקאנט זיין דער אורשפרינגליכער נוסח. ווארים דאס ווארט „דת“ איז פערסיש און האט דעריבער ניט געקאנט געברויכט ווערן פאר דער פערסישער פעריאדע. לויט דילמאנן „אש יוקדת“. מאנכע מאכען דער־פון איין ווארט „אשדת“ און דערקלערען עס לויט פערגלייכונגען פון אראביש אלס בליציג פייער. (זעה חבקוק ג 4).

33) „אף חובב עמו“, לויט'ן תרגום השבעים.

34) מאנכע מאדערנע מבארים בעסערען אויס דעם העברעאישען טעקסט ווי פאלגט:

אף סובב עמו,
כל קדושיו בידו,
והם ישקו לרגלו,
ישאו מרכבותיו.

35) א צושטעלונג פון א שפעטערדיגער צייט. האט דא ניט קיין שום צוזאמענהאנג.

36) ניט א ירושה פון דער פערזאמלונג פון יעקב. אין אט דעם פאל האט בעדארפט שטעהן „מורשת", אין סמיכות. „קהלת יעקב" איז דא דער סוביעקט און „מורשה" דער פרעדיקאט פון זאץ. דער זין איז: אידען זיינען געווארען יהוה'ס ירושה. (פערגלייך אין משה'ס געזאנג „יעקב חבל נחלתו").

37) יהוה איז געווארען א מלך ביי אידען. „ישרון", א נאמען פאר'ן אידי־שען פאלק ווי ישראל.

38) דא ענדיגט זיך דער פראלאג און עס הייבען זיך אן די געזאנגען אויף די איינצעלנע שבטים.

39) יהודה האט מיט זיינע הענד געקעמפט פאר איהם, פאר'ן פאלק הייסט עס, אין דער צייט פון דוד'ן, דערפאר דארף איהם יהוה העלפען אין זיין קאמף געגען זיינע פיינד.

40) ניט „שמים מטל", נור „שמים מעל", א קאנטראסט צו „תחת" פון „מתהום".

41) וועגען נזיר" זעה אנמערקונג 30.

42) ער שטויסט צוזאמען מיט זיינע הערנער די פעלקער פון איין ברעג וועלט ביז צום אנדערן.

43) וועגען „מחוקק" זעה אנמערקונג 4 צו די „געזאנגען פון אלגעמיינעם לעבען". דער חלק פון א פיהרער: דער בעסטער, פעטסטער חלק.

44) מאנכע מאדערנע מבארים מאכען פון „ספון ויתא" איין ווארט: „ויתא־ספון", און זיי האבען זיך פערזאמעלט:

כי שם חלקת מחוקק,
ויתאספון ראשי עם.

45) „דבאך" האט ניט קיין אנאלאגיע אין תנ"ך. אלע איבערזעצונגען פון אט דעם זאץ בלייבען דערום ניט מעהר ווי א השערה.

דא ענדיגען זיך די געזאנגען אויף די שבטים, און עס הייבט זיך אן דער עפילאג.

46) „בדד" אבגעזונדערט. ניט אין א רעליגיעזען, נור גיכער אין א פאלי־טישען זין. ארץ ישראל, מיינט דער פאעט, איז געאגראפיש אבגעזונדערט פון די לענדער ארום, און אידען דארפען דערום קיין מורא ניט האבען פאר אן אטאקע פון א שונא. א ראיה: „בדד" איז דא א שם־נרדף (סינאנים) פון „בטח".

47) „טרעטען אויף די הויכען פון לאנד" איז א בילדליכער אויסדרוק פון איינדרינגען אין א לאנד אלס זיגער. פערגלייך „ירכיבהו על במתי ארץ" אין משה'ס געזאנג.

בלעם'ס ברכות און נבואות

48) „ער מואב", לויט די מעהרסטע מאדערנע מבארים. דער נאמען „ער" פון א שטאדט אין מואב איז דערמאנט אויך אין פיעל אנדערע שטעלען אין תנ"ך. (זעה דעם געזאנג אויף דעם קעניג סיחון, ז. 103; ישעיה ט"ו 1). „ער" און „קרית־חוצות" (גאסען־שטאדט) צוויי מואב'ישע שטעדט ביים גרענעץ. „קרית־חוצות" איז אנדערשוואו ניט דערמאנט.

49) מאנכע בעסערען עס אויס אין „במת בעל": א הייליגער ארט, וואו מ'האט געדינט דעם גאט בעל.

50) ווען דער מכשף וויל פערשילטען א מענשען, מוז ער איהם אנקוקען, סיידען ער האט עפעס א זאך זיינע, ווי: האר, נעגעל, בילדער.

51) „שפי“, אליין, „יחידי“ לויט אונקלוס. מאנכע נעהמען „שפי“ אלס דעם יחיד פון „שפיים“ און איבערזעצען עס: א פליקער בארג. לויט'ן תרגום השבעים איז „שפי“ א געבליבענער פראגמענט פון א לענגערן זאץ. לכתחילה איז געשטאנען „וילך בלעם לשאול את פי יהוה“. מאנכע מאדערנע מבארים לעזען „וילך לכשפיו“.

52) „משל“ האט לכתחילה בעדייט יעדער ליד מיט א טיפערן זין. שפּע־טער איז עס געווארען א בעצייכנונג פאר א שפּאטליד (והיית למשל), נאך שפּעטער פאר יעדען אויסדרוק מיט אן אלעגארישען זין און פאר יעדען זאץ מיט א דידאק־טישען אינהאלט (משלי שלמה). בכלל האט די ביבעל בלויז צוויי נעמען פאר פּאעזיע: שיר און משל. „שיר“ איז א לירישער ליד, מעהר צום זינגען, און „משל“ איז א בעלעהרענדער ליד, מעהר צום לעזען און נאכדיינקען.

53) „אדום“ איז דא פערגרייזט געווארען אין „ארם“; דערזעלביגער גרייז געפינט זיך אויך אין שמואל ב, ח 12 און אין מלכים א, י"א 25. אז בלעם האט ניט געקאנט קומען פון פרת, איז צו זעהן פון זיין מארשרוט: ער־מואב, ביים ארנון; קרית־חוצות, אין מערב פון מדבא, ניט ווייט פון נבו; דאן אויף במת־בעל, נאכהער אויף דעם פסגה און צום סוף אויף דעם פעור. אט די אלע אויסגערעכענטע פלעצער ליעגען אין א ליניע פון דרום קיין צפון. וואלט בלעם געוועזען פון ארם, פון אן ארט ביים פרת, אדער, לויט אן אנדער קוועלע אין חומש, פון עמון (ארץ בני עמו־עמון), דאן וואלט בלעם ניט געקומען פון דרום, נור פון צפון־מזרח. לויט איין קוועלע אין חומש (במדבר ל"א 8) האט בלעם געלעבט צווישען די מדינים. די לעצטע האבען געלעבט אלס בעדואינער צום טייל אין אדום, צום טייל נאך ווייטער צו מזרח אין מדבר פון סוריא. די אדומים, די מדינים און די אלע „בני קדם“ זיינען בעריהמט געוועזן מיט זייערע גרויסע חכמים (זעה עובדיה; ירמיה מ"ט 7; מלכים א, ה 10; ישעיה ב 6). בלעם איז אלזא געקומען פון לאנד אדום און האט אין דעם עלטסטען נוסח פון דער זאגע און פון די געזאנגען רעפּרעזענ־טירט די אדומים. ער ענדיגט אויך מיט א נבואה אויף דער מפּלה פון בלק'ס פאלק, מואב, און פון זיין פאלק, אדום. (זעה איינפיהרונג צו בלעם'ס געזאנגען).

54) אין „וזאת הברכה“ (ומראש הררי קדם) איז „קדם“ א שם־נרדף (סיאנים)

פון „עולם" און בעדייט: אוראלט. דא איז דאס אבער א געאגראפישע בעצייכנונג. די „בני קדם" האבען געהייסען די נאמאדישע שבטים וואס האבען ארומגעוואנ־דערט אין מזרח־זייט פון עמון, מואב און אדום. (זעה בראשית כ"ה 6; כ"ט 1).

55) זעה אנמערקונג 46. „ווען מ'קוקט אריבער פון דעם הויכלאנד פון מואב צו די בערג פון יהודה און אפרים און מ'זעהט אומעטום דעם טיפען ירדן־טאל, וועלכער שיידט אב דאס אייגענטליכע פאלעסטינא ווי מיט א שארפען שניט פון די גרעניץ־לענדער ארום, פערשטעהט מען דעמאלט ווי דער איד האט געקאנט בעטראכ־טען זיין לאנד אלס איזאלירט פון די פעלקער, וואס רינגעלט עס ארום".

56) „ומי ספר רבבות ישראל" לויט'ן תרגום השבעים. א. ב. עהרליך אין זיינע „ראנדגלאסען" (אין העברעאיש הייסט דאס בוך „פשוטו של מקרא") דער־קלערט „רבע" לויט אנאלאגיען פון אראביש אלס „פיינער שטויב", א סינאנים צו „עפר" אין פריהערדיגען פערז.

57) מאנכע מאדערנע מבארים לעזען אנשטאט „מות ישרים" — „מות ישרון". אין אט דעם פאל שטימט דער לשון יחיד פון „כמוהו" אין פאלגענדען פערז. יעדענפאלס איז דא געמיינט מיט „ישרים" די בעסטע און טאפפערסטע פון אידישען פאלק.

58) „משנה מקום, משנה מזל"; אן אלטער אבערגלויבען.

59) ס'הייסט: יהוה איז דער מלך פון ישראל. פערגלייך „און ער איז געווארען קיניג אין ישרון" אין פראלאג פון משה'ס ברכה.

60) אונטערברעכט דעם טעקסט. שיינט צו זיין צוגעשריבען שפעטער אין דער צייט פון די ליטערארישע נביאים. דער געדאנק איז, אז ביי אידען איז ניטא קיין טרעפעניש דורך כשוף־צייכענס; זיי דארפען עס ניט, מחמת זייער גאט לאזט זיי וויסען זיין ווילען דורך זיינע נביאים.

61) אויב בלעם וואלט געקעהרט זיין פנים צום מדבר אין מזרח־זייט פון מואב, וואלט ער דעמאלט ניט געקאנט קוקען אויף די אידען. מיט ישימון און מדבר איז דא געמיינט דער ירדן־טאל ארום יריחו (אויף ערבות מואב).

62) זעה די פריהערדיגע אנמערקונג.

63) זעה אנמערקונג 27.

64) לויט מאנכען „כאילים", ווי לינדענבוימער, אדער „כערבים", ווי ווער־בעבוימער.

65) מענליך, אז אט דער געזאנג איז פערפאסט געווארען נאך אין שאול'ס צייט צו זיין נצחון איבער אגג מלך עמלק. אז אלע געזאנגען בלעם'ס שטאמען פון שאול'ס צייט, קען מען דערפון ניט דרינגען.

66) „וחלציו" אנשטאט „וחציו", לויט די מעהרסטע מאדערנע מבארים. פערגלייך „צושמעטער זיינע נעגנער די לענדען" (מחץ מתנים קמיו) אין משה'ס ברכה.

67) א נאמען פאר די מואבים.

68) עס הייסט: אז עראבערטע און אונטערגעווארפענע לאנד.

69) דער העבראאישער טעקסט איז דא צומישט און פערגרייזט. א סך מאדערנע מבארים רעקאנסטרואירען איהם ווי פאלגט:

והיה אדום ירשה,
וישראל עושה חיל;
וירד יעקב באויביו,
והאביד שריד משעיר.

דאס איז די וואהרשיינליכסטע אויסבעסערונג וואס מ'קען דא מאכען.

70) „ראשית גוים", א בעצייכנונג פאר דאס אידישע פאלק, אין עמוס ו 1. דארטען בעדייט עס: דאס בעסטע פון די פעלקער. דא ביי עמלק'ן האט עס לענטיג די בעדייטונג פון „דאס מערכטיגסטע פון די פעלקער". בכלל איז דא דער „ראשית" א פאעטישע גוזמא כדי צו האבען אן אנטיטעזיס צו „אחרית".

71) „קיני — קן" א פאעטישער ווארטשפיל. די קינים, אזוי ווי די אדומים, האבען געוואוינט אין אונצוגענגליכע פעלזנעסטען אין דרום פון יהודה ביז אדום.

72) עס הייסט: דער שבט קין. זעה די ערקלערונג צו דעם געזאנג פון נקמה.

73) לויט מאנכען: „אוי מי יחיה מישמעאל!“ (זעה תהלים פ"ג). ישמעאל איז געווען א נאהנטער שכן און קרוב פון אדום, מואב, עמלק.

דידאַקטישע געזאַנגען.

משה'ס געזאַנג.

1) דער קבר איז דעמאלט געווען ביי זיי א פאמיליען־קבר, דערפון שטאמט אין דער ביבעל דער אויסדרוק זיך לעגען מיט די עלטערן אדער פערזאמעלט ווערן צו זיין פאלק.

2) ווערטליך: וועלען ווערן א שפייז פאר זייערע פיינד.

3) „כתב לך“ אנשטאט „כתבו לכם“, ווייל דא ווערט אומעטום גערעדט צו איינעם, צו משה'ן.

4) „יצר“ הייסט דער געדאנק, דער אימפולס וואס ארבייט אין מענשען'ס הארץ. מיט „יצרו אשר הוא עושה“ מיינט דער ביבלישער שריפטשטעלער: דער אופן ווי ער דיינקט, ווי ער שאפט זיינע געדאנקען.

5) א שפעטערדיגער איבערשרייבער האט דא קענטיג פערמישט „שירה“ מיט „תורה“; דען ניט די תורה, נור דער געזאנג איז אן עדות געגען די קינ־דער פון ישראל.

6) עס הייסט: אויף א פארמעט; דערום „על ספר“, ניט „בספר“.

7) „שם“ איז דער ביבעל בעדייט ניט בלויז נאמען, נור אויך גרויסקייט, בעריהמטקייט (אנשי השם).

8) וואלט דער פאעט לכתחילה געשריבען זיין פאעמע אונטער משה'ס נאמען, וואלט ער שווערליך דערקלערט די וואנדערונגען דורכ'ן מדבר און די עראבערונג פונ'ם לאנד כנען אלס פאסירונגען פון דער אורגראהער צייט.

9) עס הייסט: ער האט אזוי פערטיילט די פעלקער אין די פערשידענע לענדער, אז פאר אידען זאל בלייבען דאס לאנד וואס פאסט זיך אזוי פאר זיי: ארץ ישראל.

10) פערגלייך אנמערקונג 47 צו „ברכות, קללות און נבואות".

11) א סך מאדערנע לעזען „ויאכילהו", און ער האט איהם געלאזט עסען, כדי צו האבען דעם „הפעיל" אין אלע דריי פערזען.

12) „שדים", דעמאנען, טייוואלים; פערגלייך „ויזבחו את בניהם ואת בנותיהם לשדים", תהלים ק"ו 37.

13) דאס ווארט דריקט אויס די שטעלונג פון פרימיטיווען מענש צו זיין גאט: עס כאפט איהם א שרעק אין זיין נעגענווארט. מאנכע דערקלערען „שערום", פון אן אראבישען ווארט „שא'ארא", קענען. לויט אט דער ערקלערונג זיינען „ידעום" און „שערום" שמות־נרדפים.

14) „מחוללך" מלשון „חיל", וועהעניש (חיל ביולדה). „ילדך" גהעט אויפ'ן פאטער און „מחוללך" אויף די מוטער. יהוה, זאגט דער פאעט צום אידישען פאלק, איז אי אייער פאטער, אי אייער מוטער.

15) בעציהט זיך אויף די ארמים, די אשורים אדער די כשדים. עס הייננט אב פון דער פעריאדע, אין וועלכער דער ליד איז פערפאסט געווארען.

16) זעה אנמערקונג 10 צו די קולט־ און רעליגיעזע געזאנגען.

17) די בעדייטונג פון ווארט „אפאהם" איז אונזיכער. לויט די עלטערע אידישע מבארים שטאמט עס פון „פאה", א ברעג, אן ענד, און דער זין איז דא: איך וועל זיי צושפרייטען אין אלע עקען פון דער וועלט. לויט דער סורישער ביבעל (פשיטא) און לויט דער לאטיינישער ביבעל (וואולגאטא) דארף מען לעזען „איפה הם". גרעטץ לעזט לויט דעם תרגום השבעים „אפיצם". מאנכע איבערזעצען „איך וועל זיי צורייסען", ליט אן אראבישער אנאלאגיע. דער זין איז דא יעדענפאלס: איך וועל מאכען א כליה פון זיי, לויט ווי ס'איז צו זעהן פון פאלגענדען פאראלע־לען פערז.

18) „ליום נקם ושלם", לויט'ן תרגום השבעים. „ליום" א פאראלעל צו „לעת".

19) „ואפס עצור ועזוב" איז א שפּריכווערטליכער אויסדרוק געברויכט פיעל מאל אין תנ"ך (מלכים א, י"ד 10; כ"א 21; מלכים ב, ט 8; י"ד 26). גענוי די בעדייטונג דערפון קען מען היינט ניט וויסען, נור אומגעפעהר האט דאס בעדייט ווי אין אידיש „פון האר ביז גאר".

20) זעה אנמערקונג 1 צו די געזאנגען פון קריג און נצחון. די וועלכע איבערזעצען „בפרוע פרעות" — ווען פיהרער פיהרען, איבערזעצען „מראש פרעות אויב" — קעפ פון די פיהרער פון פיינד.

21) עס הייסט: בעגריסט, גראטולירט.

22) א סך מאדערנע מבארים לעזען „אדמת עמו", דאס לאנד פון זיין פאלק, ארץ ישראל.

23) עס הייסט: א בעליבטע טהעמע אין דער אידישער פאעזיע, אידי־שע פאעטען ליבען צו זינגען לידער פון זיין גרויסקייט און העלדישקייט.

24) „אמר אלהי יעקב". „אלהי יעקב" א פאראלעל צו „צור ישראל".

25) „מגיה" אדער „מנובב" (זכריה ט 17, בריינגט ארויס, אדער מאכט וואקסען, לויט די מעהרסטע מאדערנע מבארים.

26) „הלא יצמיח" אנשטאט „כי לא יצמיח", אנגענומען לויט וועלהויזען פון די מעהרסטע מאדערנע מבארים. זאנסט איז אט דער פערז א דירעקטע סתירה צו די פריהערדיגע.

28) דאס ווארט „בשבת" איז דא בטעות אריינגעפאלען פון דער פאלגענ־דער שורה (יושב בשבת תחכמוני).

27) ביי די מעהרסטע מבארים „יוקחו", ווערן אנגענומען.

ביבליאָגראַפישע אָנווייזונגען

אין אידיש איז צום בעדויערען ביז איצט נאך גאר ניט ערשינען אויפ'ן געביט פון דער ביבלישער וויסענשאפט. אין העברעאיש איז כלומר'שט יא געשריבען געווארען איבער דעם; דאך, א חוץ די עטליכע בענדער פון דעם „תנ"ך מיט א וויסענשאפטליכען קאמענטאר" (תנ"ך עם פירוש מדעי, על ידי אברהם כהנא), איז כמעט ניטא עפעס וואס זאל ווערט זיין דערמאנט צו ווערן אין א ביבליאגראפיע.

פאר דעם אידישען לעזער וואס קען אייראפעאישע שפראכען און וואס וויל מעהר אדער וועניגער בעקאנט ווערן מיט דער וויסענשאפט וועגען דעם תנ"ך, גיבען מיר דא מאנכע ביבליאגראפישע אנווייזונגען. פון דער געוואלדיג רייכער ליטעראטור האבען מיר נור אויסגעקליבען די מאדערנסטע און בעסטע ביכער אין יעדען צווייג פון דער ביבלישער וויסענשאפט. מיר דערמאנען ניט קיין עלטערע ביכער, וואס זייער פלאץ איז איצט שוין פערנומען געווארען פון נייערע, וועלכע ענטהאלטען די לעצטע רעזולטאטען פון די פארשונגען. מיר דערמאנען אויך ניט קיין ביכער וואס זיינען געשריבען אין א הארבען סטיל און זיינען בעשטימט נור פאר פאך־לייט. די ביבליאגראפיע האט פאר איהר צוועק צו זיין א וועגווייזער פאר אינטעליגענטע אידישע לעזער, וואס ווילען שטודירען דעם תנ"ך אהן טראדיציאנעלע פאראורטיילען.

*

„ווילסטו דעם דיכטער פערשטעהן, מוזטו אין דעם דיכטער'ס לאנד געהן".

אום צו פערשטעהן די ביבעל איז דעריבער קודם כל נויטיג צו קענען דאס לאנד פון דער ביבעל, ארץ ישראל. קורצע אבהאנדלונגען איבער פאלעסטינא אין די אלטע צייטען פון דער אידישער געשיכטע קען דער לעזער געפינען ביי:

Kittel, Geschichte des Volkes Israel. 2te Aufl. 1912, I, 10—46.

Benzinger, Hebräische Archäologie. 2te Aufl. 1907, Land und Leute, 10—61.

Nowack, Lehrbuch der Hebräischen Archäologie, 1894, I, Palestina und seine Bewohner, 25—99.

ספעציעלע ביכער איבער דעם געגענשטאנד זיינען:

Kent, Ch. F., Biblical Geography and History, 1911.

Buhl, F., Geographie des alten Palestina, 1896.

די גרעסטע ווערק איבער דעם געגענשטאנד זיינען:

Smith, G. A., Historical Geography of the Holy Land, 8th Ed. 1901.

Smith, G. A., Atlas of the Historical Geography of the Holy Land, 1915.

*

דאס פאלק ישראל איז אין דער אוראלטער צייט געווען א מיטגליד פון דער גרויסער סעמיטישער פעלקער־משפחה, און דאס אידישע לעבען איז דעמאלט געווען דורך און דורך אריענטאליש, מזרח׳דיג, א טייל פון דעם לעבען פון דער סעמיטישער ציוויליזאציע אין די מזרח־לענדער. אום צו פערשטעהן די ביבעל וויסענשאפטליך מוז מען דערפאר קענען די ברייטע היסטארישע סביבה וואו זי איז געשאפען געווארען. דערצו איז אונבעדינגט נויטיג צו זיין בעקאנט מיט דער אלטער געשיכטע פון עגיפטען און נאך מעהר פון בבל און אשור. קירצערע און לענגערע געשיכטס־ביכער פון אט די דערמאנטע לענדער קאן דער לעזער קריגען אין יעדער ביבליאטעק; ער מוז נור אכטונג געבען, אז דאס בוך זאל זיין ארויס־געגעבען אין די לעצטע יאהרען. עלטערע ביכער וועגען דער געשיכטע פון אלטען מזרח האבען היינט קיין ווערט ניט, מחמת די דאזיגע וויסענשאפט געפינט זיך אין א בעשטענדיגען פראצעס פון וואקסען און ענטוויקלען זיך.

ווערטפולע קירצערע בעשרייבונגען פון דעם סעמיטישען הינטערגרונד פון דער אידישער געשיכטע קען דער לעזער געפינען ביי:

Kittel, Geschichte des Volkes Israel. 2te Aufl. 1912, I, 47—236.

Kent, Ch. F., Historical Bible, 1908, I, 1—18.

פון די פיעל גרעסערע פאפולערע ווערק איבער דעם געגענשטאנד רעקאמענ־דירען מיר:

Paton, L. B., Early History of Palestine and Syria, 1901.

Cormack, G., Egypt in Asia, 1906.

Handcock, P. S., The Latest Lights on Bible Lands, 1913.

פיעל ראטזאמער און אינטערעסאנטער פאר אט דעם צוועק איז צו לעזען א אידישע געשיכטע אין דעם ראהם פון דער וועלטגעשיכטע. אזעלכענע ביכער, זעהר אינטערעסאנט אנגעשריבען, זיינען:

Lehmann-Haupt, Israel, seine Entwicklung im Rahmen der Weltgeschichte, 1911.

McCurdy, J., History, Prophecy and the Monuments. 2nd Ed., 1911.

דאס לעצטע בוך ענטהאלט די אידישע געשיכטע צוזאמען מיט א פאלשטענדיגער געשיכטע פון אלטען מזרח.

*

ווער עס וויל אביסעל טיפער איינדרינגען אין דער וויסענשאפט און וויל בעקומען א צוטריט צו די נייע ענטדעקטע קוועלען פון דער געשיכטע, די אויסגעגראבענע אויפשריפטען פון אלטען מזרח, וועלכע האבען א דירעקטע שייכות צום תנ"ך און שטעלען איהם אין א נייער בעלייכטונג, דער קען זיי לעזען ביי:

Rogers, R. W., Cuneiform Parallels to the Old Testament, 1912.

Ball, C. J., Light from the East, 1899.

Altorientalische Texte und Bilder zum Alten Testament. Herausgegeben von Hugo Gressmann, 1909.

*

וועגען דער נייער בעלייכטונג וואס די ביבעל האט בעקומען דורך די אויסגעגראבענע מאנומענטען פון אלטען מזרח:

Kittel, Die alttestamentliche Wissenschaft, 1910.

געפינט זיך אויך אין א גוטער ענגלישער איבערזעצונג.

Handcock, P. S., The Latest Lights on Bible Lands, 1913.

Jastrow, M., Hebrew and Babylonian Tradition, 1914.

*

אום צו פערשטעהן די ביבעל און די ענטוויקלונג פון דער אידישער געשיכטע אין דער ביבלישער עפאכע איז ניט גענוג צו קענען די אויסגעגראבענע מאנומענטען פון אלטען מזרח און דאס ליכט וואס זיי ווארפען אויף דער ביבעל. מ'מוז אויך קענען די טעקסט־קריטיק פון דער ביבעל, די פונאנדערשיידונג פון די פערשידענע צונויפגעשריבענע עלטערע דאקומענטען און זייער שייכות איינער צום אנדערן. מ'מוז צו אט דעם צוועק לעזען וויסענשאפטליכע איינפיהרונגען אין דער ביבעל. אזעלכע איינפיהרונגען זיינען פאראן צווייערליי: ביכער וואס גיבען א ליטעראטור־קריטישע איינפיהרונג אין דער ביבעל אין דער ארדנונג ווי זי איז אונז דערהאלטען געבליבען פון דער מסורה, און ביכער וואס גיבען א ליטעראטור־היסטארישע איינפיהרונג אין דער ביבעל. זיי ווייזען, הייסט עס, ווי די ביבלישע ליטעראטור האט זיך ענטוויקעלט און ווי זי וואלט בעדארפט זיין צוזאמענגעשטעלט פון א ליטעראטור־היסטארישען שטאנדפונקט.

פון די ליטעראטור־קריטישע איינפיהרונגען רעקאמענדירען מיר:

Cornill, C., Einleitung in die kanonischen Bücher des Alten Testaments. 7te Aufl., 1913.

פאראן אויך א גוטע ענגלישע איבערזעצונג.

Sellin, E., Einleitung in das Alte Testament, 1910.

זעהר א מאדערן ביכעל מיט אן ארגינעלער שטעלונג צו פיעל טעקסטקריטישע פראבלעמען.

דאס גרעסטע און אויספיהרליכע ווערק פון אט דעם זארט איז:

Steuernagel, C., Lehrbuch der Einleitung in das Alte Testament, mit einem Anhang über die Apokryphen und Pseudepigraphen, 1912.

פון די ליטעראטור־היסטארישע איינפיהרונגען רעקאמענדירען מיר:

Kautzsch, E., Abriss der Geschichte des alttestamentlichen Schrifttums, 1899.

Wildeboer, G., Die Literatur des Alten Testaments, 1895.

Fowler, H. T., A History of the Literature of Ancient Israel, 1912.

דאס גרעסטע און אויספיהרליכסטע ווערק פון אט דעם זארט איז:

Budde, K., Geschichte der althebräischen Literatur. Apokryphen und Pseudepigraphen von Alfred Bertholet, 1906.

*

שטודיען אין דער ביבעל פון א ריין ליטעראַרישען שטאנדפונקט זיינען:

Kautzsch, E., Die Poesie und die poetischen Bücher des Alten Testamentes, 1902.

Wünsche, A., Die Schönheit der Bibel, I, 1906.

Wünsche, A., Die Bildersprache des Alten Testaments, 1906.

Gardiner, J. H., The Bible as English Literature, 1906.

Moulton, R. G., Literary Study of the Bible, 1908.

Moulton, R. G., A Short Introduction to the Literature of the Bible, 1903.

Houghton, L. S., Hebrew Life and Thought, 1906.

Smith, G. A., Early Poetry of Israel, 1912.

די אריגינעלסטע און טיפסטע אבהאנדלונג איבער דער ליטעראטור פון דער ביבעל איז:

Gunkel, Hermann, Die israelitische Literatur (in "Die Kultur der Gegenwart", I, 7, 1906).

אַ אוצר פון ליטעראַטור־היסטאָרישען מאַטעריאַל וועט דער לעזער געפינען אין

Die Schriften des Alten Testaments in Auswahl neu übersetzt und für die Gegenwart erklärt von Hugo Gressmann, Hermann Gunkel, M. Haller, Hans Schmidt, W. Stärk und Paul Volz, 1911.

*

אַן איבערבליק איבער דער ענטוויקלונג פון דער ביבעל־קריטיק קען מען געפינען ביי:

Smith, H. P., Old Testament History, Preface, 1903.

Duff, A., History of Old Testament Criticism, 1910.

און אויך אין די אויבענדערמאַנטע איינלייטונגען פון קאָרניל און שטייערנאַגעל.

*

אידישע געשיכטעם פון דער ביבלישער עפּאָכע, געשריבען פון אַ מאָדערנעם קריטישען שטאַנדפּונקט זיינען:

Kent, Ch. F., History of the Hebrew People; History of the Jewish People, 1896—1899.

Ottley, R. L., A Short History of the Hebrews. 2nd Ed. 1915.

Löhr, M., Geschichte des Volkes Israel in acht Vorträgen dargestellt, 1900.

Wade, G. W., Old Testament History. 2nd Ed., 1904.

Guthe, H., Geschichte des Volkes Israel. 3te Aufl., 1914.

Smith, H. P., Old Testament History, 1903.

Kittel, R., Geschichte des Volkes Israel. 2te Aufl., 1912.

די ארדנונג אין די ביכער איבער אידישער געשיכטע ווי מיר האבען דא געשטעלט איז פון לייכטערע צו שווערערע. לעזער ווערן דערפאר געראטען צו לע־זען פריהער די לייכטערע און קירצערע ביכער וואס שטעהען צוערשט אין דער רייה. די אידישע געשיכטע פון קיטטעל אין דער נייער, פערבעסערטער אויפלאגע איז דאס גרעסטע, נייסטע און אויספיהרליכסטע ווערק אין אט דעם פאך און פערנעהמט דעם פלאץ פון דאס עלטערע ווערק מיט'ן זעלביגען נאמען פון ב. שטאדע. דער לעזער מוז אבער געדיינקען, אז קיטטעל, א געוועזענער גלח, געהערט צו דער קאנסערוואטיווער שולע אין דער ביבעל־קריטיק, און כאטש ער גיט נאך א סך וועללהויזען'ען, דאך, וואו ער קאן נור, זוכט ער ארייצוזונגב'ענען די טראדיציע דורך וויסענשאפטליכע הינטערטירלעך.

*

איינצעלנע נעגענשטענדע פון דער ביבעל קען מען נאכקוקען אין פאלגענדע ענציקלאפעדיעס:

Kurzes Bibelwőrterbuch, Guthe.

Die Religion in Geschichte und Gegenwart.

Dictionary of the Bible, Hastings.

Encyclopedia Biblica, Cheyne.

*

גוטע וויסענשאפטליכע קאמענטארען צום תנ"ך זיינען:

Handkommentar zum Alten Testament. Herausgegeben von W. Nowack.

Kurzer Hand-Commentar zum Alten Testament. Herausgegeben von K. Marti.

The International Critical Commentary on the Holy Scriptures.

*

נוטע מאדערנע איבערזעצונגען פון תנ"ך זיינען:

Kautzsch, E., Die Heilige Schrift des Alten Testaments in Verbindung mit Professor Budde...Guthe...3te Aufl. 1909—1912.

Die Bücher der Bibel. Herausgegeben von F. Rahlwes. Zeichnungen von Lilien. Nach der Uebersetzung von Reuss, 1908—1912.

Moulton, R. G., The Modern Readers Bible, 1907.

נוטע מאדערנע איבערזעצונגען פון די אפאקריפישע און פסעוודעפיגראפישע ביכער זיינען:

Kautzsch, E., Die Apokryphen und Pseudepigraphen des Alten Testaments, 1898.

Charles, R. H., The Apocrypha and Pseudepigrapha of the Old Testament, 1913.

*

פאר יעדען אנפאנגער אין ביבעל־קריטיק איז ראטזאם צו לעזען:

Kent, Ch. F., Historical Bible, 1908—1911.

די ערשטע פיער בענדלעך בעהאנדלען דאס אלטע טעסטאמענט און זיי ענטהאלטען די מעהרסטע, וויכטיגסטע שטיקער פון תנ"ך מיט זעהר פאפולערע היסטארישע, געאגראפישע און ליטעראַרישע ערקלערונגען.

*

ווענען דעם לעבען פון די שבטים אין ארץ ישראל און איבערהויפט ווענען דער שייכות צווישען דבורה'ס געזאנג, יעקב'ס ברכה און משה'ס ברכה, וואס איז זעהר א בעשטריטענער פונקט אין דער מאדערנער ביבעל־קריטיק, קען דער לעזער געפינען גענויערעס ביי:

Kittel, Geschichte des Volkes Israel, II, 2te Aufl. 1909, 59—81.

Sellin, Einleitung in das Alte Testament, 1910, 18—22.

Eduard Meyer, Die Israeliten und ihre Nachbarstämme, 1906.

Steuernagel, C., Die Einwanderung der israelitischen Stämme in Kanaan, 1901.

אין עדואַרד מייער׳ס בוך איז זעהר אינטערעסאַנט די ערשטע אבהאנדלונג וועגען דעם שבט לוי „די מאזעזאַגען אונד דיע לעוויטען“. שטייערנאַגעל׳ס בוך איז אין גאַנצען געבויט אויף השערות און מוז דערום זעהר פאָרזיכטיג גענומען ווערן. דער צד השוה אבער אין אַט די ביידע ביכער איז, אז זיי קענען געלעזען ווערן נור פון פאָרגעשריטענע סטודענטען אין ביבעל־קריטיק. אנפאַנגער ווערן רעקאָמענדירט צו לעזען דעם קאַפּיטעל „דיע פריעסטער אונד די לעוויטען“ אין וועלהויזען׳ס „פּראָלעגאָמענא צור געשיכטע איזראַעלס“.